STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01914

# DI ARBEYTER UN DOS GEZETS

Morris Hillquit

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[redacted]

ארבייטער ביבליאָטעק — נומער IV

# די אַרבּייטער

און

# דאָס געזעץ

פון

מאָרים הילקוויט

פינף לעקציעס, געהאַלטען פאַר די מיטגליעדער און טוער פון דער „אינטערנעשאָנאל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן“, אין דער נויאָרקער רענד סקוהל פון סאָציאלע וויסענשאַפט, אין ווינטער 1916.

ארויסגעגעבען פון דער

אידישער סאָציאליסטישער פעדעראציאָן פון אַמעריקא.

ניו יארק, 1917.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 446

Copyright by
The Jewish Socialist Federation of America,
New York, N. Y.

# אינהאַלט:

## ערשטע לעקציע

זייט

**דאָס געזעץ און דער קלאסען־קאמפף ............ 5**

1. דאָס געזעץ לויט וועלכען דאָס געזעץ ענטוויקעלט זיך 5
2. דער „טייטש“ פון פערברעכען אין פערשיעדענע צייטען און פערשיעדענע געזעלשאפטען ...... 7
3. דער הויפט־צוועק פון געזעץ............ 9
4. פרייהייט און גלייכהייט אלס ווערקצייג פון די הערשענדע קלאסען .................. 13
5. דער ניט־פרייער און פרייער קאָנטראקט — ביידע אין די אינטערעסען פון די הערשענדע ......... 17
6. ווען די ארבייטסגעבער זיינען פאר און ווען זיי זיינען געגען דער אריינמישונג פון געזעץ......... 21
7. ווי דער קלאסען־קאמפף שפיעגעלט זיך אָפּ אין געזעץ 24
8. דער ערשטער פאבריק־געזעץ............... 28
9. די מאָדערנע ארבייטער געזעצגעבונג........... 30

## צווייטע לעקציע

**געזעץ און ארבייטער־אָרגאניזאציאָנען............ 32**

1. ווען איז מעגליך געוואָרען אַן ארבייטער־יוניאָן.. 33
2. דער ארבייטער פון אַמאָל און דער פראָלעטאַריאַט פון הייגט ....................... 34
3. די הויפט סמנים פון פראָלעטאַריאט און פון קאפיטאַליסטישען קלאַס ................. 39
4. דער פיזישער תנאַי פון ארבייטער־פעראייניגונג.... 42
5. די קערענדלעך פון די מאָדערנע טרייד־יוניאָנס.... 44
6. ווען די מאָדערנע טרייד־יוניאָן איז אויפגעקומען.. 47
7. 50 יאָהר געשיכטע פון טרייד־יוניאָן בעוועגונג אין די יונייטעד סטייטס.................... 49
8. די יוניאָנס אונטער דעם חרם פון געזעץ........ 53
9. דער ערשטער פראָצעס געגען אַ יוניאָן אין יונייטעד סטייטס ....................... 55
10. ניטאָ קיין צעהן יאָהר, ווי יוניאָנס זיינען לעגאליזירט געוואָרען אין אמעריקא........... 57

## דריטע לעקציע

**סטרייקס און באָיקאָטס .................... 61**

1. עס איז ניט גענוג, אַז דאָס געזעץ זאָל אנערקענען די געזעצליכקייט פון די יוניאָנס.......... 61
2. וואָס איז אַ סטרייק און אונטער וועלכע בעדינגונגען איז אַ סטרייק מעגליך................ 63
3. דער ערשטער באָיקאָט............... 65
4. געזעצליכע און אונגעזעצליכע סטרייקס......... 66
5. די פרינציפיעלע ענטשיידונגען פון נויאָרקער סופרים קאָורט ....................... 68
6. אַן ענטשיידונג אין פערבינדונג מיט דעם קלאָוקמאכער סטרייק פון 1910...................... 73

זייט

7. ווי קוקט דאָס געזעץ אויף סימפּאטיע־סטרייקס? .. 75
8. איז פּיקעטען געזעצליך אָדער אונגעזעצליך? ...... 77
9. ווען באָיקאָט ווערט שטראָפבאר............... 79
10. ווי מען מאַכט אַ יוניאָן־פּראָצעס................ 81
11. די אמת'ע געפאהר וואָס שטעקט אין אַן אינדזשאָנקשאָן 82
12. די עפענטליכע מיינונג און די שטעלונג פון די קאָורטס 84
13. די גרויסע און ברייטע רעכטען פון דעם ארבייטס־געבער .......................... 86

פ י ע ר ט ע  ל ע ק צ י ע

## קאָלעקטיווע אַגרימענטס.................... 91

1. די אָפענע און בעהאַלטענע קראפט פון אַ יוניאָן.... 91
2. וואָס מיינט אַ קאָלעקטיווער אגרימענט.......... 93
3. דער דריטער צד צום קאָלעקטיווען אגרימענט...... 96
4. פּריוואטע מידיאיישאָן און ארביטריישאָן......... 100
5. רעגיערונגס מידיאיישאָן .................. 101
6. ארביטריישאַן — פּריוויליגע און געצוואונגענע.. 104
7. ארביטריישאָן אין אויסטראליען............... 106
8. ארביטריישאָן אין יונייטעד סטייטס — דער „פּראָטאָקאָל" ........................... 108
9. גלייכע פערטיילונג פון ארבייט, דיסטשארדזש און פּרייז־קאָמיטעס ..................... 111
10. די מאַשינערי פון פּראָטאָקאָל און דאָס רעכט פון סטרייקען ...................... 114
11. דער הויפּט חסרון פון אַ קאָלעקטיווען אגרימענט.... 116
12. איז אַ פּראָטאָקאָל אַ גוטע זאַך צי אַ שלעכטע? .... 117

פ י נ פ ט ע  ל ע ק צ י ע

## טרייד־יוניאָניזם און פּאָליטיק............ 120

1. האָבען די לעבענס־בעדינגונגען פון אמעריקאנער ארבייטער זיך פערבעסערט? .............. 120
2. דער גרונד־פּרינציפּ פון דער ארבייטער בעוועגונג.... 122
3. פאר וואָס די פאָלקאָמענסטע טרייד־יוניאָן בעוועגונג איז נים גענוגענד.................... 124
4. איז מעגליך אַ פאָלשטענדיגער זיעג דורך אַ סטרייק? 126
5. קאָן העלפען דער אינדוסטריעלער יוניאָניזם? .... 128
6. קאָן זיך דער ארבייטער קלאַס פערמעסטען מיט דעם קאפּיטאליסטישען קלאַס אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט? .................... 131
7. ווי שטעהען איינס צו דער צווייטער די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע טעטיגקייט פון די ארבייטער? 132
8. מיט וואָס איז אַן ארבייטער געזעץ, דורכגעפיהרט פון קאַפּיטאליסטען, געפעהרליך? ........... 134
9. וואָס זאָל זיין דער פּראָגראם פון דער פּאָליטישער ארבייטער־בעוועגונג? — מיין ויכוח מיט גאָמפּערס'ען ................ 137
10. דער אונטערשייד צווישען דער קאָנסערוואטיווער און סאָציאליסטישער ארבייטער בעוועגונג — נאָר אין בעוואוסטזיין ................ 139
11. די שייכות צווישען דער עקאָנאָמישער ארבייטער בעוועגונג און דער סאָציאליסטישער בעוועגונג אין איירָאָפּא .................... 140
12. די אַמעריקאנער סאָציאליסטישע פּארטיי און די אמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר ............ 142

9168.10

## ערשטע לעקציע.

# דאָס געזעץ און דער קלאַסען קאַמפף

### 1.—דאָס געזעץ, לויט וועלכען דאָס געזעץ ענטוויקעלט זיך.

די פראַגע וועגען די ארבייטער און זייערע בעציהונגען צום געזעץ איז אַזוי ברייט, אַז עס איז כמעט אונמעגליך אויס־צושעפּען זי אויף אַ געהעריגען אופן אין אַ קורס פון פינף קורצע לעקציעס.

וואָס איך וויל דאָ פאַרנעהמען איז ארומצורײדען מיט אייך בלויז די הויפּט־פּונקטען פון דער פראַגע. איך וועל פּרואווען אין קורצע און פרייע שטריכען ארויסברענגען פאַר אייך די נאַטור פון געזעץ און זיינע פערשיעדענע ווירקונגען, אויף וויפיעל זיי האָבען אַ שייכות מיט דעם ארבייטער׳ס קאַמפף און אויסזיכטען אויף דער צוקונפט.

זייט איהר ווען געווען אין אַ יורידישער ביבליאָטעק? אַלע ווענד פון אויבען ביז אַראָב זיינען פערשטעלט מיט פול געפּאַקטע פּאָליצעס. פון אומעטום קוקען אויף אייך לעדערנע רוקענס — טויזענדער, טויזענדער — דיקע, אַלטע, שטרענגע פאָליאַנטען. איהר קריגט דרך ארץ פאַר זיי. איהר בעקומט אַ געפיהל, אַז געזעץ מוז עפּעס זיין אַ פעסטע, איינגעפונדעוועטע אינסטי־טוציע. אָבער אָט וועלען מיר מיט אייך אויסגעפינען, אַז אין דער אמת׳ען איז דאָס געזעץ ווייט פון דעם צו זיין פעסט און איינגעפונדעוועט.

אונזערע געזעצען ווערען בעשאַפען כמעט יעדען טאָג און ענדערען זיך כמעט יעדען טאָג. מיר האָבען, געמליך, אין אונ־זער לאַנד פריהער פון אַלץ אַ קאָנגרעס, וואָס שאַפט געזעצען אין דער צייט ווען ער האלט אָב זיינע זיצונגען; מיר האָבען 48 סטייט לעדזשיסלייטשורס, וואָס קאָנקורירען מיט׳ן קאָנ־גרעס אין שאַפען געזעצען, און מיר האָבען פערשיעדענע ניעד־ריגערע פּאָליטישע קערפּערשאַפטען, ווי מוניציפּאַליטעטען

(שטאָדט־רעגיערונגען) און אויך צווייגען פון מוניציפּאַליטע־טען — העלטה באָארדס, סקוהל באָארדס, און זיי אַלע זיינען בעשעפטיגט מיט בעשטימען פערשיעדענע רעגולאציאָנען, וועל־כע קריגען אויך דעם כאראקטער פון געזעצען.

אויסער דעם ווערען די געזעצע פאקטיש געשאפען און געענדערט טאָג־טעגליך ביים אָנווענדען זיי דורך די קאורטס. קיין לאַיער איז ניט מחויב צו וויסען די אַלע געזעצען, כאָטש געזעץ איז זיין ספּעציאַליטעט. מחויב צו וויסען די אַלע גע־זעצען איז נאָר א געוועהנליכער בשר ודם — ניט קיין לאַיער — ווייל אויף דעם איז דאָ א געזעץ, אז „ניט וויסען די געזעצען איז קיין ענטשולדיגונג".

דאָס געזעץ ענדערט זיך אבסאָלוט יעדען טאָג; וואָס איז היינט ערלויבט, קען מאָרגען פערבאָטען ווערען דורך א ספּע־ציעלע אָדער אַלגעמיינע פעראָרדנונג, און פערקעהרט: זאכען, וואָס זיינען היינט פערבאָטען, קענען ערלויבט ווערען דעם נעקסטען טאָג. איהר קענט קיינמאָל ניט זאָגען בעשטימט, וואָס פאר א האנדלונג איז געזעצליך אָדער אונגעזעצליך. ווען איהר וועט א קוק טהאָן אויפ'ן געזעץ פון אָט דער זייט, קענט איהר קומען צו אן ענטגעגענגעזעצטען שלום, וועלכער וועט וויע־דער זיין פאַלש, אז געזעצען ווערען בעשאפען צופעליג, דורך אי־מיצענס א קאפּריז; אז אין דעם איז ניט פאראן קיין סיסטעם און קיין זין. אין דער אמת'ען אָבער, אז איהר נעהמט דעם סך הכל פון אַלע געשאפענע געזעצען, מיט זייערע דירעקטע און אינדירעקטע ווירקונגען, און פערגלייכט זיי פון יאָהר צו יאָהר, פון יאָהרצעהנדליג צו יאָהרצעהנדליג, געפינט איהר אויס, אז דאָס געזעץ מאכט דורך א געוויסען פראָגרעס, אז זיין ענטוויק־לונג געהט אָן אין א געוויסער ריכטונג. ווי יעדע אַנדערע אינסטיטוציע אין דער מאָדערנער געזעלשאפט, איז דאָס געזעץ אונטערוואָרפען דעם געזעץ פון ענטוויקלונג. וואָס איז דאָס געזעץ פון זיין ענטוויקלונג? ווי ווערען געזעצען געשאפען? וואָס איז דער פּרינציפּ פון זייערע פערענדערונגען? אין וואָס פאר א ריכטונג קומען זיי פאָר?

צוערשט, מוזען מיר זאָגען, אז דאָס געזעץ איז אַלע מאָל א ביסעל הינטערשטעליג אין פערגלייך מיט אונזערע מאראַלישע

בעגריפען. ווען איהר בעטראכט א וועלכע עס איז געזעלשאפט, וועט איהר אויסגעפינען, אז איהרע לעבענס־בעדינגונגען ענדערען זיך פון צייט צו צייט. די ענדערונגען געהען אבער אן כסדר, און די פערענדערטע בעדינגונגען רופען ארויס ענדערונגען אין די בעגריפען וועגען די פערשיעדענע מענשליכע בעציהונגען און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, און ווען אט די נייע בעגריפען ווערען די הערשענדע בעגריפען, ווערען א ל־ג ע מ י י נ ע בעגריפען, דאן ערשט ווערען זיי אריינגעשריבען אין די געזעץ־ביכער און קריגען די מאכט פון פאקטישע געזעצען. און אין אט דעם צופאסען זיך פון די געזעצען צו די פערענדערטע פאלקס־בעגריפען איז אויך פאראן א געוויסער שניט, א געוויסע טענדענץ. עס לאזט זיך מערקען א געוויסע אלגעמיינע ריכטונג. דאס געזעץ זוכט זיך צוצופאסען צו די פערענדערטע מ א ט ע ר י ע ל ע בעדינגונגען.

## 2.—דער „טייטש" פון פערברעכען אין פערשיעדענע צייטען און פערשיעדענע געזעלשאפטען.

עס איז די אויפגאבע און די פונקציע פון געזעץ צו שיצען די עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס, אויפצוהאלטען זיי, — אויפצוהאלטען ערשטענס דאס נאציאנאלע לעבען און יענע גרונד־אינסטיטוציעס, אויף וועלכע דאס נאציאנאלע לעבען שטיצט זיך, און דאס איז פריהער פון אלץ די אורזאכע, ווארום דאס געזעץ איז אזוי פערשיעדען אין פערשיעדענע לענדער און צו פערשיעדענע צייטען.

נעהמט, צום ביישפיעל, דאס געזעץ אין אן אגריקולטור־שטאאט, דאס הייסט, אין א שטאאט, וואס זיין פונדאמענט איז ערד־ארבייט, וועט איהר אויסגעפינען, אז דאס געזעץ לעגט א בעזונדערען געוויכט אויף אזעלכע ענינים, פון וועלכע די עקזיסטענץ און ערפאלג פון אן אגריקולטור־געזעלשאפט העננט אב. צום ביישפיעל, די גרענעץ־סכסוכים פערנעהמען דעם וויכטיגסטען פלאץ אין די געזעץ־ביכער; אן איבערטרעטונג פון די גרענעץ־רעכטען וועט בעטראכט ווערען אלס דער גרעסטער פערברעכען.

נעהמט פון דער אנדערער זייט א מאדערנעם קאמער־

ציעלען אָדער האנדעלס־שטאַאט, און איהר וועט אויסגעפינען,
אַז גרענעץ־סכסוכים פערנעהמען גאָר אַ קליינעם פּלאַץ אין
געזעץ, אָבער אַנגריפע אויפ׳ן געזעץ, וואָס בעריהרען די יסודות
פון דעם סיסטעם, ווי פעלשען קאָמערציעלע פּאַפּירען, מאַכען
און פּערשפּרייטען פאַלשע געלדער — אַלץ, וואָס קען נאָר
אונטערגראָבען דעם קרעדיט, אויף וועלכען דאָס האַנדעלס־
סיסטעם שטיצט זיך, וועט בעטראַכט ווערען פאַר דעם שווער־
סטען פערברעכען.

אין אַ טהעאָקראַטישען סיסטעם, וואו דאָס פּריסטערטהום
פערנעהמט דעם אויבענאָן, וועט אפשר גאָט־לעסטערונג זיין דער
גרעסטער חטא. אין אַ מיליטערישען שטאַאט וועט אונגע־
האָרכזאמקייט פערעכענט ווערען פאַר דעם גרעסטען חטא.
און, פערקעהרט, אין אַ מיליטערישען שטאַאט וועט גאָט־לעס־
טערונג פערעכענט ווערען פאַר אַ גאַנץ אונוויכטיגען פער־
ברעכען, אָדער פאַר גאָר קיין פערברעכען ניט. פון דער אַנ־
דערער זייט, אין אַ טהעאָקראַטישען שטאַאט וועט מען ניט
מאַכען אַזאַ גרויסען וועזען, ווען איינער וועט זיך פערזינדיגען
מיט ניט פאָלגען אַ מיליטערישען בעאַמטען. אַלענפאַלס, וועט
מען אויף דעם ניט קוקען ווי אויף אַן אָבשייליכען פערברעכען.
דער כלל איז, אַז אַ געזעלשאַפט וועט בעטראַכ־
טען יענע האַנדלונג פאַר די שעדליכ־
סטע, וועלכע גראָבט אונטער די מאַטער־
יעלע יסודות פון איהר עקזיסטענץ.

לאָמיר נעהמען אַ בייספּיעל פון אונזער צייט. נעהמען
מיר, למשל, אַ פּיאָנערען־געמיינדע אין דער וועסט. וואָרום
זיינען דאָרט די מאָראַלישע בעגריפען און קאָנקרעטע געזעצען
אַזוי מערקווירדיג פערשיעדען פון אונזערע? פאַר וואָס קוקט
מען דאָרט אויף גנב׳ענען אַ פערד, צום בייספּיעל, ווי אויף
דעם שוידערליכסטען פערברעכען, בעת ביי אונז קוקט מען אויף
דעם ווי אויף אַן איינפאַכען פאַל פון „קליינער גנבה“ (פּעטטי
לאַרסעני) אָדער העכסטענס „גרענד לאַרסעני“. און האָט איהר
אפשר בעמערקט, אַז די גרעסטע צאָהל לינטשערייען, טויט־
שטראָף אין איהר גרעבסטער פאָרם, ווערען בעגאַנגען אין אַזעל־
כע געמיינדעס געגען אַזעלכע קליינע פערברעכער, ווי, למשל,

פערד־גנבים? דער תירוץ איז, אז דאס איז דערפאר, ווייל אין אזעלכע געמיינדען איז דאס פערד דאס נויטיגסטע שטיק באלעבאטישקייט. דאס פערד איז דער מאטעריעלער יסוד פון זייער עקזיסטענץ. אהן א פערד איז דער מענש אין א פיאָ־נערען־געמיינדע פאקטיש הילפלאז. גנב'ענען א פערד איז דאָ־רום אין אזא געזעלשאפט אקוראט ווי אוועקנעהמען ביי א מענ־שען זיינע לעבענס־מיטלען, און דערפאר איז דאס א טויט־זינד.

און אזוי וועט איהר אומעטום אויסגעפינען, אז מיט דער ענדערונג פון די מאטעריעלע יסודות פון דער געזעלשאפט, מיט דער ענטוויקלונג פון דער סאמע געזעלשאפט, ענדערען זיך די געזעצען צוזאמען מיט זיי.

## 3.—דער הויפט־צוועק פון געזעץ.

אויף די ערשטע שטופען פון דער געזעלשאפט האבען גע־זעצען בכלל פערנומען א קליינעם פלאץ. געהערשט האט דער מנהג. אבער וואס מעהר דאס געזעלשאפטליכע לעבען איז געווארען פערוויקעלט, קאמפליצירט, אלץ א גרעסערע ראלע האבען גענומען שפיעלען די געזעצען, און אלע מאל האבען זיי זיך צוגעפאסט צו די בעדערפנישען פון יעדער בעזונדערער געזעלשאפטליכער שטופע.

ווען איהר וועט צ. ב. ש. אנהויבען מיט דער געזעלשאפט וואס איז געווען געגרינדעט אויף שקלאפעריי, וועט איהר גע־פינען, אז די מעהרסטע געזעצען, אויב ניט אלע, זיינען געווען געציעלט צו שטיצען און בעווארענען אט דאס ספעציעלע סיס־טעם. מיט דער צייט איז דאס שקלאפען־סיסטעם פערביטען געווארען דורך א סיסטעם, וואס מיר רופען דאס פעאדאלע סיסטעם, וואס זיין באזיס איז געווען לאנד־איינענטהום. דאס געזעץ איז דאן אין זיין ווייט גרעסטען טהייל געווארען אן אגריקולטורעל געזעץ, א געזעץ, וואס גיט זיך אב הויפט־זעכליך מיט דער פראגע פון לאנד־אייגענטהום, מיט איבער־געבען לאנד פון איין אייגענטהימער צום אנדערען, מיט רעכט אויף לאנד, מיט פערשיעדענערליי פראצעסען וועגען לאנד.

עס לויפט ווידער אוועק א שטיק צייט און עס נעהמט שטופענווייז אויפקומען די מאדערנע קאפיטאליסטישע געזעל־

שאפט, און מיט איהר קומט אויך אָן א נייע ענדערונג אין די געזעצען; עס אַרבייט זיך אויס אַ גאַנץ ניי געזעץ־סיסטעם, ווי צום ביישפּיעל, דאָס געזעץ וועגען מייסטער און געזעל. דאָס מאָדערנע געזעץ וועגען דעם פרייען אונטערנעהמער און פרייען ארבייטער איז, בילדליך אויסגעדריקט, נאָר אַ פּריוואַטער צווייג פון אַט דעם אַלטען געזעץ וועגען מייסטער און געזעל, וואָס איז אויפגעקומען צוזאמען מיט דעם איצטיגען געזעל־שאפטליכען סיסטעם. שפּעטער, ווען די ענטוויקלונג האָט דורכגעמאַכט נייע שטופען, א דאנק דער ערפינדונג פון נייע פּראָדוקציאָנס און קאָמוניקאציאָנס מיטלען — פון אייזענבאַה־נען, דאמפפשיפען, טעלעפאָנען, טעלעגראַפען — געפינען מיר ווידער אויס, אז אַרום יעדער נייער איינפיהרונג צוואוואַקסט זיך אַ ניי סיסטעם פון געזעצען, און די נייעסטע שטופע — די אָרגאַניזירונג און די פערשפּרייטונג פון די טראַסטס — האָט ווידער א מאָל אַרויסגערופען א גאַנץ נייע אַבטהיילונג פון געזעצען — די אַנטי־טראַסט געזעצען.

דאָס געזעץ, מיט אַנדערע ווערטער, פאָלגט נאָך דער אינ־דוסטריעלער ענטוויקלונג — פאָלגט נאָך מיט א קליינער פער־שפּעטיגונג. **דער הויפּט־צוועק פון געזעץ איז אויפצוהאַלטען, צו בעוואָרענען די יסודות פון דער געזעלשאַפט, איהרע מאַטעריעלע יסודות.** און דאָס וואָלט געווען א גע־ניגענדע ערקלעהרונג, ווען די אינטערעסען פון דער גאַנצער געזעלשאפט וואָלטען געווען איינע און די זעלבע פאַר אַלע איהרע טהיילען. אָבער ווי די מעשה איז, זיינען די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט גאָר ניט איינע און די זעלבע אין אַלע איהרע טהיילען. יאָ, עס זיינען פאַראַן געוויסע אינטערעסען, וואָס זיינען גלייך וויכטיג פאַר אַלע איהרע טהיילען, ווי די געזונדהייטס־צושטענדע, די זיכערהייט ביז א געוויסען גראַד, און אויך ביז א געוויסען גראַד די ערציהונג. ווען מיר שטעלען זיך אָב בלויז אויף אַט די פראַגען, לאָזט זיך נאָך ריידען וועגען געזעץ אַלס בעשיצער פון דער נאַציאָן און נאַציאָנאַלען לעבען. אָבער קומט מען צו די **מאַטעריעלע** אינטערעסען, קען שוין קיין רייד ניט זיין, אַז דאָס געזעץ דיענט אַלע טהיילען

פון דער געזעלשאפט צוגלייך. דאס וואלט מעגליך געווען אין א געזעלשאפט, וואו עס איז ניטא קיין צוטהיילונג אויף קלא־סען. אזא געזעלשאפט איז דערוויל ניטא. אין א געזעלשאפט אבער, וואו עס זיינען דא קלאסען מיט פערשיעדענע אינטע־רעסען, קען דאס געזעץ ניט זיין דער אלגעמיינער היטער און שיצער. דאס איז זעלבסטפערשטענדליך.

לאמיר אויפנעהמען אלס ביישפיעל דעם ענין פון ארביי־טער געזעץ־געבונג, וועלען מיר גלייך אויסגעפינען, אז די גע־זעצען, וואס ווערען דורכגעפיהרט, ווען זיי העלפען איין טהייל פון דער בעפעלקערונג, שעדיגען זיי דעם אנדערען טהייל. און פערקעהרט. אט האט איהר פאר זיך א געזעץ וועגען פער־קירצען די ארבייטס־שטונדען פון א געוויסען קלאס ארבייטער. וואס זשע ווייזט זיך ארויס? איין טהייל פון דער בעפעל־קערונג — די פאבריקאנטען — שטעלט זיך געגען דעם געזעץ; א צווייטער טהייל — די ארבייטער — זיינען פאר איהם. און אזוי אין יעדען פאל פון ארבייטער־געזעץ־געבונג — אלע מאל וועט איהר זיך אנשטויסען אויף צוויי צדדים; א פאבריקאנט און אן ארבייטער קענען ניט ביידע איינשטימען אויף איין און דעמזעלבען געזעץ. דא האט די געזעץ־געבענדע מאכט, די לעדזשיסלייטשור, פאר זיך אויסצוקלייבען צווישען איין קלאס און דעם אנדערען.

און מיר מוזען דא גלייך ערקלעהרען, אז דאס געזעץ האט פון סאמע אנפאנג געדיענט די הערשענדע קלאסען. און אויס וועלכען גרונד? טאקע אויס דעמזעלבען גרונד, פאר וואס די רעגיערונג, די אפיציעלע מאראל, די אפיציעלע וויסענ־שאפט און די אפיציעלע עפענטליכע מיינונג האלטען אלע מאל מיט די הערשענדע קלאסען, וויל דאס געזעץ איז א פונקציע פון די הערשענדע קלאסען, דאס געזעץ ווערט געשאפען פון דער רעגיערונג, און די רעגיערונג איז אלע מאל אין די הענד פון די הערשענדע. און אויב אין די פראגען פון אלגעמיינעם נאציאנאלען אינטערעס קען נאך מעגליך זיין, אז דאס געזעץ זאל זוכען אבצוהיטען די אינטערעסען פון פאלק אלס גאנצען, איז אבער דארט, וואו עס זיינען פערוויקעלט קלאסען־אינטע־רעסען, דאס געזעץ אלע מאל אויפ'ן צד פון די הערשענדע.

איצט ווען מען מאכט אזא בעהויפּטונג, קלינגט עס ווי אַפּיקורסות, ווי געפעהרליכער רעוואָלוציאָנעריזם, סאָציאַליזם אָדער אנארכיזם. אָבער אין די אַלטע צייטען האָט מען דערפון קיין סוד ניט געמאכט. דער פאַקט איז בשום אופן ניט געווען פערמאסקירט. דאָס געזעץ איז דאמאָלס געווען אויסדריקליך און אָפען אויפ׳ן צד פון די הערשענדע.

קוקען מיר זיך צו צו דער געזעלשאַפט פון אַלטערטהום מיט איהר אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי, זעהען מיר, אז קיין איין געזעץ איז דאמאָלס ניט דורכגעפיהרט געוואָרען לטובת די שקלאַפען. די שקלאַפען, אַלס אַ קלאַס, זיינען געווען אויסגע־שלאָסען פון יעדען אַנטהייל אין דער געזעץ־געבונג. דאָס געזעץ איז געווען פאַר׳ן פרייען מאַן, אָבער ניט פאַר דעם שקלאַף. דער שקלאַף איז געשטאַנען אויסער׳ן געזעץ, איבער איהם האָט דאָס געזעץ ניט אויסגעשפּרייט זיין שוץ.

נעהמען מיר אַ ווייטערע שטופע פון ענטוויקלונג — דאָס מיטעלאַלטער און נאָך ווייטער, די צייט ביז צו דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, בעמערקען מיר באַלד, אז קיין שפּיעל אין פערשטעלעניש איז דאמאָלס ניט פאָרגעקומען. אין פראַנק־רייך האָט דאָס געזעץ אַנערקענט דריי קלאַסען: דעם אַדעל, די גלחים און דאָס פאָלק — דעם „דריטען שטאַנד“, און יעדער פון די צוויי העכערע שטאַנדען האָט זיך געהאַט זיינע ספּעציעלע רעכטע, זיינע ספּעציעלע פּריווילעגיעס. דער אַדעל האָט גע־נאָסען פון אַזעלכע פּריווילעגיעס. דער אַדעל האָט גענאָסען פון אַזעלכע פּריווילעגיעס, אין וועלכע דאָס פּשוט׳ע פאָלק האָט קיין חלק ניט געהאַט. און דאָס איז אויך ריכטיג אין בעצוג צו די גלחים. ערשט די רעוואָלוציע האָט אויסגעגלייכט אַלע בירגער פאַר׳ן געזעץ.

אַלזאָ, ביז נאָך גאָר ניט לאַנג, מיט אַ יאָהרהונדערט און אַ האַלב צוריק, האָט מען זיך ניט אָנגעהויבען צו שעהמען דער־מיט, וואָס דאָס געזעץ גיט ספּעציעלע פּראָטעקציאָן צו די הער־שענדע קלאַסען. פערקעהרט, מען האָט נאָך דערמיט בראַווירט. דאָס געזעץ האָט זיך פערמאסקירט ערשט אין אונזערע צייטען, דאָך, זיין כאַראַקטער האָט עס ניט געביטען. דאָס געזעץ איז נאָך אַלץ הויפּטזעכליך דער אינסטרומענט פון די הערשענדע

קלאסען, נאך אלץ איז זיין כונה אט זיי, זיינע ליעבלינגע, צו פערזארגען און צו שיצען.

## 4.—פרייהייט און גלייכהייט אלס ווערקצייג פון די הער־שענדע קלאסען

לאמיר ברענגען א ביישפיעל, וואס וועט מאכען דעם געדאנק נאך קלארער.

די נאמינעלע גלייכהייט פון אלעמען פאר'ן געזעץ איז א פראדוקט פון מאדערנעם ווירטהשאפטס־פראצעס. און דער מאדערנער ווירטהשאפטס־פראצעס וויעדער שטיצט זיך, ער־שטענס, אויף פריוואט אייגענטהום, הויפטזעכליך אויף דעם אייגענטהומס־רעכט איבער די פראדוקציאנס־מיטלען; צוויי־טענס, אויף קאנקורענץ, און, דריטענס, אויף אינדיווידועלער בעוועגונגס־פרייהייט.

דער שקלאף איז געווען צוגעשמידט צו זיין הערר'ס הויז־באלעבאטישקייט; ער איז געווען א טהייל פון זיין הערר'ס הויז־באלעבאטישקייט, ווי א שטיק מעבעל. דער לייב־אייגענער („פאנסטשיזניק") איז געווען צוגעפעסטיגט צום לאנד; ער איז מיטגעגאנגען מיט דעם לאנד, ווען דאס לאנד האט געביטען זיין אייגענטהימער. ער איז געווען א שטיק פון דעם לאנד, אן אינסטרומענט, וואס איז נויטיג צו ערד־ארבייט. די אינ־טערעסען פון זייערע הערען האבען געפאדערט, אז זיי זאלען ביידע זיין צוגעבונדען — איינער צו זיין הערר'ס באלעבאטיש־קייט, דער צווייטער צום לאנד. אבער ווען עס איז אויפגע־קומען די מאדערנע פראדוקציאן, האבען די זעלבע אינטערעסען פון די הערשענדע קלאסען געפאדערט, אז דער ארבייטער זאל בעפרייט ווערען, פאליטיש בעפרייט ווערען; ער זאל האבען די פרייע מעגליכקייט זיך צו בעוועגען פון ארט צו ארט, פון פאבריק צו פאבריק, פון שטאדט צו שטאדט, פון לאנד צו לאנד, לויט די פערשיעדענע, כסדר זיך פערענדערנדע בעדערפ־נישען פון דער אינדוסטריע.

דאס מאדערנע סיסטעם פון אינדוסטריע האלט זיך כסדר אין איין ענדערען און ענטוויקלען. איבער נאכט קען בעשאפען ווערען א נייע אינדוסטריע, וועלכע וועט זיך נויטיגען אין א

גרויסער צאָהל ארבייטער. אין א צייט ארום, פיעלייכט, ווען עס וועלען איינגעפיהרט ווערען נייע מאַשינען, וואָס וועלען איינשפּאָרען פיעל אַרבייט, וועלען די מעהרסטע ארבייטער ארויסגעוואָרפען ווערען פון דער אינדוסטריע, אָבער דאמאָלס וועט אפשר אן אנדער אינדוסטריע זיך ענטוויקלען ערגעץ אנ־דערשוואו, אין אן אנדער שטאָדט, אין אן אנדער טהייל פון לאנד, און דיעזע נייע אינדוסטריע וועט אַ פאָדער טהאָן אר־בייטער און וועט אויפנעהמען אָט די ארבייטער, וואָס זיינען ארויסגעפאלען פון דער פריהערדיגער אינדוסטריע.

אַלזאָ, אום אויפצוהאלטען דעם גלייכגעוויכט אין אַ מאָ־דערנער געזעלשאפט, אום די געזעלשאפט זאָל קענען בעפריע־דיגען די פאָדערונג אויף ארבייטער, איז פאר די הערשענדע קלאסען נויטיג צו האלטען אַ בעוועגליכע ארבייטער־ארמעע, וועלכע זאָל קענען צו יעדער צייט אריינגעצויגען ווערען אין דער פּראָדוקציאָן, ווען און וואו עס וועט זיך פאָדערען, אַן ארמעע, וואָס זאָל זיין אַלע מאָל גרייט צו בייטען איהר פּלאַץ, אַ וואנדערנדע ארמעע, אַיוב איהר ווילט, און דאָס מיינט שוין אַן ארמעע פון פרייע מענשען, וואָס זיינען ניט צוגעבונדען ניט צו אַ באַלעבאַטישקייט, ניט צום לאַנד — צו קיין פּלאַץ. און אָט פון וואנען עס נעהמט זיך די פרייהייט פון מאָדערנעם ארבייטער און די גלייכהייט פון אַלע בירגער פאר'ן געזעץ.

און אָט פאר וואָס פּריוואט־איינענטהום, קאָנקורענץ־פריי־הייט און פרייהייט פון בעוועגונג — זיינען דאָס געוואָרען די זיילען, די שטיצען פון דער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאפט.

לאָמיר נאָכגעהן אונזער „בעפרייטען" ארבייטען. ווי נאָר ער האָט דערשפּירט די פרייהייט, האָט תיכף אַ שווערע זאָרג גענומען דריקען אויף איהם מיט איהר משא: ארבייט און לעבענס־מיטעל! דאָס איז ניט געווען זיין זאָרג בעת ער איז געווען אַ שקלאַף, ווייל יעמאָלט האָט זיין בעל־הבית איהם געהאט צו פערזאָרגען. דאָס איז אויך ניט געווען זיין זאָרג, ווען ער איז געווען אַ לייב־איינענער, ווייל אויך דעמאָלט איז ער בעוואָרענט געווען מיט ארבייט און שפּייז. די פראגע ווי אַזוי און וואו צו מאכען אַ לעבען האָט אָבער גענומען פייניגען דעם מאָדערנעם ארבייטער גלייך ווי ער איז פריי געוואָרען.

פריי פון פענטעם, פריי צו געהן וואו ער וויל, איז ער אָבער גלייכצייטיג אָנגעוויעזען אויף זיך אליין, און ער מוז זיך אליין זוכען און געפינען זיינע לעבענס־מיטלען.

אלזאָ, ווען דער מאָדערנער ארבייטער איז „פריי“, איז עס ניט אזוי אין זיינע אינטערעסען, ווי אין די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאסען. אויך דאָ זעהען מיר צוויי אינטערעסען, וואָס צולויפען זיך אין צוויי פערשיעדענע ריכטונגען און וואָס צושפאלטען די מאָדערנע געזעלשאפט.

ווען איהר וועט דורכנעהמען דאָס געזעץ־סיסטעם פון יעדען מאָדערנעם לאנד, וועט איהר באלד איינזעהן, אז די רעכטע פון די הערשענדע קלאסען זיינען שטארק אויסגעשפרייט און זאָרגפעלטיג אויסגעבאָוועט דורך דאָס פריינדליכע צו זיי געזעץ, בעת די רעכטע פון די ארבייטער זיינען פונקט אזוי זאָרגפעלטיג ארומגעקריצט און ארומגעשאָרען דורך דאָס שטייפע, קארגע, בייזע צו זיי געזעץ.

מען וויל אָפען ניט צוגעבען, אז דאָס געזעץ איז גוט בלויז צו די הערשענדע קלאסען. פערקעהרט, מען פערשפרייט נאָך זעהר פלייסיג די טהעאָריע, אז דאָס געזעץ איז גוט צו אלע קלאסען. אָבער מיר דארפען זיך דאָך ניט לאָזען איינריידען: **פאקטיש איז די ארבייט פון געזעץ א ן ארבייט לטובת פון איין קלאס — דעם קאפיטאליסטען־קלאס און צום שאָדען פון דעם קלאס, וועמען דער קאפיטאליסטען־קלאס בעשעפטיגט.**

קוקט אריין אין די געזעץ־ביכער, אלע איינס פון וואָס פאר א לאנד, פון וואָס פאר א סטייט אין דער רעפובליק, ווייסט איהר, וואָס איהר וועט אויסגעפינען? אז די מעהרסטע שטראָפען, מיט וועלכע מען שרעקט די פערברעכער, שטעלען זיך ווי איין ציעל: איינצופלאנצען אָבשיי פאר דאָס רעכט פון פריוואט איינגענטהום; די אלע געזעץ־בעשטימונגען וועגען גנבה, פעלשונג, אונטערצינדונג אין אלע זייערע מינים, די געזעץ־בעשטימונגען וועגען פערשיעדענע סאָרטען שווינדלען — שלאָגען אלע אין איין פונקט: פריוואט־איינגענטהום. און ווען איהר אנאליזירט די פערברעכענס, וואָס ווערען בעגאנגען מיט פיזישער

געוואַלט, וועט איהר ווידער אַ מאָל אויסגעפינען, אַז דער אמת׳ער מאָטיוו פון פערברעכען איז געווען פּריוואַט־אייגענ־טהום: פערנעהמען, פערהאַלטען, געווינען פּריוואַט־אייגענ־טהום. אַט דער מאָטיוו — געווין פון אייגענטהום, שטעהט אפשר הינטער 90 פּראָצענט פון די געוואַלד־טהאַטען, וואָס ווערען בעגאַנגען, פון מאָרד ערשטען גראַד ביז צו אַ געוועהנ־ליכען איבערפאַל.

ווען איהר נעהמט אונזערע ציווילע געזעצען, ווען איהר געהט אריין אין אַ קאָורט און בעטראַכט די דזשאַדזשעס אין די שוואַרצע רעק און די דזשוראָרס און דאָס פערפלאָנ־טערטע סיסטעם פון אונזער פּראָצעס־פיהרונג; ווען איהר בע־טראַכט אונזערע לעדזשיסלייטשורס, וואָס האָבען די מאַכט צו דעקרעטירען געזעצען; אונזערע שעריפס, אונזער פּאָליס, אָבער הויפּטזעכליך, ווען איהר פאָלגט נאָך די פּראָצעסען אין די סיוויל קאָורטס, וועגען וואָס דרעצעהלען זיי און ריידען אייך? כמעט כסדר, כסדר קריעגט מען זיך איבער אייגענטהום־רעכטע — צו איבער אַ דירעקטער געלד־פראַגע, צו איבער רעכט אויף ירושה אָדער עהנליכעס. די גאַנצע מאַשינעריע פון געזעץ היינט צו טאָג, אָדער כמעט די גאַנצע מאַשינעריע, איז אָבגעגעבען צום שוץ פון אייגענטהום, צום שוץ פון די רעכטע פון די אייגענטהימער, די הערשענדע קלאַסען אונזערע.

קומען מיר, אַלזאָ, צום שלום, אַז אונזער געזעץ־בוך איז אַ לויב־געזאַנג צו פּריוואַט־אייגענטהום. און צו אַן עהנליכען רעזולטאַט וועלען מיר קומען, ווען מיר וועלען זיך פערנעהמען מיט דעם צווייטען זייל פון אונזער סיסטעם: קאָנקורענץ־פרייהייט. די מעהרסטע פּראָבלעמען, מיט וועלכע אונזער סופרים קאָורט האָט זיך פערנומען פאר די לעצטע 20 יאָהר, זינט דער שערמאַן־געזעץ איז אריין אין קראַפט, האָבען זיך געדרעהט נאָר אַרום דעם, ווי אויפצוהאַלטען די קאָנקורענץ אין אַ פריש־מונטערען צושטאַנד, ווי אויפצוהאַלטען דאָס גאַנצע סיסטעם פון קאָנקורענץ, ווי צו בעוואָרענען דאָס סיסטעם פון דער געפאַהר פון אונטערגאַנג, וואָרים די געפאַהר ווערט גרעסער און גרעסער מיט יעדען יאָהר...

און דאָס זעלבע איז אויך מיט פּערזענליכער פרייהייט.

אויף פערזענליכער פרייהייט האט מען אונז געלערענט קוקען ווי אויף א נאבעלען, ערהאבענעם פרינציפ פון מענשליכען רעכט. ווען מיר פרעגען זיך נאך אויף איהר אורשפרונג, דערקלעהרט מען אונז, אז זי איז פראקלאמירט געווארען אין פראנקרייך דורך דער דעקלאראציע פון מענשען־רעכטע און דורך אונזער דעקלאראציע פון אונאבהענגיגקייט. אבער דאס פערגעסט מען אונז צו זאגען, אז זי איז פראקלאמירט געווארען צו יענער צייט ניט דערפאר ווייל דאמאלס האט זיך דאס רעכט־געפיהל בעזונדערס צוואורימט, נאר דערפאר ווייל דאמאלס איז דאס קאפיטאליסטישע סיסטעם צייטיג געווארען, און די פרייהייט פון ארבייטער און פון פאבריקאנט, די פרייהייט פון דער אינדוסטריע און פון קאמערץ זיינען געווארען ד ר י נ ג ע נ ד ע נ ױ ט װ ע נ ד י ג ק י י ט ע ן. און אויך איבער קאנקורענץ־פרייהייט און איבער פערזענליכע פרייהייט האט דאס געזעץ אויסגעשפרייט זיינע שיצענדע פליגעל. אבער אויך דא: שוץ און רעכטע בעקומען די הערשענדע קלאסען און די שטראפען און רעכטלאזיגקייטען — די בעהערשטע.

## 5.—דער ניט־פרייער און פרייער קאנטראקט — ביידע אין די אינטערעסען פון די הערשענדע.

עס איז געווען א צייט, ווען דער ארבייטער איז געווען אין אזא לאגע, דאס ער האט פאקטיש געקענט דיקטירען די בעדינגונגען דעם בעל־הבית, ביים אנשטעלען איהם. ריכטיגער געזאגט, עס זיינען געווען א סך אזעלכע צייטען. אזוי, צום ביישפיעל, ארום מיטען פון פערצעהנטען יאהרהונדערט, אין יאהר 1347, ווען די „שווארצע פעסט" האט אויסגעראט א גרויסען טהייל פון דער ענגלישער בעפעלקערונג און ארבייטער זיינען געבליבען א קליין הייפעלע. דערפאר נאטירליך זיינען זיי געווען אין דער לאגע צו דיקטירען די בעדינגונגען. די בעלי בתים האבען איינער איבער'ן אנדערען זיך געיאגט נאך זיי. די פאדערונג אויף הענד איז געווען א סך גרעסער ווי דער אנבאט, האט דער פארלאמענט דאמאלס דורכגעפיהרט א געזעץ, וועלכער האט פארגעשריעבען, אז אלע פיזיש־קרעפטיגע פערזאנען, ספעציעל מאנספארשוינען, אונטער 60 יאהר, וועלכע

האָבען קיין אַנדער איינקונפט ניט, דאָס הייסט, װעלכע האָבען קיין אייגענטהום ניט, זיינען מחויב אָנצונעהמען אַרבייט, װען נאָר מען װעט זיי פאַרשלאָגען און לויט בעשטימטע, פון געזעץ רעגולירטע פּרייזען. זיי האָבען זיך פון ארבייט ניט געטאָרט אָבזאָגען, ניט געטאָרט פאָדערען מעהר װיפיעל מען האָט זיי אָנגעבאָטען. אָה, דאמאָלס איז קיין רייד ניט געװען װעגען פרייהייט פון קאָנטראַקט, װעגען דעם פון גאָט געגעבענעם רעכט פון ברירה: צו ארבייטען אָדער ניט צו ארבייטען. ניין, װען דאָס איז געװען אַן אָרימער טייוועל, װאָס האָט גאָרנישט פערמאָגט, האָט ער געמוזט אַר־בייטען, און ארבייטען פאר א בעשטימטען פעסטגעזעצטען פרייז, אַניט, װען ער זאָגט זיך אָב, האָט ער געדאַרפט בע־שטראָפט װערען מיט די שװערסטע שטראָפען. און אָט דער סטאַטוס, אונגלויבליך װי דאָס איז, האָט אָנגעהאַלטען זיין גילטיגקייט דורך יאָהרהונדערטע, נאַטירליך, מיט איינינע ענדע־רונגען. זיינע שפּורען לאָזען זיך נאָך ענטדעקען ביז אַראָב צום נייגצעהנטען יאָהרהונדערט.

דאָס איז געװען א פאַל, װען דאָס געזעץ האָט זיך דירעקט אריינגעמישט לטובת פון די ארבייטס־געבער. שפּעטער האָבען זיך די בעדינגונגען געענדערט. דער ארבייטער־קלאַס האָט זיך פערמעהרט. די „שװאַרצע פּעסט" האָט אויפגעהערט צו בעזוכען אייראָפּא פעריאָדיש. א דאנק די ערפינדונגען און די פערפאָלקאָמטע מאשינעריע, איז די פּראָדוקטיװיטעט פון אַר־בייט שטארק געװאַקסען. עס האָט זיך גענומען פיהלען אַן איבערפלוס פון ארבייטער. נאָך שפּעטער, ספּעציעל אַרום אָנהויב און אין מיטען פון לעצטען יאָהרהונדערט, האָט יעדע אינדוסטריע ארויסגעטהיילט די אַזױ גערופענע רעזערװ־אַרמעע, אַן אַרמעע פון אונבעשעפטיגטע. דער ארבייטער איז שוין ניט געװען אימשטאַנד אויסצודינגען פאר זיך בעסערע קאָנ־דיציאָנען, ער האָט שוין ניט געקענט צװינגען צו צאָהלען איהם אַן אַנשטענדיגערען פּרייז; דער אַנבאָט פון הענד איז געװען גרעסער װי די פאָדערונג אויף הענד. די אומשטענדען האָבען זיך געביטען. װאָס האָט דאַמאָלס פּאַסירט? אמת, דער „סטאַטוט פון ארבייטער" איז אָבגעשאַפט געװאָרען און א נייע

דאָקטרינע, די דאָקטרינע פון פרייען קאָנטראַקט צווישען דעם ארבייטס-געבער און דעם ארבייטער איז פּראָקלאמירט געוואָרען. דעם ארבייטס-געבער איז געגעבען געוואָרען די פרייהייט אראָבצודינגען ביים ארבייטער וויפיעל זיין הארץ גלוסט נאָר.

דאָס איז געווען א גאנצע איבערקעהרעניש אין דער פּאָליסי פון געזעץ. און ווארום איז עס געשעהן? ווייל די אינטערעסען פון די ארבייטס-געבער האָבען זיך אבסאָלוט געביטען. זיינע אינטערעסען האָבען מעהר ניט געפאָדערט א פעסטגעזעצטען פרייז פאר ארבייט. פערקעהרט, עס איז געווען אין זיינע אינטערעסען, אז ער זאָל האָבען די פרייהייט צו שליסען אבי וואָס פאר א פרייז-קאָנטראקט ער וויל, ווייל ער איז איצט געווען אין דער גינסטיגער לאַגע צו קענען אראָבדריקען די פרייזען דוקא דורך א פרייען קאָנטראקט.

עס איז אָבער אויך געווען א צייט, ווען דער פרייער קאָנטראקט האָט געהאט א שטיקעל בערעכטיגונג פאר זיך. די טהעאָריע, אויף וועלכער דאָס געזעץ האָט זיך געשטיצט און שטיצט זיך נאָך איצט, לויטעט: דער ארבייטער ווערט דאָך ניט געצוואונגען אָנצונעהמען דעם דזשאב, וואָס מען שלאָגט איהם פאר; ער האָט דאָך די פאָלשטענדיגע פרייהייט צו געהן ערגעץ אנדערשוואו צו געפינען פאר זיך אַן אנדער דזשאב, אויב דער אָנגעבאָטענער דזשאב פאסט פאר איהם ניט. און דערפאר האָט ער א רעכט צו מאכען וואָס נאָר פאר א קאָנטראקט ער וויל. דאָס איז א רעכט, וואָס קומט איהם אלס פרייען אונבעשרענקטען בירגער און מיט וועלכען ער בענוצט זיך אין זיינע אונטערהאנדלונגען מיט א צווייטען פרייען אונבעשרענקטען בירגער — דעם ארבייטס-געבער. און ווי געזאָגט, האָט דיעזע טהעאָריע געהאט א געוויסע בערעכטיגונג. עס איז געווען א שטיקעל צייט אין דער אינדוסטריעלער ענט-

וויקלונג, ווען דער אָנבאָט פון ארבייט און די פאָדערונג אויף איהר האָבען געהאַלטען גלייכגעוויכט. די פעקטאָרי־סיסטעם איז נאָך ניט ענטוויקעלט געווען אין אַ בּרייטען מאסשטאב, דער אַרבּייטער איז ניט אָנגעוויזען געווען דוקא אויף מאַשינעריע, ער האָט זיך געקענט טהאָן זיין ארבייט מיט אַ איינפאכען, ניט טהייערען אינסטרומענט ביי זיך אין דער היים אָדער אין אַ קליינעם שאָפּ, וואו יעדער ארבייטער, וואָס האָט נאָר געלערענט זיין מלאָכה, האָט זיך געקענט אָנגעהן מיט איהר און בעשטימען פאר זיך אליין די צייט, ווען ער וויל אָנהויבען און ווען ער וויל ווארפען די ארבייט. חוץ דעם, איז דאַמאָלס אויך געווען אָהן אַ שיעור נאָך ניט פּערנומענע לאנד, ווי, צום ביישפּיעל, אין יונייטעד סטייטס, אזוי אז אין ערגסטען פאל האָט דער ארבייטער זיך געקענט בעזעצען אויפ'ן לאנד. אָט אין יענער צייט האָט די פרייהייט פון קאָנטראקט צווישען ארבייטס־געבער און ארבייטער ווירקליך בעדייטעט אַ געוויסע מאָס פרייהייט פאר דעם ארבייטער. אָבער זייט דעם האָבען די בעדינגונגען זיך שטארק געענדערט.

דער אַלטמאָדישער אינסטרומענט איז ביסלעכווייז ארויסגעשטופּט געוואָרען. זיין פּלאַץ האָט אַלץ מעהר און מעהר פערנומען דער קאָמפּליצירטער, פערפּלאָנטערטער אינסטרומענט, און צולעצט די מאָדערנע מאשין, די געוואַלטיגע מאשין, געטריבען פון דאמפּף אָדער עלעקטרישער קראפט. דער אַלטער שאָפּ איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרען און האָט זיך צוּוואוקסען אין אַ מאָדערנער פעקטאָרי. דער ארבייטער איז אָבגעריסען געוואָרען פון זיין אינסטרומענט. דער היינטיגער ארבייטער קען שוין גאָר ניט אויפטהאָן מיט דעם אינסטרומענט פון זיינע עלטער־זיידעס' צייטען. אום צו קענען וואָס אויפטהאָן, מוז ער האָבען אַ צוטריט צו דער מאָדערנער פאבריק־מאשינעריע, און אום צו האָבען אזא צוטריט, מוז ער קריגען די ערלויבניש פון דעם בעזיצער פון די אינסטרומענטען און פון דער מאשינעריע, די ערלויבניש פון ארבייטס־געבער, צו ארבייטען און אונטער אזעלכע בעדינגונגען, וואָס דער ארבייטס־געבער וועט פאר איהם בעשטימען.

די פרייהייט פון קאָנטראקט איז פאקטיש געוואָרען אַן

אילוזיע. זי עקזיסטירט בלויז אין בעגריף, אין דער אבסטראקציע, און דאס איז: **דער ארבייטער האט די פרייהייט זיך אויסצוקלייבען א באס, אנגענומען, אז דער באס וויל איהם האבען. אבער דער ארבייטער האט מעהר ניט די ברירה צו בעשליסען צו דארף ער איבערהויפט ארבייטען פאר א וועלכען עס איז באס.** פאקטיש קומט ארויס אט וואס: דער געוועהנליכער ארבייטער איז צופריעדען, ווען ער קריגט נאר א דזשאב און געהט איין אויף אלע בעדינגונגען. די גלייכהייט פון ביידע צדדים, וואס האט אמאל עקזיסטירט און וואס האט אנגעהאלטען נאר א קורצע צייט, אט די גלייכהייט איז פאלשטענדיג און אויף שטענדיג פערשוואונדען.

### 6.—ווען די ארבייטס־געבער זיינען פאר און ווען זיי זיינען געגען דער אריינמישונג פון געזעץ.

היינט צו טאג האט דער ארבייטס־געבער אלע פארציגע אויף זיין זייט. ער דארף ניט זוכען די ארבייטער, ער איז ניט אבהענגיג פון בעשטימטע ארבייטער. ער קען קריגען אזוי פיעל ארבייטער, וויפיעל ער וויל נאר אליין, און דעם גרעסטען טהייל פון יאהר א סך מעהר וויפיעל ער דארף. ער קען קלייבען צווישען די ארבייטער לויט זיין ווילען און קען פאקטיש דיקטירען די בעדינגונגען, מיט איינציגע אויסנאהמען, וואס מיר וועלען דערמאנען שפעטער.

ווען דאס געזעץ וואלט ווירקליך געציעלט צו שאפען א גלייכגעוויכט צווישען די צדדים אין קאנטראקט, וואלט ער איצט געהאט פונקט אזא גוטען גרונד אריינצומישען זיך לטובת פון די ארבייטער, ווי ער האט עס געהאט נאך דער שווארצער פעסט אריינצומישען זיך לטובת פון די ארבייטס־געבער. אבער דאס געזעץ מישט זיך איצט ניט אריין. דאס וויל דער ארבייטער איהם איצט צווינגען דערצו. נאך א תקופה פון עטליכע יאהרהונדערטער ווערט די געזעצגעבונג ווידער אויפגעפאדערט צו מאכען געוויסע רעגולאציאנען וועגען ווייזשעס און ארבייטס־בעדינגונגען.

ווען די געזעצגעבונג האָט עס אַ מאָל געטהאָן לטובת פון די הערשענדע קלאַסען, זיינען נאַטירליך די אַרבייטער געוועזן די ליידענדע, די קרבנות. די הערשענדע זיינען געוועזן די פּראָפיטירענדע. דער אַרבייטס-געבער האָט אָנגענומען די געזעצען מיט פרייד, דער אַרבייטער געצוואונגענערהייד, אונ-טער פּראָטעסט. ווען אין פּראָצעס פון ענטוויקלונג האָבען זיך די וואָג-שאָלען גענומען אויסגלייכען, און עס איז געקומען צו אַ גלייכגעוויכט, און ביידע — דער אַרבייטער און דער אַרבייטס-געבער — זיינען געוועזן מעהר אָדער וועניגער פרייע צדדים ביים שליעסען דעם קאָנטראַקט, האָט קיינער פון זיי ניט געזוכט קיין הילף און שוץ פון דער געזעצגעבונג. אָבער ווען מיר האָבען לעצטענס דערגרייכט די שטופע, וואו דער אַרבייטס-געבער האָט געקראָגען די מאַטעריעלע מאַכט צו דיק-טירען די בעדינגונגען פון קאָנטראַקט, פיהלט זיך דער אַרביי-טער בערעכטיגט צו קומען צו דער לעדזשיסלייטשור מיט אַ פאָדערונג זי זאָל בעשטימען, לאָמיר זאָגען, אַ מינימום שכירות, אַ מאַקסימום אַרבייטס-טאָג און אַנדערע רעגולאַציאָנען, וואָס זאָלען שיצען דעם אַרבייטער אין פעקטאָרי און אין שאַפּ. איז איצט דער אַרבייטס-געבער דער פּראָטעסטאַנט. ער קומט איצט דערמאָנען, אַז דער אַרבייטער איז אַ פרייער בירגער, און דאַרף ניט בעשרענקט ווערען אין זיין פרייהייט; זיינע קאָנ-סטיטוציאָנעלע רעכטע טאָרען פון איהם ניט אוועקגענומען ווערען דורך שוץ-געזעצען. דער זעלבער קלאַס האָט עס אַ מאָל מיט געשרייען געפאָדערט אַזעלכע שוץ-געזעצען אין אַ צייט, ווען ער האָט געפיהלט אַ דוחק אין אַרבייטס-הענד.

דאָס זעלבע וועלען מיר געפינען אין אַלע אַנדערע בעציהונגען צווישען אַרבייטס-געבער און אַרבייטער, ווי צום ביי-שפּיעל אין דער פראַגע וועגען דעם באָס׳ פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר׳ן געזונד און לעבען פון זיין אַרבייטער.

די לעצטע צייט איז אויפגעקומען די אידעע, אַז דער אַרבייטער אין אַלע פעלע, וואו איהם טרעפט אַן אומגליק ביי דער אַרבייט, דאַרף ענטשעדיגט ווערען. די אידעע איז, אַז אַן אַרבייטער וואָס האָט געליטען אַ שאַדען ביי דער אַרבייט, דורך וועלכען ער ליידט ניט נאָר פיזיש און גייסטיג, נאָר ער

קען אויך ניט פּאַרטזעצען זיין ארבייט און פערדיענען זיין ברויט, דארף ער ענטשעדיגט ווערען פון דער אינדוסטריע; דער שאדען דארף איהם אומגעקעהרט ווערען. ווייל דאָס איז ניט נאָר דעם ארבייטער׳ס שאָדען און פערלוסט, וואָס ער ליידט על פי צופאל, נאָר דאָס איז דער שאדען און פערלוסט פון דער אינדוסטריע, און זי דארף דעם שאדען אויסשטעהן.

דאָך, אין די מעהרסטע סטייטס פון אונזער רעפּובליק און אומעטום, וואו עס הערשט דאָס ענגליש־זאַקסישע געזעץ־סיסטעם, הערשט די מיינונג, אז דער ארבייטער איז ניט בערעכטיגט צו קריגען ענטשעדיגונג, אויסער נאָר אין זעלטענע פעלע.

דאָס געזעץ נעהמט אָן, פריהער פון אַלץ, אז דער ארבייטער, וואָס האָט פרייוויליג זיך אונטערגענומען צו טהאָן א געוויסע ארבייט, נעהמט במילא אויך אויף זיך די ריזיקע פון דער ארבייט; אז ער האָט געהאט די געלעגענהייט צו אונטערזוכען די מאשינעריע, די מעטהאָדען און מיטלען, מיט אַלע איינצעלהייטען, וואָס ווערען אָנגעווענדעט אין פּאַבריק; אז ער האָט געהאט די געלעגנהייט צו עקזאמינירען די קאָמפּעטענץ, די פעהיגקייט און וואכזאמקייט פון זיינע חברים־ארבייטער, וועלכע זיינען א מאָל הונדערטער און א מאָל טויזענדער אין א פעקטאָרי, און דאָן בעשליסען צו קען איהם אויסקומען צו ליידען צוליעב דער אונפעהיגקייט און נאכלעסיגקייט פון זיינע חברים ארבייטער. דאָס געזעץ שטעהט נאָך אויף דעם שטאנדפּונקט, אז אַן ארבייטער, וואָס קומט פרעגען אויף א דזשאב, קען זיך דערביי פיהרען אזוי, ווי די מאָדערנע דיענסט מיידעל פון די וויץ־בלעטער, וועלכע נעהמט דעם בעל־הבית אויף א שטרענגען פערהער וועגען זיינע מעלות און חסרונות: „וואָס פאר א סאָרט פעקטאָרי איז ביי אייך? וואָס פאר א מאשינעריע געברויכט איהר? וואָסערע פאָרזיכטס־מיטלען האָט איהר איינגעפיהרט? און לאָזט מיך אָנקוקען אייערע ארבייטער און לאָזט מיך זיי אונטערזוכען צו זיינען זיי גענוג פאָרזיכטיג, אזוי אז איך זאָל מיר קענען אָנטרויען צו ארבייטען אין זייער נאכבארשאפט“.

עס זעהט אויס, ווי דאָס געזעץ וואָלט זיך ערנסט גע־האלטען אָן דער לעבערליכער השערה, אז דער ארבייטער נעהמט

זיך די אַלע געלעגענהייטען ווען ער קומט בעטען אַ דזשאָב און די געלעגענהייטען ווערען איהם געגעבען. ווי לעכערליך עס זאָל ניט אויסזעהן אַזאַ השערה אין די אויגען פון אַ מענשען מיט אַ געוועהנליכער ערפאַהרונג, וועלכער ווייס צו גוט מיט וואָס פאַר אַ פרייד דער אַרבייטער כאַפּט זיך אָן אָן אַבי וואָס פאַר אַרבייט אין אַבי וואָס פאַר אַ פעקטאָרי אונטער אַבי וואָס פאַר אַ קאָנדיציאָנען, און אַז ער וואָלט געפלויגען פון דזשאָב איינס—צוויי, ווען ער וואָלט זיך ערלויבט צו שטעלען איינע פון די אויבענגעבראַכטע איינזיניגע פראַגען — דאָך, זיין מאַיעסטעט דאָס געזעץ, מיט זיין אַלוויסענהייט און אַלקלוגהייט, האַלט זיך פעסט ביי דעם, אַז דער אַרבייטער איז אַ פאָלשטענדיג פרייער מענש און אַז ער האָט זיך אויסגעקליבען צו אַרבייטען אונטער אַזעלכע און אַזעלכע קאָנדיציאָנען, האָט ער הייסט עס געשלאָסען אַן אַבסאָלוט פרייען קאָנטראַקט, און ווען עס פאַסירט מיט איהם אַן אונגליקס-פאַל, איז עס דורך זיין פרייען ווילען. דאָס איז ווידער אַ ביישפּיעל, ווי אַזוי דאָס געזעץ גיט זיך אַ דרעה אויס פאַר דעם הערשענדען קלאַס, ווען עס דאַרף ענטשיידען צווישען דעם הערשענדען קלאַס און דעם אַרבייטער־קלאַס.

אַלזאָ, נאָך דעם ווי מיר האָבען געצויגען אונזער ערשטען שלוס, אַז די הויפּט פונקציע פון געזעץ איז צו בעשיצען די מאַטעריעלע אינטערעסען פון דער נאַציאָן, דאַרפען מיר דערנאָך נעהמען אונטערשיידען צווישען די פערשיעדענע אינטערעסען פון די פערשיעדענע קלאַסען אין דער נאַציאָן און ענדערען אונזער שלוס אַזוי, אַז **דער הויפּט־ציעל און הויפּט־פונקציע פון געזעץ אין אונזער מאָדערנער געזעלשאַפט, וועלכע איז אַ קלאַסען־געזעלשאַפט, איז צו שיצען די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען.**

## 7.—ווי דער קלאַסען־קאַמפף שפּיעגעלט זיך אָפּ אין געזעץ.

ווען דאָס וואָלט געווען אַן אַבסאָלוטער כלל, אָהן אויסנאַהמען און בעשרענקונגען, וואָלט די לאַגע פון אַרבייטער־קלאַס געווען ממש אַ הילפלאָזע. און ווירקליך, זיין גאַנצער

קאמפף וואלט געווען אן אומזיסטער, ווארים מיר וואלטען זיך געקענט זאגען: „פערפאלען, ס'איז דא דאס געזעץ, און דאס געזעץ איז דא צו שיצען די הערשענדע קלאסען. צו וואס מאכען וועלכע עס איז אנשטרענגונגען צו ענדערען עס צו אונזער טובה? צו וואס אויסקוקען אויף הילף פון דער לע־דזשיסלייטשור און בכלל פון דער עפענטליכער מאכט? דאס איז אן אבסאלוטע אוטאפיע, וואס וועט גארנישט ניט ברענגען". און די איינציגע פילאזאפיע וואלט געווען צו זיצען מיט צו־נויפגעלעגטע הענד אין אהנמעכטיגער פערצווייפלונג. אבער צום גליק פון ארבייטער־קלאס איז ניטא קיין סאציאלער כלל, וואס זאל האבען אן אבסאלוטע גילטיגקייט, אהן אויסנאהמען און בעשרענקונגען. אויך אין דעם אלגעמיינעם שלום, וועלכען מיר האבען געצויגען און וועלכער האלט אין אלגעמיינעם אויס, דארפען מיר אריינטראגען איינינע אויסבעסערונגען און ענדע־רונגען. וואס זיינען זיי? ערשטענס, ווען מיר ריידען וועגען א קלאס, ווען מיר ריידען וועגען די צוויי קלאסען אין דער מאדערנער געזעלשאפט, וועגען דעם הערשענדען און ארביי־טענדען קלאס, דארפען מיר האבען אין זינען, אז די צוויי זיינען ניט די איינציגע קלאסען אין דער מאדערנער געזעל־שאפט; אז די צוויי קלאסען — דער ארבייט־געבענדער און דער ארבייטענדער — זיינען ניט זעהר שארף און שטרענג אבגע־גרענצט; אז אין מאנכע פעלע איז זעהר שווער צו זאגען וואו איין קלאס ענדיגט זיך און דער אנדערער הויבט זיך אן, און אז צווישען די צוויי קלאסען זיינען פאראן שיכטען פון בעפעל־קערונג, — גאר א היבשע צאהל, — וואס קענען ניט צוגע־רעכענט ווערען ניט צו איין קלאס און ניט צום אנדערען. דאס איז די גרויסע, גרויסע מאסע, וועלכע געהט אונטער דעם אל־געמיינעם נאמען „מיטעל־קלאס" אדער „מיטעל־קלאסען", — די העכערע אנגעשטעלטע, די פראפעסיאנאלען, מענער און פרויען, די צאהלרייכע פארמער־בעפעלקערונג פון מיטעלער האנד, די קליינע ביזנעסלייט, וואס האנדלען מיט גאלאנטעריי און מאנופאקטור — די אלע בילדען א מאכט, וואס שטעהט צווישען די צוויי קלאסען.

און מיר דארפען דערצו אלע מאל אויך נעהמען אין

בעטראַכט, אַז קיין איין געזעלשאַפטליכער צושטאַנד איז ניט קיין ריינער צושטאַנד — איז ניט קיין צושטאַנד, וואָס איז פערגליווערט געוואָרען אין זיך. די געזעלשאַפט בעוועגט זיך כסדר; זי ענדערט זיך מיט יעדען טאָג און בייט איהר כאַראַקטער יעדען טאָג. צום ביישפּיעל, ווען איהר וועט פרעגען, לאָמיר זאָגען, ווער איז געוועזן דער הערשענדער קלאַס אין אייראָפּא אין 15טען און 16טען יאָהרהונדערט? וועט דער ענטפער זיין אַן אויסערגעוועהנליך קלאָרער. דאָס איז געוועזן דער אדעל, דער לאַנד-בעזיצענדער אדעל פון יענער צייט. ווען איהר וועט פרעגען: ווער איז געוועזן דער הערשענדער קלאַס אין דער מאָדערנער אייראָפּא אין מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, וועט דער ענטפער זיין פונקט אַזוי פּינקטליך — דאָס איז געוועזן דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסט — דער קאָמערסאַנט, פאַבריקאַנט און באַנקיר פון אונזערע טעג. אָבער ווען איהר וועט שטעלען אַזאַ פראַגע: ווער איז געוועזן דער הערשענדער קלאַס אין 18טען יאָהרהונדערט אין די פערשיעדענע לענדער? וועט דער ענטפער שוין ניט זיין אַזוי איינפאַך. ווייל די פערשיעדענע לענדער זיינען נאָך געוועזן אונטער דעם פעאָדאַלען רעזשים, אונטער דער הערשאַפט פון די גלחים און אדעל, בעזונדערס פון אדעל, און דער קלאַס מאָדערנע קאַפּיטאַליסטען האָט זיך שוין געהאַט ענטוויקעלט צו אַזאַ שטופע, אַז ער האָט זיך שוין געקענט פערמעסטען אין כחות מיט דעם אדעל, אום אָבצושטרייטען פון איהם די הערשאַפט. און איהר וועט געפינען, אַז די רעגיערונג פון יענער צייט און די געזעצען פון יענער צייט זיינען געווען אַ קאָמפּראָמיס צווישען די אינטערעסען פון אדעל, וועלכער האָט געהאַלטען אין פערלירען זיין מאַכט, און די אינטערעסען פון דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען, וועלכער האָט געהאַלטען אין געווינען די מאַכט. און אַז מיר קומען צום אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט, זעהען מיר, אַז דער עלעמענט, וואָס זיין כוח איז געווען אין די פריווילעגיעס און לגאָטעס — דער אדעל און די קירכע — איז שוין געווען גאָר אַראָבגעקומען, און דער עלעמענט, וואָס זיין כוח איז אין איינגעם פערדיענסט — די קאַפּיטאַליסטען — האָט דאַן שוין געהאַט אַרויפגעקלעטערט זעהר הויך אויפ'ן לייטער פון מאַכט.

די גנועצען, זיך ענדערענדיג כסדר, האבען ריכטיג גנהאט אבגעשפיגעלט דיזע טענדענץ.

אויך דאס איצטיגע סיסטעם, אונטער'ן צייכען פון קאפי־טאליסטישער הערשאפט, איז פונקט אזוי ניט אונפערענדערליך און ניט אייביג. אויך אונטער דער הערשאפט פון קאפיטא־ליסטישען קלאס, וואקסט כסדר צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער סיסטעם, אויך די מאכט פון דעם קלאס אונטער איהם, פון ארבייטער־קלאס.

און אזוי איז עס: די געשיכטע שטעלט אלע מאל פאר מיט זיך א קאמפף צווי־שען קלאסען, איין קלאס האלט אין ארויפקומען, דער אנדערער אין אראב־קומען. יעדער קלאס אין דער געשיכטע האט גנהאט זיין פעריאד — זיין קינדהייט, זיין רייפקייט און זיין עלטער, און גלייך האט זיין פלאץ פערנומען אן אנדער קלאס, וועלכער איז איהם נאכגעגאנגען טריט ביי טריט און דורכגעמאכט די זעלבע שטופע פון ענטוויקלונג. די ענטוויקלונג איז אלע מאל גע־גאנגען מיט א דאפעלטען, פערפלאנטערטען וועג; קיינמאל איז קיין ריינער פראצעס ניט געווען, אזוי אז איהר זאלט קענען זאגען, אז פון 1879 ביז 1889, אדער אין אן אנדער שארף אב־געגרענצטער צייט האבען געפיהרט די גרענדע די גלחים און דער אדעל, פון קיינעם ניט בעשטריטען און מיט קיינעם ניט געטהיילט, און פון דעם דאטום ביז יענעם איז אויסגעוואקסען אין מאכט א נייער קלאס און איהם ארויסגעשטויסען.

ניין, גלייכצייטיג מיט דעם ווי איין קלאס האט גענומען פאלען, האבענדיג ערפילט מעהר אדער ווייניגער זיין אויפ־גאבע, האט גענומען אויפקומען אן אנדער קלאס; בעת איינער איז געווארען אלץ שוואכער, איז דער אנדערער געווארען אלץ שטארקער. און אויך די מאדערנע קלאסען־געזעלשאפט, דאס אזוי גערופענע קאפיטאליסטישע סיסטעם, האט אנגעהויבען מיט אן אויפשוואונג פון קאפיטאליסטישען קלאס. דער קלאס האט געדארפט דורכגעהן זיין פעריאד פון גרעסטער רייפקייט און צייטיגקייט, און נאכדעם ווי ער איז דעם דאזיגען פעריאד דורכגעגאנגען און זיין נוצליכקייט, זיין היסטארישע נוצליכקייט

איז געקומען צו אַן ענד, אָדער האָט ביים קומען צו אַן ענד, האָט גענומען אויפקומען זייט ביי זייט מיט איהם אַן אַנדער קלאַס, דער אַרבייטער־קלאַס, וועלכער פערנעהמט ביסלעכווייז דעם פּלאַץ, וואָס יענער האָט אין פערלירען.

אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט פון היינט צו טאָג גע־פינט איהר שוין צום ביישפּיעל, אַז דער אַרבייטער־קלאַס האָט מעהר מאַכט, מעהר בעדייטונג, שפּיעלט אַ גרעסערע ראָלע אין דער געזעלשאַפט, ווי מיט אַ דור אָדער צוויי צוריק. און דארום נעהמט ער אויך איצט ארויספּרעסען, ארויסצווינגען זיינע אינטערעסען אויף דער רעגיערונג, אויפ׳ן געזעץ, און וואָס מעהר ער געווינט אין וויכטיגקייט, בעוואוסטזיין און קאַמפּפס־לוסטיגקייט, אַלץ גרעסערע שפּורען לאָזט ער איבער אין די געזעץ־ביכער, אין די קאָורט־ענטשיידונגען, אויף אַלע צווייגען פון געזעץ־סיסטעם אין אונזער לאַנד.

און דערפאַר מערקען מיר אָט די טענדענץ אין אונזער געזעץ־געבונג: פון אַ ריין אינדיווידואַליסטישע, קאַפּיטאַליס־טישע, ווי זי איז נאָך געווען, לאָמיר זאָגען, מיט 50 יאָהר צוריק, האָלט זי אין ווערען אַלץ מעהר און מעהר סאָציאַל. אונזערע פאַבריק־געזעצען צעהלען נאָך גאָר ווייניג יאָהרען.

## 8.—דער ערשטער פאַבריק־געזעץ.

דער ערשטער פערזוך דורכצופיהרען אַ פאַבריק־געזעץ איז געמאַכט געוואָרען מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק אָדער עפּעס מעהר. דאָס איז געווען אַ זעהר אינטערעסאַנטער און מערק־ווירדיגער פאַל.

ביי די קאַטען־פאַבריקאַנטען אין ענגלאַנד איז געווען אַ מנהג צו בעשעפטיגען אין זייערע פאַבריקען גאַנץ יונגע יתומים־לעך. זיי פלעגען צו זיי „געליפערט“ ווערען פון די קירכען־געמיינדען אין גרויסע צאָהלען, אין אַלע עלטערס, אָנהויבענדיג פון 7 און 8 יאָהר. ווען אַ קירכען־געמיינדע האָט געהאַט 50 אָדער 100 יתומים, פלעגט זי זיי אַלע משלח זיין אין די קאַטען־פאַבריקען. די פאַבריקאַנטען, האָט עס געהייסען, האָבען גע־דאַרפט וועגען זיי זאָרגען, און זיי האָבען געזאָרגט אויף זייער אייגענעם שטייגער. דער אָנהויב פון דער איצטיגער ערא פון

קאפּיטאליזם און מאשין־פּראָדוקציאָן איז פּיעלייכט דער גרוי־
זאמסטער פּעריאָד פון דער געשיכטע פון אלע צייטען, פון דער
אינדוסטריעלער געשיכטע בפרט.

וואָס פלעגען די פאבריקאנטען טהאָן מיט די אָרימע קינ־
דערליך? זיי פלעגען זיי פערפאקען אין גרויסע באראקען,
צו הונדערטער און הונדערטער, אויסלעגען זיי בוכשטעבליך
אויף פּאָליצעס; פלעגען זיי לאָזען וואקסען אָהן דער מינדעס־
טער אויפפּאסונג און מיט א מינימום פון שפּייז; אָהן א האָר
ערציהונג און בילדונג; זיי געצוואונגען צו ארבייטען אזוי
לאנג וויפיעל זייערע גופים׳לעך האבען געקענט אויסהאלטען.
די געשיכטע דערצעהלט, אז די אויפזעהער פלעגען זיך אריינ־
רייסען אין די באראקען, כאפּען א הויפען קינדער, אראָפּשלעפּען
זיי שלאָפעדיגע פון די פּאָליצעס, אריינטראָגען זיי אויף די
הענד אין די פאבריקען און א שליידער טהאָן זיי אויף דער
ערד און זיי אויסזעצען צו דער ארבייט; לאָזען זיי ארבייטען
ביז וואנען זיי פלעגען חלש׳ען פון מיעדקייט און דאָן זיי
ווידער שלעפּען אין די באראקען צו רוהען ביז זייער נעקסטער
רייה. און אזוי טאָג איין, טאָג אויס, אונבעשרענקטע שטונ־
דען, אָהן ערהאָלונג אפילו אין ימים טובים, און, ווי געזאָגט,
אָהן דעם מינדעסטען פערזוך זיי עפּעס וואָס צו לערנען און
אונטער די ערגסטע סאניטארע בעדינגונגען.

די לאגע איז צולעצט געוואָרען ניט נאָר א סקאנדאליעזע,
נאָר אויך א געפעהרליכע פאר׳ן לאנד. די קינדער, נאטירליך,
די וואָס פלעגען אויסהאלטען, פלעגען אויפוואקסען פיזישע,
גייסטיגע און מאראלישע דעגענעראטען. דאָן איז צום ערשטען
מאָל א פערזוך געמאכט געוואָרען דורכצופיהרען א געזעץ, וואָס
זאָל צווינגען די פאבריקאנטען מענשליכער צו בעהאנדלען די
קינדער, ניט מאטערען זיי איבער די כחות און געבען זיי א
געוויסע ערציהונג. דאָס געזעץ האָט אויך בעגרענצט זייערע
ארבייטס־שטונדען. דאָן האָט זיך אויפגעהויבען א שטורם
איבער ענגלאנד: „דאָס איז א געפעהרליכער, רעוואָלוציאָנערער
שריט! די רעגיערונג זאָל זיך נאָר אריינמישען צווישען דעם
פרייען ארבייטס־געבער און דעם פרייען ארבייטער! דאָס
וועט צושטערען די פרייהייט פון קאָנטראקט צווישען דעם

פאבריקאנט און דעם 7—8 יעהריגען יתום, וואָס ארבייט ביי איהם אין פאבריק". און די אָפּאָזיציע איז געווען אזוי שטארק, אַז עס האָט גענומען יאָהרען, איידער דאָס געזעץ איז דורכגעפיהרט געוואָרען, און דורכגעפיהרט געוואָרען איז עס אונטער דער מאסקע פון אַ געזונדהייטס־געזעץ.

## 9.—די מאָדערנע ארבייטער געזעצגעבונג.

אָבער איהר ווייסט, ווי שטארק עס האָט זיך צואוואקסען זייט דעם אָט דער צווייג פון געזעצגעבונג. מיר האָבען איצט קינדער־שוץ־געזעצע כמעט ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער פון דער וועלט; פרויען־שוץ־געזעצען; אויך שוץ־געזעצען פאר מענער, וואָס ארבייטען אין געפעהרליכע אינדוסטריען; אַלגעמיינע פאבריק־רעגולאציאָנען. אַלע די געזעצען און רעגולאציאָנען זיינען אפשר ניט גענוגענד, אָבער דער נייער שניט פון דער געזעצגעבונג געהט אין אַ ריכטונג, וועלכע וועט איהר אוועקפיהרען ווייט אוועק פון די אַלטע געזעץ־בעגריפען. און אָט דער נייער צווייג פון געזעץ איז בעשאפען געוואָרען און וואקסט דורך די שטייגענדע וויכטיגקייט און שטייגענדע מאכט פון ארבייטער קלאַס.

דאָס איז אָבער נאָר איין אורזאכע, וואָס האָט אַרויסגערופען די אַרבייטער־שוץ־געזעצען.

די צווייטע אורזאכע איז דער בעסער פערשטאנענער זעלבסט־אינטערעס, דער אויפגעקלעהרטער עגאָאיזם פון די הערשענדע קלאסען. זיי האָבען איינגעזעהן, אז די ארבייטס־קראפט פון אַרבייטער, וועלכע איז דאָך נאָך אַלעמען די קוואַל פון זייער רייכטהום, דארף אָבגעהיט ווערען, און זיי ווילען ניט „טויטען די גאנז, וואָס לעגט זיי די גאָלדענע אייער".

און די לעצטע אורזאכע, אָבער ניט די קלענסטע, איז דאָס קאָנקרעטע בעטהייליגען זיך פון די ארבייטער אין פּאָליטיק און נאָך מעהר זייער מעגליכער איינפלוס אויף פּאָליטיק מיט זייער צאָהל, ווייל נאָך אַלעמען זיינען זיי דאָך, און אונטער דער מאָדערנעם סיסטעם מוזען זיי זיין, פרייע בירגער און קענען מאכען אַ געברויך פון זייער וואוט. אַלעס צוזאמען האָט געהאָלפען אַרויסברענגען דעם נייעם צווייג פון געזעץ — די

ארבייטער שוץ־געזעצע — וועלכע זיינען אזוי כאראקטעריס־טיש פאר ז'ער נייסטער ענטוויקלונג פון אונזער געזעץ־סיסטעם.

איהר זעהט, אלזאָ, א רייהע קרעפטען ארבייטען, אז אונזער געזעץ־סיסטעם זאָל זיך נעהמען ענדערען אין א נייער ריכ־טונג — צו דיענען דעם ארבייטער־קלאס. די ענדערונג אין דער ריכטונג לאזט זיך דערוייל נאך קוים מערקען. אין גרוי־סען און גאנצען איז דאס געזעץ נאך דערווייל די הויפט־שטיצע פון הערשענדען קלאס. די אייגענטהימער זיינען נאך דער־ווייל די ליעבלינגע פון געזעץ, אבער א קלין איז שוין אריינ־געהאקט געוואָרען אין געזעץ דורך די ארבייטער־שוץ געזעצע, און ווי ווייט דער קלין וועט געהן, ווי ווייט די נייע טענדענץ וועט זיך בעהויפטען און ענדערען דעם כאראקטער פון אונזער געזעץ־סיסטעם, הענגט אב אויסשליסליך פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער דער ארבייטער קלאס וועט וואקסען — וואקסען אין יעדער בעציהונג; וואקסען אין וויכטיגקייט אלס עקאָנאָ־מישער פאקטאָר; וואקסען אין וויכטיגקייט אלס סאָציאלע איינהייט, אלס זעלבסטבעוואוסטע, קלאסען־בעוואוסטע סאָ־ציאלע איינהייט; וואקסען אין אָרגאניזאציאָנס־פעהיגקייט, אין סאָלידאריטעט; אין אינטעלעקטועלער, עקאָנאָמישער און פאָליטישער מאכט. דאס און נאר דאס וועט בעשטימען דעם צוקינפטיגען פּראָגרעס פון געזעץ — דאס וועט בעשטימען צו דאס געזעץ זאָל בלייבען ביי זיין ראָלע אלס הערשאפטס־מיטעל פון די הערשענדע, אָדער עס זאָל נעהמען שפּיעלען א מעהר הומאנע ראָלע, אלס שיצער און בעשיצער פון די, וואס נויטינען זיך אם מעהרסטען אין שוץ אונטער דער היינטיגער סיסטעם; אלס שיצער און היטער פון די ארבייטער און זייערע אינ־טערעסען.

איינצעלנע, ספּעציעלע שטריכען פון אָט דער מעגליכער ענטוויקלונג פון געזעץ, ווי אויך איינצעלנע כאראקטעריסטישע אופנים, ווי דאס היינטיגע געזעץ רופט זיך אב און ווירקט אויף דעם קאמפף, וואס די ארבייטער פיהרען אָן צו ענדערען דאס געזעץ פאר זייער טובה ווענגן — דאס וועלען זיין די טהעמען פון מיינע ווייטערע לעקציעס.

צווייטע לעקציע.

## די שטעלונג פון געזעץ צו אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען.

אין דער ערשטער לעקציע האָבען מיר אונטערזוכט די בעציהונגען פון געזעץ צו די ארבייטער און מיר זיינען גע־קומען צו פאָלגענדע רעזולטאַטען: ערשטענס, אז די אַלגע־מיינע פונקציע פון געזעץ איז אויפצוהאלטען און צו שיצען די עקזיסטירענדע עקאָנאָמישע אָרדנונג פון יעדער געזעלשאַפט; צווייטענס, אין די געזעלשאַפטען, וואָס איהרע מיטגליעדער זיינען ניט איין גלייכאַרטיגע מאסע, נאָר זיינען צוטהיילט אין קלאסען און די אינטערעסען פון איין קלאַס קומען אָפט אין צוזאמענשטויס מיט די אינטערעסען פון אַן אַנדער קלאַס — אין אַזעלכע געזעלשאַפטען האָט דאָס געזעץ אַן אַלגעמיינע טענדענץ צו שיצען די הערשענדע קלאַסען געגען די אָבהענ־גיגע קלאַסען; דריטענס, אין דער מאָדערנער צייט איז די אַלגעמיינע טענדענץ פון געזעץ צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון קאַפּיטאַל געגען ארבייט אין אַלע פעלע, וואו זיי קומען צו אַ צוזאמענשטויס. די ארבייטער אָבער ווערען אַלץ אַ גרעסערער כח, שפּיעלען אַלץ אַ וויכטיגערע ראָלע אין סאָציאַלען לעבען פון דער נאַציאָן און צווינגען ארויס אַלץ מעהר הנחות פון די געזעצגעבער. אַזוי, אַז ווען איהר וועט נעהמען אַנאַליזירען דעם גאַנג פון דער געזעצגעבונג, וועט איהר בעמערקען, אַז עס קומען צו אונאויפהערליך אַלץ נייע ספּעצ־יעלע פּונקטען, וואָס זייער ציעל איז ארבייטער־שוץ. און דאָס איז אַ צייכען פון וואוקס פון דער ארבייטער־בעוועגונג, אַ צייכען פון דער שטייגענדער וויכטיגקייט פון דעם ארבייטער־עלעמענט אין דער בעפעלקערונג.

אין אונזער היינטיגער לעקציע „וועגען דער שטעלונג פון געזעץ צו ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען“ וועלען מיר פּרואווען אַנוועגדען אָט די אַלגעמיינע פּרינציפּען אין אַ ספּעציעלער פראַגע: וואָס זיינען די גאַראַנטיען, וואָס דאָס געזעץ גיט צו

אַרבייטר יוניאָנס, און ווי די דאָזיגע גאַראַנטיען האָבען זיך ענטוויקעלט?

## 1.—ווען איז מעגליך געוואָרען אַן אַרבייטער־יוניאָן?

אונטער אַן אַרבייטער־יוניאָן דאַרף מען פערשטעהן אַן אָרגאַניזאַציאָן פון אַרבייטער, פון לוין־אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דעם זעלבען טרייד אָדער אינדוסטריע, אַן אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איהר צוועק איז אויסצובעסערען די אַל־געמיינע מאַטעריעלע בעדינגונגען פון די אַרבייטער — הויפּט־זעכליך צו העכערען די וויידזשעס, צו פערקירצען די אַרבייטס־שטונדען און צו פערזיכערען זיך מיט אַ בעסערער בעהאַנדלונג מצד דעם מאַנופעקטשורער.

עס איז שוין אַן אַלטער מנהג ביי די היסטאָריקער פון דער אַרבייטער־בעוועגונג און פון די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען נאָכצוזוכען די שפּורען פון די דאָזיגע אָרגאַניזאַציאָנען צוריק אין די יאָהרהונדערטער און זיי געפינען די דאָזיגע שפּורען אין די צעכען פון מיטעלאַלטער, וואָס זיינען געווען פעראייניגונגען פון קליינע מאַנופעקטשורערס אין פערשיעדענע מלאָכות און קונסטען. אָבער אין דער אמת'ען האָבען די אַרבייטער־אָרגאַ־ניזאַציאָנען אין מאָדערנעם זין פון וואָרט קיין שום פערוואַנד־שאַפט ניט מיט די צעכען פון מיטעל־אַלטער. זיי זיינען גאָר אַ נייעס אין אונזער געשיכטע. זיי זיינען אויפגעקומען צו־זאַמען מיט די מאָדערנע בעדינגונגען. זיי האָבען ניט עקזיס־טירט בעפאָר די מאָדערנע בעדינגונגען האָבען זיך ענטוויקעלט. די אַזוי גערופענע אַרבייטער־יוריספּרודענץ, — יענער צווייג פון געזעץ, וואָס האָט צו טהאָן מיט אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָ־נען, מיט זייערע רעכטע, מיט דער שטעלונג פון געזעץ צו די אָרגאַניזאַציאָנען און צו זייערע מיטגליעדער — אָט דער צווייג פון געזעץ איז אונבעדינגט ניי, ווייל די אַרבייטער־אָרגאַניזא־ציאָנען, אויף וועלכע דאָס געזעץ בעציהט זיך, זיינען אַליין אַ פּראָדוקט פון דער מאָדערנער צייט. און עס זיינען פאַראַן זעהר גוטע גרינדע, פאַר וואָס אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען האָ־בען ניט געקענט עקזיסטירען אין פריהערע צייטען.

**אום צו האָבען אַן אָרגאַניזאַציאָן פון אַרבייטער, אַ יוניאָן**

פון לוין־פערדיענער, מוז פריהער זיין א קלאס פון לוין־ארביי־טער, וועלכע אָרגאניזירען זיך אין א יוניאָן. עס דארף ווייטער זיין א קלאס, וואָס בעשעפטיגט לוין־ארבייטער, א קלאס פון קאפיטאַליסטען געגען וועמען די טרייד־יוניאָנס ווערען אָרגאַ־ניזירט און עס דארפען זיין נאָך אנדערע בעדינגונגען, וועלכע מאכען מעגליך די עקזיסטענץ פון ארבייטער יוניאָנס.

אָט דיעזע בעדינגונגען זיינען אויפ־געקומען ערשט אין לעצטען יאָהרהונ־דערט, ניט פריהער. ווען מיר זאָגען, אז עס זיינען אלע מאָל געווען ארבייטער און ארבייטס־געבער, איז דאָס אמת; אָבער ווען מיר זאָלען זאָגען, אז עס זיינען אַלעמאָל געווען לוין־ארבייטער אין דעם מאָדערנעם זין פון וואָרט, לוין־ארביי־טער אלס א שטענדיגער קלאס און עס זיינען אַלעמאָל געווען ארבייטס־געבער, וואָס בעשעפטיגען לוין־ארבייטער, אלס א שטענדיגער, פעסט בעשטימטער קלאס, מאכען מיר א בעהויפ־טונג, וואָס קען ניט געשטיצט ווערען אויף קיינע פאקטען פון דער געשיכטע.

## 2.—דער אַרבייטער פון אמאָל און דער פראָלעטאַריאַט פון היינט.

ווען אידר וועט נעהמען דעם קלאס פון האָרעפּאשניקעס. דעם קלאס פון אָבהענגיגע אין דער אַלטער ציוויליזאציאָן, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף שקלאַפעריי, וועט איהר אויסגעפינען, אז זיי זיינען בשום אופן ניט געווען עהנליך צו דעם קלאס פון מאָדערנע לוין־אַרבייטער. דער שקלאַף איז געווען דאָס איינענטהום פון בעל־הבית. ער איז ניט אריינגעגאנגען אין קיין קאָנטראקט מיט זיין „ארבייטס־געבער“, גיכער מיט זיין בעל הבית, איבער די בעדינגונגען, אונטער וועלכע ער וועט דארפען ארבייטען; פונקט אזוי וועניג ווי איהר וועט ניט שליסען קיין אָבמאַך מיט דעם הויז־טהיער, וואָס בעלאנגט צו אייך. דער שקלאַף איז געווען דאָס אייגענטהום פון זיין בעל־הבית. דער בעל־הבית האָט איהם אויפגעהאלטען, צוליעב זיין אייגענעם אינטערעס, פונקט אזוי ווי אַן אייגענטהימער פון א פערד גיט אכטונג, אז זיין פערד זאָל זיין אזוי גוט געשפייזט און ריין

נעהאלטען, ווי מעגליך, כדי ארויסצוקריגען פון איהם דעם גרעסטען נוצען. אויף אזא אופן איז אבסאלוט קיין געלעגענהייט ניט געווען עס זאל זיך שאפען אן ארגאניזאציאן פון שקלאפען, אפילו ווען זי וואלט געווען פיזיש מעגליך, אן ארגאניזאציאן צו שליסען קאנטראקטען מיט זייערע בעלי בתים.

און ווען איהר קומט צו צו דער שטופע פון מיטעלאלטער, געפינט איהר ווידער אנדערע בעדינגונגען. עס איז שוין ניט קיין שקלאפען־ווירטשאפט, נאר דאס אזוי גערופענע פעאדאלע סיסטעם, אזא צושטאנד פון געזעלשאפט, וואס איז באזירט הויפטזעכליך אויף אגריקולטור, בעטריבען דורך דעם פריווילעגירטען קלאס פון לאנד־אייגענטהימער, וועלכע רופען זיך דער אדעל. יעדער מיטגליעד פון דעם קלאס, יעדער אדעלמאן, האט געהאט זיין שלאס, זיין גוט, א שטיק לאנד, גרויס צו קליין, מיט אלע אינסטרומענטען אום לאנד צו בעארבייטען, און דער לאנד־ארבייטער, דער לאנד־קנעכט, איז געווען א צוגעהעריגער טהייל פון דער דאזיגער ווירטשאפט. ער איז געווען צוגעבונדען צום באדען, און ווען אזא סארט גוט פלעגט אריבער פון איינע הענד צו אנדערע, דורך ירושה אדער פערקויף, איז דער לאנד־קנעכט מיטגעגאנגען מיט דעם גוט ווי יעדער אנדער אינסטרומענט פון אגריקולטור. ער פלעגט פערהאלטען פאר זיך א טהייל פון דעם פראדוקט פון זיין ארבייט און דעם איבעריגען טהייל פלעגט ער איבערגעבען צו זיין האר. אדער ער פלעגט ארבייטען פאר זיך א געוויסע צאהל טעג און פאר זיין האר אויך א געוויסע צאהל טעג. דאס אלץ פלעגט בעשטימט ווערען פון לענדלארד, פון פעאדאלען באראן. דער לאנד־קנעכט האט גאר ניט געהאט אריינצוזאגען אין דעם. דא איז ער ווידער ניט געדונגען פאר ווידזשעס; ער שליעסט קיין קאנטראקט ניט מיט זיין ארבייטס־געבער. און ווידער איז דא קיין געלעגענהייט ניט געווען צו בילדען א געוויסע סארט פעראייניגונג פאר אלגעמיינע האנדלונגען צווישען די לאנד־קנעכט, וואס זיינען צוזעעט געווען איבער'ן גאנצען לאנד, יעדער פון זיי צוגעשמידט מיט א געוויסער צאהל פון זיין גלייכען צו א בעשטימטען שטיק לאנד.

ווען איהר קומט צו דער שפעטערער פעריאדע פון מיטעל־

אלטער, צו דער פעריאָדע, ווען די מאָדערנע אינדוסטריע האָט זיך גענומען ענטוויקלען, האָט איהר נאָך אלץ ניט קיין בע־שטימטען קלאס פון ארבייטער פאר ווייזשעס. איהר האָט דעם קליינעם בעל מלאָכה, דעם קליינעם מעכאַניקער, וועלכער פראָדוצירט פאר זיין אייגענעם געווין און פּראָדוצירט עס אב־סאָלוט זעלבסטשטענדיג. פריהער פון אלץ וויים ער זיין גאנצע מלאָכה: ניטאָ אזא זאך, ווי אן ארבעל־נעהער, אָדער אן ארבעל־איינהעפטער, אָדער א קלאָזער, א העמסטיטשער, אָדער אן אנדער ספּעציאליזירטער ארבייטער, וואָס טהוט נאָר א טהייל פון דער געגעבענער ארביים.

דער מעכאַניקער אָדער דער בעל־מלאָכה פון א מאָל איז א געלערענטער ארבייטער, אן ארבייטער־קינסטלער. זיין אר־בייט איז פאר איהם א קונסט. געוועהנליך געהט ער דורך א לעהרע פון פיעלע יאָהרען ביז ער לערענט אוים זיין פאך, און דאן ערשט בעזעצט ער זיך אלס זעלבסטשטענדיגער פּראָדו־צירער. קיין זאך קען איהם דערפון ניט שטערען. ער דאַרף ניט קיין גרויסע און קאָסטבארע מאשינען. עס זיינען נאָר ניט געווען אזעלכע מאשינען צו יענע צייטען. עס פאָדערען זיך ניט קיין גרויסע פאבריקען; פאבריקען זיינען נאָך אויך ניטאָ; מען גרייט זיך ניט אן מיט פיעל רויהען מאטעריאל. ער ארבייט מיט זיין איינפאכען און ביליגען אינסטרומענט, זעהר אָפט געמאכט פון איהם אליין, אין זיין אייגען היים אָדער אין א קליינעם ווארשטאָט. ער ארבייט דעם גאנצען פּראָדוקט געוועהנליך פאר א ספּעציעלען געברויכער, פאר זיין קונדע, און ער דאַרף זיך צופאסען צו די ספּעציעלע בעדירפניסען און גע־שמאקען פון זיין קונדע, און ווען דער פּראָדוקט איז פארטיג, האָט ער צו פערדאנקען זיין עקזיסטענץ צו דער פּערזענליכער פעהיגקייט און ארבייט פון איהם, דעם בעל־מלאָכה אָדער מעכאַניקער.

ווייטער, קען ער האָבען און אָפטמאָל האָט ער טאקע העל־פער. זיי זיינען לעהרלינגע אָדער געהילפען. אָבער דאָס איז פאר זיי נאָר א צייטווייליגער צושטאנד. א לעהרלינג איז א לעהרלינג נאָר אזוי לאנג ביז ער קומט צו דער מדרגה פון א געהילף, און א געהילף איז א געהילף נאָר אזוי לאנג ביז עס

קומט די צייט און ער ווערט אַ פאָלשטענדיגער מייסטער. זיי זיינען ניט קיין אייביגע ווײידזש־ארבייטער. ווײידזשעס איז ביי זיי נאָר צופעליגע זאַך, ווען זיי זיינען פאקטיש נאָך שילער. זיי לערנען זייער מלאָכה אין פערלויף פון אַ געוויסער צאָהל יאָהרען. דערפון נעהמט זיך, וואָס דער ארבייטס־געבער ווערט בעצייכענט אלס „מייסטער", וואָס דאָס מיינט לעהרער. דאָס וואָרט מייסטער איז נאָך פערבליבען ביז היינטיגען טאָג אין געזעץ און עס ווערט אַנגעווענדעט אויף אַזעלכע פערזאָנען, וואָס זיינען אַלץ וואָס איהר ווילט, אָבער בשום אופן ניט קיין לעה־רער אין דער אינדוסטריע. און נאָך ווערט איהר אויסגעפינען, אַז אינדוסטריע אין יענע צייטען האָט פאקטיש ניט ארומגע־נומען אַ ברייטען פעלד. זיינע הויפט־בעדערפנישען האָט יע־דער איינער געקענט בעפריעדיגען מיט זיינע אייגענע מיטלען. די געוועהנליכע נאָרמאַלע באַלעבאַטישקייט האָט פראָדוצירט פריהער פון אַלץ פאָלשטענדיג איהר אייגענע שפייז. געוועהנ־ליך איז דאָך דאָס אַן אַגריקולטורעלע באַלעבאַטישקייט. ווײי־טער, בויט מען זיך אַליין הייזער; מען נעהמט זיך אַליין קליידער.

פון גאָר פארצייטען, זינט דער מענש האָט געלערענט די קונסט פון וועבען און נעהען, איז געווען בלויז אַ קליינע צאָהל פאכען, הויפטזעכליך: טעפיך־וועבעריי, שוסטעריי און שמי־דעריי, וואו עס האָבען עקזיסטירט זעלבסטשטענדיגע פּראָדו־צירער, זעלבסטשטענדיגע מעכאַניקער און בעל־מלאָכות.

שפּעטער ארום, ביים אָנהויב פון דער איצטיגער אינ־דוסטריעלער עפּאָכע, איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דיזער בעציהונג. דער פּרימיטיווער געצייג איז ביסלעכווייז געוואָרען אַן אַלץ מעהר און מעהר פערוויקעלטער, קאָמפּליצירטער און קאָסטבארער אינסטרומענט. ער פערוואַנדעלט זיך אין דער פּרימיטיווער מאַשין, און די מאַשין ווערט אַלץ בעסער און פאָל־קאָמענער, ביז זי דערגרייכט די שטופע פון דער מאָדערנער ריעזען־מאַשין, געטריבען דורך דאַמפּף אָדער עלעקטריציטעט, וועלכע טהוט אָפּט די ארבייט פון הונדערטער מענשליכע הענד. מיט דער מאַשין איז געקומען די פאבריק, ווייל איהר קענט נאַטירליך ניט אײַועקשטעלען אַ מאַשין פון גיגאַנטישער גרויס אין דעם ארבייטס־צימער פון אייער הויז. און ווען אפילו

איהר וואָלט עס געקענט, וואָלט עס אייך קיין נוצען ניט גע־בראַכט, וואָרים צו אַ מאשין פאָדערט זיך די צוטהיילונג פון דער ארבייט. כדי אַ מאשין זאָל פונקציאָנירען, איז נויטיג, אַז אַן אנצאָהל אנדערע מאשינען זאָלען טהאָן אנדערע טהיילען פון דער ארבייט, און ערשט דער סך הכל פון דער ארבייט פון אַ גאנצען גאנג מאשינען איז אַ פּראָדוקט, וואָס טויג צום געברויך. די מאשין, אלזאָ, ברענגט נויטווענדיג צו דער פאַב־ריק, און די פאבריק פון איהר זייט פערלאַנגט דאָס צוזאמענ־ארבייטען, די פעראייניגטע ארבייט פון אַ גרויסער צאָהל מע־כאַניקער אָדער אַזוי ארבייטער.

דאָ איז פאָרגעקומען שטופענוויז אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט ראַדיקאַל געענדערט דעם כאַראַקטער פון דעם ארבייטער. דער מאָדערנער ארבייטער, דער ארבייטער פון לעצטען יאָהר־הונדערט, אָדער דאָ אין לאַנד דער ארבייטער פון די לעצטע צוויי דורות, איז שוין מעהר ניט קיין זעלבסטשטענדיגער בעל־מלאָכה. ער איז שוין מעהר ניט אַזאַ פּערזאָן, וואָס קען זיך פערלאָזען אויף זיין אייגענער פעהיגקייט, אויף זיין אייגענעם אינסטרומענט צו טהאָן זיין אייגענע ארבייט. אום צו קענען טהאָן ארבייט היינט צו טאָג, דאַרף ער האָבען אַ צוטריט צו דער מאָדערנער מאשינעריע. אָבער די מאָדערנע מאשינעריע איז אַזוי קאָמפּליצירט און טהייער, אַז דער ארבייטער קען עס זיך ניט איינשאַפען אלס זיין פּערזענליכען אייגענטהום, און זי וואָלט איהם אויך ניט גענוצט, ווען ער קען עס יאָ. ער אליין קען ניט אָנטרייבען דאָס גאנצע סיסטעם פון מאשינען, וואָס זיינען נויטיג פאַר זיינע אינדוסטריעלע צוועקען.

אַזוי איז דער מאָדערנער ארבייטער אָבגעריסען געוואָרען פון זיין געצייג. ער איז געוואָרען אָבהענגיג פון דעם איינענ־טהימער פון געצייג. דאָס איז אַ געוואַלדיגער אונטערשיעד צווישען דעם איצטיגען צושטאַנד און דעם צושטאַנד פון אַמאָל, ווען דער בעל מלאָכה האָט זיך אליין געמאַכט זיין געצייג און אליין געאַרבייט מיט איהר.

## 3.—די הויפט סמנים פון פראלעטאריאט און פון קאפיטאליסטישען קלאס.

אויסער דעם איז דער היינטיגער ארבייטער געווארען א שטענדיגער פראלעטאריער. נעהמט א הונדערט יאהר צוריק אין אייראפא, אדער אונגעפעהר א 60 יאהר צוריק, די צייט פאר'ן בירגער־קריעג, אין אמעריקא, וועט איהר זעהן, אז דער צושטאנד פון אן ארבייטער איז כמעט אין די מעהרסטע פעלע א צייטווייליגער צושטאנד. א לוין־ארבייטער בלייבט א לוין־ארבייטער אזוי לאנג ביז ער שפארט אב גענוג געלד צו קויפען זיין ניט טהייערען אינסטרומענט און ריכט זיך איין זיין אייגענעםווארשטאט. אדער אויב עס איז פאראן אזא איבערפלוס פון פרייע לאנד, וואס קען קולטיווירט ווערען, געהט דער ארבייטער אפט אריבער פון אן אינדוסטריעלער בעשעפטיגונג צו אן אגריקולטורעלער. איהר וועט אויסגעפינען, אז דער געוועהנליכער לוין־ארבייטער האט בעטראכט זיין צושטאנד בלויז אלס א דערווייליגע זאך. ער איז ניט געווען צוגעשמידט צו איהם; ניט פער'משפט צו בלייבען א לוין־ארבייטער אויפ'ן גאנצען לעבען. ער האט דארום ניט פארגעשטעלט מיט זיך א בעשטימטען, בעשטענדיגען קלאס. אנדערש איז עס מיט דעם מאדערנעם ארבייטער — **ער געהערט צו א בעשטימטען, בעשטענדיגען קלאס פון לוין־ארבייטער.** עס קען, נאטירליך, טרעפען, דאס אפילו א מאדערנער לוין־ארבייטער קען דורך א גליקליכען צופאל ווערען א מענעדזשער פון א גרויסער פעקטארי, דערנאך איהר אייגענטהימער. איהר האט נאטירליך געהערט די מעשיות פון צייטונגס־טרעגער, וואס זיינען געווארען רייל־ראוד־פרעזידענטען, און אזוי ווייטער. אבער פאר דער גרויסער מאסע ארבייטער, פאר די מיליאנען פון די אינדוסטריעלע לוין־ארבייטער אין אונזער אדער אין אן אנדער ציוויליזירטער מדינה, **איז דער צושטאנד פון לוין־ארבייטער א בעשטענדיגער, א פערמאנענטער.** דער געוועהנליכער לוין־ארבייטער האט צו רעכנען, אז ער וועט שוין פערבלייבען אן ארבייטער זיין גאנץ

לעבען, און אז אונטער געוועהנליכע אומשטענדען וועלען זיינע קינדער נאָך איהם אויך פערבלייבען ווי ער — אייביגע לוין־ארבייטער.

מיט אַנדערע ווערטער, די בעדינגונגען פון לוין־ארבייט זיינען געוואָרען פעסט בעשטימטע, פערמאַנענטע, און גיבען זיך איבער בירושה — פון טאַטעס צו קינדער. דאָס זיינען בעדינגונגען פון אַ לוין־ארבייטער קלאַס, אָהן געצייג, אָהן ארבייטס־מיטלען. דער אַרבייטער קריגט די געצייג און אַרבייטס־מיטלען פון דעם קלאַס, צו וועמען די אַרבייטס־מיטלען בעלאַנגען. און דאָס איז אַ צושטאַנד גאָר אַ נייער אין דער געשיכטע. אין גאַנצען גענומען, אין זיין פולער ענטוויקעלטער פאָרם, איז דיעזער צושטאַנד ניט עלטער פון 100 יאָהר, פונקט אזוי אלט ווי דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס. דער קלאַס וויעדער איז אַ קלאַס פון אַרבייטס־געבער, וואָס זייער סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּאָזיציע שטיצט זיך ניט אויף זייער פעהיגקייט און ערפאַהרונג, ווי דאָס איז געוועזען דער פּאַל מיט דעם מעכאַניקער און בעל־מלאָכה פון אמאָל, נאָר אויף זייער אייגענטהומס־רעכט איבער די אינסטרומענטען, מיט וועלכע רייכטהימער ווערען געשאַפען; אויף זייער אייגענטהומס־רעכט איבער די רייל־ראָודס, מיינס, פאַבריקען און מאָדערנער פּראָדוקציאָנס־מאַשינעריע — אָהן אונטערשיעד, ווי אזוי זיי בעזיצען זייער אייגענטהום, דירעקט אָדער אינדירעקט, אליין פאַר זיך אָדער בשותפות מיט צעהנדליגע און הונדערטער אַנדערע, דורך סטאָקס און באָנדס, ווי אין די מאָדערנע קאָרפּאָריישאָנס. און אָט דאָס אייגענטהומס־רעכט איבער די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, איבער די אינסטרומענטען, מיט וועלכע רייכטהימער ווערען געשאַפען, מאַכט דעם קלאַס פאַר דעם הערשענדען אין דעם עקאָנאָמישען לעבען. און זייער צושטאַנד איז אויך אַ פעסטער, אַ פערמאַנענטער, וואָס געהט איבער בירושה פון טאַטען צום זוהן. דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז ניט אַ קלאַס, וואָס האָט צו פערדאַנקען זיין פּאָזיציאָן די פּערזענליכע מעלות פון די קאַפּיטאַליסטען.

דער פּיאָנערען־פּעריאָד, דער פּעריאָד פון אויפבויען אינדוסטריען, דער פּעריאָד פון אָריגינעלע ערפינדער איז שוין

באלד אַ זאך פון דער פערגאנגענהייט. איצט זיינען מיר אין אַ פעריאָד פון אייגענטהומס־מאָנאָפּאָל און פון מאכט, וואָס שטאמט פון אזא מאָנאָפּאָל.

עס איז לייכט איינצוזעהן, אַז דער גרעסטער טהייל פּראָדוקטען ווערט פּראָדוצירט דורך קאָרפּאָריישאָנס, און דער גאנצער פּראָצעס פון דער אינדוסטריע ווערט מעהרסטענס געטריבען דורך קאָרפּאָריישאָנס. און וואָס שטעלען מיט זיך פאָר קאָרפּאָריישאָנס? דאָס איז אונפּערזענליכער בעזיץ פון די אינסטרומענטען, רייל־ראָודס, מיינס, פעקטאָרים, מאשינערי און רויה־מאטעריאלען; מיט איין וואָרט, דער בעזיץ פון קאפּיטאל, פון פּראָדוקטיווען קאפּיטאל; און דיעזער בעזיץ איז פערקערפּערט אין סימבאָלען — אין סטאָקס און באָנדס, וועלכע געהען פון האנד צו האנד, פון איין דור צום אַנדערען, פון דעם ערשטען אייגענטהימער, דעם פּיאָנער אין דער אינדוסטריע, צו אַ פּערזאָן, וואָס ווייס אבסאָלוט גאָר נישט וועגען דער אינדוסטריע; פון אַ קלוגען ביזנעס־בויער צו אַן אבסאָלוט אונקאָמפּעטענטען. עס מאכט גאָר ניט אויס. דאָס אייגענטהומס־רעכט איבער די פּראָדוקציאָנס־מיטלען געהט צוזאמען מיט דעם סטאָק, און מיט דעם סטאָק געהט מיט דער פּראָפּיט, אונאָבהענגיג פון די אייגענטהימער׳ס מעלות אָדער חסרונות.

איצט, נאַטירליך, קענען נאָך זיין אונטערשיעדען, פּערזענליכע אונטערשיעדען, צווישען איין קאפּיטאַליסט און דעם אַנדערען. איינער קען זיין זעהר אַ ניצליכער מענש און קען נעהמען אַ טיכטיגען אַנטהייל אין די אָפּעראציאָנען פון דער אינדוסטריע, אין וועלכער ער איז פּעראינטערעסירט, דעם אנדערען קען עס ניט אָנהויבען צו קימערען; ער קען פּערברענגען זיין צייט אין פּערגעניגענס; אָבער אויף וויפיעל זיי זיינעןביידע קאפּיטאַליסטען, איז גאָר קיין נפקא מינה ניט. דער פלייסיגער קאפּיטאליסט וועט מאכען מעהר, ווייל ער וועט צוגעבען צו זיין איינקונפט אלס קאפּיטאַליסט אויך זיינע פּערדיענסטען אַלס מענעדזשער. דער פוילער קאפּיטאליסט וועט מאכען ווענינער, אָבער אלס קאפּיטאַליסטען, אלס די אינסטרומענטען־בעזיצער, וועלען זיי ביידע בעקומען אַ גלייכען חלק פון דעם, וואָס עס וועלען אַריינברענגען די סטאָקס

און באַנדס, וואָס זייביידע בעזיצען; און עס מאכט ניט קיין גרויסען אונטערשיעד, צו דאָס גלייכגילטיגע, טויטע שטיקעל פּאַפּיער, וואָס פערקערפּערט סאָציאַלע בעציהונגען און סאָציאַלע מאכט, געפינט זיך ביי א לעבעדיגען מענשען אין די הענד אָדער עס ליעגט זיך ערגעץ אין אַן אייזערנער קאסע. אלזאָ, אויך דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, דער קלאַס בעלי בתים איבער די אינסטרומענטען און רייכטהימער, דער קלאַס פון די ארבייטס־געבער, איז געוואָרען אַ צושטאַנד, וואָס גיט זיך איבער בירושה פון דור צו דור, און אויך צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע.

## 4.—דער ריין פּיזישער תּנאי פון ארבייטער־פעראייניגונג.

דאָ האָבען מיר די צוויי קאָנדיציאָנען, וואָס בעשאַפען די ארבייטער־יוניאָנס. ערשטענס, די ענטוויקלונג פון די לוין־ארבייטער צו א פעסטען, זעלבסטשטענדיגען קלאַס; צווייטענס, די ענטוויקלונג פון די ארבייטס־געבער, פון די אינסטרומענטען־בעזיצער צו א פעסטען, זעלבסטשטענדיגען קלאַס.

און אָט אין דעם צוזאַמענשטויס פון די ביידע קלאַסען ווערען בעשאַפען די ארבייטער־יוניאָנס. אָבער דאָס איז נאָך ווייניג. עס פאָדערען זיך נאָך אנדערע בעדינגונגען, אז אַ מאָדערנע ארבייטער־בעוועגונג זאָל מעגליך ווערען, און איינע פון די בעדינגונגען איז דער פּיזישער באַזיס פאר ארגאַניזאַציאָן; מערקט, ניט נאָר פּאָליטישע פרייהייט, דאָס רעכט צו אָרגאַניזירען זיך, נאָר טאקע די פּיזישע מעגליכקייט דערצו. וואָרים די אונטערוואָרפענע קלאַסען פון אמאָל האָבען ניט נאָר ניט געהאט די פּאָליטישע פרייהייט, נאָר אויך ניט די פּיזישע מעגליכקייט דערצו. דעם אַמאָליגען שקלאַף איז ניט ערלויבט געווען צו פערבינדען זיך מיט די שקלאַפען פון אנדערע ווירטשאַפטען, אום צו שאַפען אַן אָרגאַניזאַציאָן, וואָס זאָל זיי שיצען געגען זייערע הארען. אָבער אויסער דעם איז עס געווען פּיזיש אונמעגליך פאר זיי. לאָמיר זאָגען, איין שקלאַפען־האלטער האָט געהאט 20 שקלאַפען, דער אַנדערער 50, א

דריטער 10. יעדער האָט געהאַלטען זיינע שקלאַפען צוגעבונ־דען צו זיין ווירטשאַפט. עס איז גאָר נישט געווען געמיינ־זאַמעס צווישען איין ווירטשאַפט און דער אַנדערער. זיי האָ־בען זיך צונויפטרעפען ניט געקענט. יעדער הייפעל שקלאַפען איז געווען אָבגעצאַמט אין דער ווירטשאַפט פון זיין האר. און ווען זיי וואָלטען זיך שוין אפילו יאָ צונויפגעטראָפען, וואָלט דאָס זיי אויך ניט פיעל געהאָלפען צו פעראייניגען זיך פאר עקאָנאָמישע צוועקען, וואָרים די הנחות, וואָס איין גרופּע שקלאַ־פען וואָלט ארויסבעקומען פון איהר האר, וואָלט בשום אופן ניט אָנגעריהרט די שקלאַפען פון אַן אַנדער האר. דאָס זעלבע גילט אויך פאר די לאַנד־קנעכט, די לייב־אייגענע פון מיטעל־אַלטער.

אָבער אַנדערש איז מיט די מאָדערנע ארבייטער: ניט נאָר האָבען זיי און מוזען האָבען — ווי איך האָב עס געזוכט צו בעווייזען אין דער פאָריגער לעקציע — די געזעצליכע פרייהייט, די פּאָליטישע פרייהייט צו פעראייניגען זיך, צו פערבינדען זיך אין אַן אָרגאַניזאַציאָן, נאָר זיי ווערען מיט גע־וואַלט, געגען זייער אייגענעם ווילען, צונויפגעבראַכט אין אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן. די מאָדערנע פאַבריק האָט צושטערט דעם אַל־טען וואַרשטאַט, האָט אָבגעשאַפט דעם אַלטמאָדישען בעל־מלאָכה, האָט זיי צונויפגעבראַכט אַלס ארבייטער, מיט לעדיגע הענד, אָהן געצייג, אונטער איין דאַך, אין זעהר גרויסע צאָהלען.

צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע זעהען מיר הונדער־טער פרייע לוין־ארבייטער צונויפגעבראַכט אונטער איין דאַך, און זיי געהען פריי אריבער פון איין פאַבריק אין דער אַנדערער. ווען איהר האָט אַ געוויסע צאָהל ארבייטער אין אַן אינדוסטריע, וועלען זיי שוין ווען עס איז אַלע צונויפגעבראַכט ווערען צו־זאַמען.

דער עקאָנאָמישער פּראָצעס גופא, דער אופן ווי די אינ־דוסטריע ענטוויקעלט זיך, אָרגאַניזירט פיזיש די ארבייטער. זיי וועלען זיך שוין כמעט אָהן זייער ווילען און וויסען צונויפ־נעהמען. זיי דארפען זיך בעזעצען נעבען זייערע פאַבריקען, אָט קומט זיי שוין אויס צו פערזאַמלען זיך אין גרויסע צאָה־לען. זיי ארבייטען צוזאַמען, לעבען צוזאַמען און נאַטירליך

רעדען זיי זיך אָפּט אויף איינע מיט די אַנדערע; זיי לעבען אונטער די זעלביגע בעדינגונגען, זיי האָבען גענוי איינע און די זעלבע אינטערעסען. זיי האָבען צו טהאָן מיט איינע און די זעלבע ארבייטס-געבער. זיי האָבען אַן אַלגעמיינעם אַר־בייטס-קאָנטראַקט. דער „ארבייטס-קאָנטראקט" דאַרף ניט זיין גראדע אַ געשריעבענער פאָרמאַלער קאָנטראַקט — עס מיינט די זעלבע אַרבייטס-בעדינגונגען. זיי ווערען אַריינגעצוואונגען אין אַ געמיינזאַמקייט פון אינטערעסען צוליעב אַזאַ אָדער אַן אַנדער צוועק, און וואָס פאַר אַ צוועק עס זאָל ניט זיין, איז פון איהם דער נאַטירליכער און נויטווענדיגער טריט צו שאַפען אַ פאָרמעלע אָרגאַניזאַציאָן צו פערטהיידיגען זייערע געמיינ־זאַמע אינטערעסען געגען זייערע געמיינזאַמע ארבייטס-געבער.

אַלזאָ, כדי מאָדערנע ארבייטער יוניאָנס זאָלען זיך קענען ענטוויקלען, זיינען, ערשטענס, נויטיג ענטוויקעלטע, מאָדערנע, אינדוסטריעלע קאָנדיציאָנען, און אַזעלכע אינדוסטריעלע קאָנ־דיציאָנען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען צייטיג געוואָרען ארום מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. זיי האָבען אָנגע־הויבען זיך צו פאָרמירען אין אָנהויב פון פאָריגען יאָהרהונדערט, און צוזאמען מיט זיי האָבען גענומען אויפקומען טרייד-יוניאָנס, — צוערשט אין ענגלאַנד, דאַן אין דיעזען לאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער.

זיי זיינען ניט ארויסגעוואַקסען פון די אַמאָליגע צעכען, ווי איך האָב שוין אויבען געזאָגט, נאָר פון פערשיעדענע שוואַ־כע, קוים אָנגעצייכענטע פערבינדונגען, וואָס האָבען זיך שטארק אונטערשיעדען פון די איצטיגע טרייד-יוניאָנס.

## 5.—די קערנדלעך פון די מאָדערנע טרייד-יוניאָנס.

די ערשטע פעראיינען זיינען געווען הילפס-קאַסעס אויפ'ן פאַל פון קראַנקהייט און נויטה; ברודער-פעראיינען פון אַר־בייטער, וואָס בעלאַנגען צו איין טרייד אָדער אינדוסטריע.

אַן אַנדערע, זעהר אָפטע פאָרם פון פעראייניגונגען זיינען געווען בעגרעבנים-קאַסעס, חברות, עהנליכע צו די אידישע „חברה-קדישא", פון אַרבייטער פון פערשיעדענע אינדוסטריען. עס שיינט, אַז דעמאָלט ווי היינט, איז דער טויט פאַר די אַר־

בייטער געווען כמעט פונקט אַזאַ וויכטיגע פּראָבלעם, ווי דאָס לעבען. ביים לעבען האָבען זיי ניט אָנגעהויבען צו וויסען, ווי דאָס לעבען אָנצוהאַלטען, און זיינען זיי געשטאָרבען, האָבען די קרובים זייערע זיך ניט געקענט קיין עצה געבען, ווי פּטור צו ווערען פון זייערע קערפּערס, ניט האָבענדיג די געלד־מיטלען דערצו. דערפאַר זיינען חברות פאַר לויה־צוועקען געווען זעהר פערשפּרייט.

די יוניאָנס האָבען נאָך געהאַט צוויי אַנדערע אָנהויבען. ערשטענס, דאָס אַזוי גערופענע „האַוז אָוו קאָל" — דאָס רוף־הויז. דאָס איז דער קערענדעל, פון וועלכען עס איז אַרויסגע־וואַקסען דאָס היינטיגע טרייד־יוניאָן עמפּלאָימענט־ביוראָ. די אַרבייטער פון אַ געוויסען טרייד פלעגען זיך אונפאָרמעל צו־נויפקלייבען אין אַ ביער־שענק אָדער ליקער־סאַלאָן און פלעגען זיצען און וואַרטען אויף אַ שליח פון אַן אַרבייטס־געבער, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען צו זוכען „הענד". און אַזוי פלעגען זיי זיך צונויפקלייבען, בעגעגענענדיג זיך כסדר מיט אַרבייטער פון זעלבען פאַך, פון זעלבען טרייד און אַזוי אַרום ביסלעכווייז האָבען זיי גענומען אָרגאַניזירען אַ סיסטעם פון אַרבייטס־פער־טהיילונג. דאָס איז איינער פון די אָנהויבען פון די טרייד־יוניאָנס.

דאָס צווייטע קערענדעל, פון וואַנען עס האָט אַרויסגע־שפּראָצט די טרייד יוניאָן, איז געווען אַ בעזונדער אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך גערופען די „טרעמפּינג פעדערייש‎אָן" — די פעדעראַציע פון וואַנדער־געזעלען. זי איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס גאַר אין די אַמאָליגע צייטען, אַ סך פריהער פון דער פּעריאָדע, וואָס מיר בעשרייבען איצט, אין די צייטען פון די מיטעלאַלטערליכע צעכען, ווען אינדוסטריעלע אַרבייט איז נאָך געווען אַ מלאָכה, פלעגען די לעהרלינגען און די געזעלען, אום צו פערפאָלקאָמענען זיך אין זייער פאַך, אַרומוואַנדערען פון שטאָדט צו שטאָדט און אפילו פון לאַנד צו לאַנד. אַ געוויסען טהייל פון זייער לעהר־צייט פלעגען זיי פערברענגען אין וואַנ־דערען. דאָס איז געווען איינגעפיהרט כמעט אין אַלע פאַכען. אַן איבערבלייבעניץ פון דעם האָבען מיר נאָך געהאַט ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק אין דעם דרוקער־פאַך פון דיעזען לאַנד —

דער רייזענדער דרוקער איז נאָך זעהר אַ בעקענטע פיגור אין פיעלע, פיעלע פלעצער פון יונייטעד סטייטס, אָבער אין די אַלטע צייטען האָט כמעט יעדערער, וואָס האָט געלערענט אַ פאַך, געמוזט דורכמאַכען זיינע וואנדער־יאָהרען — יאָהרען פון וואנ־דערען און שטודירען. און דער מנהג האָט אָנגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, ווי די צעכען זיינען שוין לאַנג געווען פערשוואונדען.

עס איז געווען אבסאָלוט נאַטירליך פאַר אַ לעהרלינג אָדער געזעל אין אַ געוויסען פאַך, אַז אָנקומענדיג אין אַ פרעמדען פלאַץ, אין אַ פרעמדער שטאָדט אָדער אַ פרעמד לאַנד, פלעגט ער די ערשטע זאַך זעהן אויפזוכען זיינע קאָלעגען — פאַכלייט. געוועהנליך פלעגט ער אָנקומען אין זעהר אַ צרה'דיגען צו־שטאַנד. ער האָט געוואַנדערט צו־פוס, פון פלאַץ צו פלאַץ, געבליבען אָהן אַ סענט, גויט־בעדירפטיג, פלעגען די אַנדערע ארבייטער אַלס כלל איהם אויפנעהמען, געבען איהם אַ דירה, צו עסען און צו שלאָפען און פערזאָרגען איהם מיט געלד צו דערגרייכען דעם נעקסטען פלאַץ.

אָרגאַניזאַציאָנען אויסצוהעלפען די חברה וואנדער־געזעלען פון דער אינדוסטריע זיינען אויפגעקומען אין פערשיעדענע טהיילען פון לאַנד, און דיעזע אָרגאַניזאַציאָנען זיינען דאָס אויך געווען די שפּראָץ־קערענדלעך פון דער מאָדערנער ארבייטער־בעוועגונג.

און זיי אַלע צוזאַמען — די הילפס־קאַסעס, די לייה־קאַסעס, דאָס „רוף־הויז" און די וואנדערגעזעלען־קאַסעס, — האָבען, אונטער דעם דרוק פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג און מיט דעם צייטיג ווערען פון מאָדערנעם עקאָנאָמישען סיסטעם, אָנ־גענומען אַ בעשטימטערע, מאָדערנע פאָרם, די פאָרם פון טרייד־יוניאָנס. זיי זיינען אויפגעקומען אַלס לאָקאַלע טרייד־יוניאָנס. דאָס מיינט, אַז ארבייטער פון אַ געוויסען פאַך און אַ געוויסען פלאַץ, אַ שטעדטעל אָדער שטאָדט, האָבען זיך צונויפגענומען און זיך אָרגאַניזירט צו פערבעסערען די קאָנדיציאָנען אין שאָפּ אָדער פעקטאָרי.

נאָך די לאָקאַלע טרייד־יוניאָנס זיינען געקומען די טרייד־יוניאָן־אַסעמבלים, ענליך צו אונזערע איצטיגע לאָקאַלע צענ־

טראַל־קערפּערשאַפטען. פעדעראַציאָנען פון פערשיעדענע טרייד יוניאָנס פון בעזונדערע פאַכען אין אַ געוויסען פּלאַץ, פעראייניגט פאַר געמיינזאַמער האַנדלונג.

און נאָך אַ שטיק צייט זיינען אויפגעקומען טרייד־יוניאָנס פון אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב, וועלכע האָבען געזוכט צו פעראייניגען די ארבייטער פון אַן אינדוסטריע איבער'ן גאַנצען לאַנד, און די לעצטע פאָרם איז געווען אַ פעדעראַציע פון די נאַציאָנאַלע טרייד יוניאָנס פאַר דעם צוועק צו פעראייניגען די גאַנצע אָרגאַניזירטע ארבייטערשאַפט פון אַ געוויסען לאַנד פאַר געמיינזאַמער האַנדלונג.

### 6.—ווען די מאָדערנע טרייד־יוניאָן איז אויפגעקומען.

דער אָנפאַנג פון די טרייד יוניאָנס פון מאָדערנעם טיפּ פאַלט אויס אַרום דאָס יאָהר 1825.

צו אונז זיינען דערגאַנגען געשיכטען פון סטרייקס און פון יוניאָן־טהעטיגקייט פון אַ צייט פריהער פון 1825, אָבער ווען איהר נעהמט אונטערזוכען דיעזע סטרייקס, וועט איהר זיי ניט אָנצעהלען פיעל. דאָס זיינען גיכער געווען פּלעצליכע, אונאָרגאַניזירטע ארבייטער־בונטען (אַזעלכע זיינען ווירקליך פאַרגעקומען אין אַ גרויסער צאָהל אויך פאַר 1825) אָדער דאָס זיינען געווען „סטרייקס“, ווי אין דעם פאַל פון די בעקער אין אונזער שטאָדט, וועגען וועלכע מען האָט אונז דערצעהלט, אַז זיי האָבען געהאַט אַ סטרייק אַזוי פריה, ווי אין 18טען יאָהרהונדערט, נעמליך אין 1770. אָבער קוקט אריין אין די רעקאָרדס, וועט איהר אויסגעפינען, אַז דאָס איז אין דער אמת'ען געווען אַן אויפשטאַנד פון די בעקער־מייסטער, בעקער באַסעס נעגען דער שטאָדט־פערוואַלטונג, וועלכע האָט געהאַט בעשטימט מאַקסימום פּרייזען אויף ברויט, און די בעקער־באַסעס איז דאָס ניט געפעלען געוואָרען.

אמת'ע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען זיינען אויפגעקומען, ווי געזאָגט, ערשט אַרום 1825. אונזער שטאָדט קען זיך בעריהמען דערמיט, וואָס זי האָט געהאַט די ערשטע ארבייטער־יוניאָנס, וואָס די געשיכטע האָט מעהר אָדער וועניגער פערצייכענט. באָסטאָן איז געווען דער צווייטער פּלאַץ, און נאָך

באָסטאָן פילאַדעלפיא און אַנדערע. אין ענגלאַנד זיינען יוני־יאָנס אויך אויפגעקומען אַרום דער זעלבער צייט.

נאָכהער קומט די רייהע פון צענטראַל־קערפּערשאַפטען. די ערשטע לאָקאַלע צענטראַל־קערפּערשאַפט איז אויך פּערצייכענט געוואָרען אין דיעזער שטאָדט. אין 1833 איז אָרגאַניזירט געוואָרען די ניו יאָרק דזשענעראַל טרייד יוניאָן, ווי זי האָט זיך גערופען, צונויפגעשטעלט פון אַ געוויסער צאָהל לאָקאַלע טרייד־יוניאָנס פון ניו יאָרק סיטי. און לאַנגזאַם און שטופּענווייז נעה־מען זיך די יוניאָנס ענטוויקלען אויף אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב.

די ערשטע זיינען געווען די דרוקער־אַרבייטער פון דיעזען לאַנד, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט אַ נאַציאָנאַלע „טיפּאָגראַ־פיקעל יוניאָן". נאָך זיי די אייזען־גיסער; דאַן די שמידען און די מאַשיניסטען, און צולעצט אויך אַנדערע. אָבער אַלע די אָרגאַניזאַציאָנען האָבען געהאַט זעהר אַן אונזיכערע עקזיס־טענץ. איהר זעהט, אַז דאָס מאָדערנע סיסטעם, דאָס אַזוי גערופענע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, איז געווען צו יענער צייט נאָך זעהר שוואַך ענטוויקעלט. עס איז נאָך ניט געווען, בעזונ־דערס אין דיעזען לאַנד, קיין פעסטער, בעשטימטער, פּערמאַ־נענטער קלאַס פון לוין־אַרבייטער, מיט אַ וועלכען עס איז קלאַ־סען־בעוואוסטזיין, דאָס הייסט מיט אַ געפיהל, אַז זיי שטעלען צונויף אַ בעזונדערע עקאָנאָמישע גרופּע, אַ בעזונדערען קלאַס אין דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיינע אינטערעסען פאַר זיך אליין און וואָס וועלען אויף שטענדיג בלייבען זיינע אינטע־רעסען. פון דער צווייטער זייט האָט פּאַקטיש נאָך געפעהלט דאָס פאַבריק־סיסטעם, וואָס איז אַזוי וויכטיג פאַר דער מענ־ליכקייט פון אַ טרייד־יוניאָן בעוועגונג. און אַזוי, ביז צום בירגערקריעג, פּלעגען יוניאָנס אויפקומען און צופאַלען ווערען, און זיי האָבען קיינמאָל ניט ענטוויקעלט קיין גרויסע קראַפט. ווען ניט ווען פלעגען זיי זיך געבען אַ כאַפּ אויף, פלעגט אויס־ברעכען אַ סטרייק אָדער אַן אַנדער אַרבייטער־קאַמפּף. ווען ניט ווען פלעגען זיי זיך אָרגאַניזירען פּאָליטיש. אין מאַנכע פעלע איז זיי אויך געלונגען צו ערוועהלען זייערע פאָרשטעהער, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אונסיסטעמאַטיש, צופעליג, אָהן אַ פעסטען און דויערהאַפטען פונדאַמענט.

## 7. 50—יאָהר געשיכטע פון טרייד־יוניאָן בעוועגונג אין יונייטעד סטייטס.

דער סוף פון בירגער־קריעג בעצייכענט אַ שאַרפע ענדערונג אין די אינדוסטריעלע פערהעלטניסע פון דיעזען לאַנד. דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם, דער קאַפּיטאַליזם אויפ'ן גרויסען שטייגער, האָט זיך דורכגעבראָכען זיין וועג. די פּלעצליכע ענדערונג אין די סאָציאַלע פערהעלטניסע, די פערשווענדונג פון מיטלען און רייכטהימער בעת דער מלחמה און דאַן די ערוואַכונג פון לאַנד, אויף וועלכע עס האָט עדות געזאָגט די פיבערישע אינדוסטריעלע טהעטיגקייט אויף אַלע געביעטען — דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג איז אַוועק מיט אַ שנעלען, ראַשינגען אימפּעט. און גלייכצייטיג מיט דעם איז געקומען אַ שנעלע ענדערונג אין דער ענטוויקלונג פון דער אָרגאַניזירטער ארבייטער־בעוועגונג פון דיעזען לאַנד.

שוין אין 1863 האָט די אָרגאַניזאַציאָן פון די שמידען געמאַכט דעם ערשטען טריט צונויפצוברענגען אַלע טרייד און לייבאָר יוניאָנס פון יונייטעד סטייטס אין אַ נאַציאָנאַלער פעדעראַציאָן.

זיי האָבען ערוועהלט אַ קאָמיטע צו קאָנפערירען מיט עהנליכע קאָמיטעס, וואָס זאָלען ערוועהלט ווערען פון אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנען, מיט דעם צוועק צו גרינדען אַ פעדעראַציע פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער פון יונייטעד סטייטס, און עס האָט גענומען דריי יאָהר, ביז צום יאָהר 1866, איידער זייער אויפטהו האָט געבראַכט פרוכט. אין דעם יאָהר זיינען פאַרשטעהער פון עטליכע און צוואַנציג נאַציאָנאַלע לייבאָר־אָרגאַניזאַציאָנען זיך צונויפגעקומען אין באַלטימאָר און האָבען אָרגאַניזירט די „נײשאָנאַל לייבאָר יוניאָן", די ערשטע אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָן פון אָרגאַניזירטע ארבייטער אין די פעראייניגטע שטאַאַטען.

דאָס איז געווען אַ זעהר שוואַכע און לויזע אָרגאַניזאַציאָן — סיי אין איהרע מעטהאָדען, סיי אין איהרע פּרינציפּען. מיט וואָסערע צוויי יאָהר שפּעטער האָט זי פּאַקטיש פערוואָרפען איהרע עקאָנאָמישע ציעלען און האָט זיך פערוואַנדעלט

אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „די נע־שאַנאַל רעפאָרם פּאַרטי", און גלייך איז זי געוואָרען דער רויב פון פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישענס פון אַלע סאָרטען. אין אַ קורצער צייט ארום האָט זי אין גאַנצען פערלאָרען איהר אַרבייטער־כאַראַקטער און איז סוף כל סוף אַראָב פון דער סצענע.

ארום דער צייט, ווען די „נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן" האָט געהאַלטען אין פּאַלען, איז אויפגעשטאַנען אַ נייע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכער איז בעשערט געווען צו שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָלע אין דער ארבייטער בעוועגונג פון דיעזען לאַנד. איך מיין דעם אָרדען פון די „נייהטס אָוו לייבאָר" (די ריטער פון ארבייט). איהר אָנפאַנג איז געווען זעהר אַ ראָמאַנטישער. דער אָרדען איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון אַ האַלב טוצענד מענשען, שניידער־קאַטערס (דער פאַקט, גלויב איך, דאַרף זיין אינטערעסאַנט פאַר די מעהרסטע פון מיינע צוהערער און לעזער) אין פילאַדעלפיא. דער פיהרער זייער איז געווען איינער אוריה סטיווענס, און אין פערלויף פון ערשטען יאָהר האָט זיך זיי איינגעגעבען ארויפצואַרבייטען די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן ביז פולע... 69 מיטגליעדער. און אַזוי איז די אָרגאַניזאַציאָן זיך אָנגעגאַנגען ווייטער, דאָך שוין מיט אַ ביסעל אַ שנעלערען וואוקס.

אַלס כאַראַקטעריסטיק פאַר דער שטעלונג פון פּובליקום און פון געזעץ צו אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען, איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז די אָרגאַניזאַציאָן האָט ניט געוואָגט אויפצודעקען איהר נאָמען עפענטליך. זי האָט פונקציאָנירט אַלס געהיימע אָרגאַניזאַציאָן, מיט געהיימע צייכענס, ניט אָנגעבענדיג איהרע מיטינג־פּלעצער און ניט צולאָזענדיג קיין זייטיגע צו איהרע פערהאַנדלונגען. פאַר אַ לאַנגער צייט איז אפילו איהר נאָמען געווען אונבעוואוסט. אויף איהרע נע־דרוקטע צירקולאַרען פלעגט זי זיך אָפּיציעל צייכענען: „ה. נ. אַ." מיט דריי שטערענדלעך. דאָס האָט געמיינט „דער הייבער און נאָבעלער אָרדען פון די נייהטס אָוו לייבאָר". דער נאָמען „נייהטס אָוו לייבאָר" איז אַפילו מיט די ערשטע בוכשטאַבען ניט געווען אָנגעגעבען. פאַר 9 יאָהר, פון 1869 ביז 1878, איז זי געבליבען אַ געהיימע אָרגאַניזאַציאָן, ביז שרעקליכע גע־

שיכטען האָבען גענומען ארומגעהן וועגען דער גרויסער, אונ־בעוואוסטער, געהיימניספולער און אַלמעכטיגער אָרגאַניזאַציאָן. יעדע סאָרט פערשווערונג, וואָס פלעגט נאָר פאָרקומען אין לאַנד, פלעגט מען צושרייבען צו דער אָרגאַניזאַציאָן. די געמיינסטע און אונמעגליכסטע אַקטען האָט מען איהר צוגעוואָרפען. זי איז בעטראַכט געוואָרען פאַר אַ שונא פון דער געזעלשאַפט, און ווען די צייטונגען פון יענער צייט האָבען געוואָלט וואַרפען אַ מורא אויף זייערע קאָנסערוואַטיווע לעזער, פלעגען זיי ארויסרופען דעם גייסט פון „ה. נ. א. מיט דריי שטערענדלעך" און די אַלע פינסטערע כחות, וואָס הינטער איהם. כדי צו ברעכען די פאָראורטהיילען, איז דער אָרדען ענדליך געצוואונגען געוועזען ארויסצוקומען פון זיין בעהעלטעניש, צו ענטדעקען זיין נאָמען און צו נעהמען פונקציאָנירען פריי און עפענטליך.

דער אָרדען האָט זייט דאַן גענומען וואַקסען מיט אַ מערק־ווירדיגער שנעלקייט. צום יאָהר 1886 האָט ער געצעהלט אַזאַ גרויסע מיטגליעדערשאַפט, אַז ער איז געוואָרען אַן אמת'ע מאַכט, און אין די גרויסע קעמפפע פון יאָהר 1886 פאַר'ן 8 שטונדען טאָג און אַנדערע קעמפפע, וואָס האָבען דאַמאָלס אויפ־געטרייסעלט דאָס לאַנד, האָט דער אָרדען געהאַט דערגרייכט אַ מיטגליעדערשאַפט פון ארום 8 הונדערט טויזענד. אָבער פון יענער צייט אָן האָט ער גענומען פאַלען. ער איז געוועזען אָרגאַ־ניזירט אויף אַן אַלטמאָדישען באַזיס; דער פיהרער איז געוועזען אַן אויטאָקראַט, אַ זעלבסטהערשער, וואָס האָט געהאַלטען זיין סטאַדע אין שטרענגער דיסציפלין. דאָס האָט אפשר געטויגט פאַר אַ געהיימען אָרדען, אָבער עס איז בשום אופן ניט געוועזען צוגעפּאַסט צו די בעדערפנישען פון אַ פרייער, שטאַרקער, וואַק־סענדער מאָדערנער ארבייטער בעוועגונג.

דעם אָרדען האָט גע'ירשנ'ט אַן אנדער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט זיך געהאַט צונויפגעשטעלט פון פאַרשטעהער פון פערשיעדענע נעשאָנאַל יוניאָנס, די נייהטס אָוו לייבאָר איינ־געשלאָסען; זי האָט זיך אָרגאַניזירט אין 1881 און זיך גערופען צוערשט „פעדערײשאָן אָוו אָרגאַנייזד טרייד ענד לייבאָר יוני־יאָנס אין די יונייטעד סטייטס און קענעדע". זי פלעגט האַלטען יעהרליכע קאָנווענשאָנס און האָט זיך געהאַט געשטעלט צום

ציעל: אויפצובויען אַ פעדעראציע פון פאָלקאָם אויטאָנאָמע, זעלבסט זיך פערוואַלטענדע נאַציאָנאַלע לייבאָר יוניאָנס; די פעדעראציע האָט זיך ניט געדאַרפט מישען אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון די יוניאָנס; זי פלעגט זיך נאָר צונויפ־קומען צו פערהאַנדלען די אינטערעסען, וואָס זיינען געמיינזאם צו דעם גאַנצען ארבייטער קלאַס פון לאַנד.

די אָרגאַניזאציאָן האָט ניט געוויזען קיין סמנים פון גרויסער קראַפט ביז צום יאָהר 1886, דעם יאָהר, וואָס איז פער־שריבען מיט רויטע בוכשטאַבען אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאַנער ארבייטער בעוועגונג. אין יאָהר 1886 האָט זי געביטען איהר נאָמען אויף אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, און זייט דעם יאָהר געהט זי אָן מיט אַן אונאונטערבראָכענעם פראָגרעס ביז צום היינטיגען טאָג.

איצט, ווי איהר ווייסט, איז די אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אַ מעכטיגע אָרגאַניזאציאָן און גיט אָן איהר מיט־גליעדערשאַפט ארום 2 מיליאָן.

חוץ איהר זיינען אין לאַנד נאָך פאַראַן אַנדערע אָרגאַ־ניזאציאָנען, וואָס זייער מיטגליעדערשאַפט אין סך הכל דער־גרייכט אויך ביז צו אַ מיליאָן.

די טרייד יוניאָן בעוועגונג איז ניט בעגרענעצט מיט ריעזען לאַנד. זי איז פראָפּאָרציאָנעל נאָך שטאַרקער אין ענג־לאַנד. זי איז שטאַרק אין יעדען פאָרטגעשריטענעם ציוויליזירטען לאַנד. פאַר דער מלחמה האָט מען געשאַצט דעם סך הכל פון אַלע אָרגאַניזירטע ארבייטער אויף דער וועלט פון 12 ביז 13 מיליאָן, און די צאָהל האָט געהאַלטען אין וואַקסען פון יאָהר צו יאָהר.

נאַטירליך, די אָרגאַניזירטע ארבייטער בעוועגונג נעהמט ארום נאָר אַ קליינעם טהייל פון די ארבייטער פון דער וועלט. ניט נאָר נעהמט זי נאָך ניט ארום די ארבייטער־עלעמענטען פון אַלע לענדער, נאָר אפילו ניט פון דער מעהרהייט פון זיי. אָבער ווען איהר פערגלייכט דעם בעשיידענעם אָנפאַנג פון דער ארבייטער בעוועגונג מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוריק מיט דעם איצטיגען שטאַנד פון דער ארבייטער בעוועגונג, וועט איהר איינזעהן, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגען פראָגרעס זי האָט

געמאַכט פאר דער צייט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערט זי א מאכט; ביסלעכווייז, ביסלעכווייז צווינגט זי ארויס פון די הערשענדע מעכטע די אנערקענונג דורכ'ן געזעץ. אין דער געשיכטע פון די טרייד־יוניאָנס ווער איהר געפינען א בעשטע־טיגונג פון דער אלגעמיינער טהעאָריע, וואָס מיר האָבען גע־געבען אין דער פריהעריגער לעקציע — ווי אזוי דאָס געזעץ פערהאַלט זיך צו די ארבייטער.

## 8.—די יוניאָנס אונטער דעם חרם פון געזעץ.

פון סאמע אָנפאנג איז די בעציהונג פון געזעץ צו די יוני־יאָנס געוועזען זעהר ניט קיין גינסטיגע; פערקעהרט, זיי זיינען פון געזעץ געשטערט געוואָרען אויף טריט און שריט. פאר מאנכע פון אייך וועט דאָס אפשר זיין אן איבערראשונג, ווען איך וועל אייך זאָגען, אז כמעט פאר דער גאנצער פעריאָדע פון איהר עקזיסטענץ ביז גאָר די לעצטע יאָהרען האָט די אָר־גאניזירטע טרייד יוניאָן בעוועגונג געהאט צו קעמפפען מיט'ן געזעץ פאר איהר סאמע עקזיסטענץ, פאר דאָס רעכט צו ווערען אנערקענט אָדער פשוט געדולדעט דורכ'ן געזעץ.

אין ענגלאנד, דאָס לאנד, וואָס איז אין אינדוסטריעלער ענטוויקלונג געגאנגען פאָראויס אלע לענדער און וואו טרייד־יוניאָנס זיינען צוערשט אויפגעקומען, וועט איהר אויסגעפינען, אז נאָך אין יאָהר 1799 איז דורכגעגאנגען א געזעץ, וואָס פער־ווערט יעדע פעראייניגונג פון ארבייטער, יעדע ארבייטער־אָרגאניזאציאָן, אלס א „קאָנספיראסי“, אלס א פערשווערונג.

אויך דאָס געזעץ, נאַטירליך, האָט א שטיק געשיכטע הינטער זיך. איהר וועט זיך דערמאָנען, וואָס איך האָב גע־זאָגט אין מיין ערשטער לעקציע, אז אין מיטעלאלטער, קורץ נאָך דער שווארצער פעסט, איז געוואָרען א גרויסער דוחק אין ארבייטער. האָט דער ענגלישער פארלאמענט דורכגעפיהרט א געזעץ, וואָס האָט פעסטגעשטעלט א מאקסימום פון ווייד־זשעס, איבער וועלכען זיי טאָרען ניט ארויפשטייגען. עס איז געוועזען פערדעכענט פאר א פערברעכען פאר דעם ארבייטער צו פאָ־דערען און פאר'ן ארבייטס־געבער צו צאָהלען העכערע וויי־זשעס, ווי דאָס געזעץ האָט בעשטימט. דאָס געזעץ האָט

אַנגעהאלטען זיין גילטיגקייט, אין מעהר אָדער וועניגער א פער־
ענדערטער פאָרם, דורך יאָהרהונדערטע, ביז וואנען עס איז
געקומען א צייט, ווען ארבייטס־הענד זיינען געוואָרען געגוג
אויפ׳ן מארק. דאָס איז געווען איידער די מאָדערנע אינ־
דוסטריען האָבען זיך ענטוויקעלט צו דעם פונקט, ווען זיי האָבען
א פאָדער געטהאָן נייע, ניט־פאָראויסגעזעהענע ארבייטער־רע־
זערוווען — און די פאָדערונג אויף ארבייט און דער אָנבאָט
פון ארבייט זיינען געווען מעהר אָדער וועניגער גלייך. דעמאָלט
איז דאָס אלטע געזעץ פערביטען געוואָרען אויף א נייעם —
דורך א סיסטעם פון בעשטימען די פרייזען אין די פערשיעדענע
אינדוסטריען פון יאָהר צו יאָהר, ניט ווי פריהער, ווען עס פלעגט
בעשטימט ווערען איין מאקסימום פרייז אָדער איין נאָרמאלער
פרייז פאר יאָהרען. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אזא מין
אינסטיטוט: אָפיציעלע פערזאָנען — וועלכע פלעגען זיך רופען
„מעדזשיסטרייטס“, דזשאָסטיסעס אָוו פיס — פלעגען זיך צו־
נויפקומען, אויסהערען די ארבייטס־געבער, אויסהערען די אר־
בייטער וועגען די צושטענדע אין דער אינדוסטריע און פלעגען
בעשטימען די ווייזדזשעס, וואָס זאָלען געצאָהלט ווערען דורכ׳ן
נעקסטען יאָהר. עס איז געווען כמעט ווי אונזער קאונסיל אָוו
קאָנסיליאיישאָן אָדער באָארד אָוו ארביטריישאָן אין דער נאָדעל
אינדוסטריע, מיט דעם אונטערשיעד, וואָס דער אינסטיטוט איז
ניט געווען קיין פרייוויליגער, נאָר א געצוואונגענער, א פאָר־
געשריבענער דורכ׳ן געזעץ. און דער אינסטיטוט האָט אָנגע־
האלטען פאר זעהר א לאנגער צייט. יא, אזוי לאנג ווי די
ארבייטס־געבער האָבען געקוקט אויף דעם דאָזיגען געזעץ מיט
חסד. אָבער אָט איז די פאָדערונג אויף ארבייטער געוואָרען
שטארקער און די ארבייטער זיינען געוואָרען איינפלוסרייכער
און די מעדזשיסטרייטס האָבען אין מאנכע פעלע אין געוויסע
אינדוסטריען ארויסגעטראָגען ענטשיידונגען, גינסטיגע פאר די
ארבייטער. אָה, דאן האָבען די ארבייטס־געבער, נאטירליך,
גענומען פראָטעסטירען געגען דעם געזעץ, און דאָס געזעץ איז
אָבגעשאפט געוואָרען, וואָס דאָס איז אויך נאטירליך. דאָס
געזעץ האָט אפילו אין דער פראקטיק נאָך אָנגעהאלטען א שטיקעל
צייט, און אין מאנכע אינדוסטריען האָט עס אפילו אריבער־

געלעבט דאָס נייע געזעץ, וואָס האָט פערוועהרט אין ענגלאַנד יעדע פעראייניגונג פון ארבייטער אַלס אונגעזעצליך. אזוי צ. ב. ש., ווערט אונז דערצעהלט, האָבען די קאטאָן־וועבער פון גלאַזגאָ אין 1812 זיך געווענדעט צו די מעדזשיסטרייטס פון שטאָדט צו בעשטימען די ווייִדזשעס אין זייער אינדוסטריע. די ענטשיידונג פון די מעדזשיסטרייטס איז געווען זעהר אַ ליבעראַלע צו די ארבייטער, און די ארבייטס־געבער האָבען די ענטשיידונג פערוואָרפען. פונקט אזוי ווי אונזערע קלאָוקס־מאנופעקטשורערס ניט לאַנג צוריק, האָבען זיי גע'טענה'ט: „מיר קענען ניט אָננעהמען די ענטשיידוג פון די מעדזשי־סטרייטס"; די אינדוסטריע קען עס ניט טראָגען. דער רעזול־טאַט איז געווען, אז 40 טויזענד וועבער זיינען אין 1812 ארויס אין סטרייק, אפשר דער ערשטער גרויסער דזשענעראַל סטרייק פון ארבייטער. און געסטרייקט האָבען זיי דורכצופיהרען די ענטשיידונג פון די מעדזשיסטרייטס. נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעסטרייקט אַ געוויסע צייט, זיינען די מאנופעקטשורערס שוין גרייט געווען נאָכצוגעבען, אָבער אייניגע פון זיי האָבען גערופען צו הילף דאָס אויבען־דערמאָנטע געזעץ פון 1799, און די סטרייק־לידערס זיינען ארעסטירט געוואָרען אויף דער בע־שולדיגונג אין „קאָנספיראסי" מיט דעם צוועק צו העכערען די ווייִדזשעס. זיי זיינען געפונען געוואָרען שולדיג, אריינגעזעצט געוואָרען אין געפענגנים און דער סטרייק איז געבראָכען גע־וואָרען.

## 9.—דער ערשטער פראָצעס געגען אַ יוניאָן אין יונייטעד סטייטס.

די בעשולדיגונג אין „קאָנכפּיראסי צו העכערען די ווייִ־דזשעס" האָט באַלד אריבערגעוואנדערט פון איהר געבורטס־לאַנד — ענגלאַנד — אין אונזער מדינה. איהר ווייסט דאָך, אונזער געזעץ איז בעגרינדעט אויף דעם ענגלישען געזעץ. מיר האָבען איבערגענומען די ענגלישע „קאמאָן לאָא", די ענגלישע רעכטס־בעגריפע, און זיי האַלטען זיך ביי אונז, אין דער אָדער יענער פאָרם, ביז'ן היינטיגען טאָג. די ענטשיידונגען פון די ענגלישע קאָורטס האָבען געדיענט אַלס באזיס פאר די ענטשיי־

דונגען פון אונזערע קאָורטס. בעזונדערס ביי אַזעלכע געלעגענ־הייטען, וואו עס האָט זיך זעהר געלוינט פאר אונזערע הער־שענדע קלאַסען צו שטיצען זיך אויף די ענטשיידונגען פון די ענגלישע קאָורטס, האָבען אונזערע קאָורטס זיך לאַנג ניט גע־לאָזט בעטען. ביישפּיעלע פון די ניו יאָרקער קאָורטס געפינען מיר שוין אין אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט; און נאָך אַ ביסעל פריהער אין פילאַדעלפיא. אין 1808 שטויסען מיר זיך דאָרט אָן אויף אַ סענזאַציאָנעלען פּראָצעס געגען די „קאָרד ווײַנערס" — אזוי האָבען זיך גערופען די שוסטערס — וואו די בעשולדיגונג איז געווען „קאָנספּיראַסי צו העכערען ווײדזשעס".

די קייס איז אויספיהרליך בעשריבען אין די רעקאָרדס. זי איז העכסט אינטערעסאַנט. די ארבייטער זיינען געווען פערטראָטען דורך אַ לאָיער. די מאַנופעקטשורערס זיינען ערשיענען אלס עדות געגען זיי. די מאַנופעקטשורערס אליין זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ מאַנופעקטשורערס אסאָסיאיי־שאָן מיט דעם צוועק אויפצוהאַלטען הויכע פּרייזען אויף זייערע וואארע — זיי זיינען אָרגאַניזירט געווען געגען פּובליקום. און זיי זיינען דאָס געקומען עדות זאָגען געגען די ארבייטער, בע־שולדיגענדיג זיי אין „קאָנספּיראַסי"!

אויפ'ן פערהער זיינען זיי געפרעגט געוואָרען פון דעם לאָיער פון די אָנגעקלאָגטע: „האָט איהר ניט, דזשענטעלמען, אליין אַן אסאָסיאיישאָן?" — „ניין!" — „קומט איהר זיך דען ניט צונויף רעגולער אָדער פון צייט צו צייט?" — „יעס!" „און וואָס טהוט איהר, ווען איהר קומט זיך צונויף?" — „אָה, מיר ריידען גלאַט". „רעדט איהר וועגען די אנגעלעגענהייטען פון אייער אינדוסטריע?" — „העכסט וואהרשיינליך". „וועגען פּרייזען?" — „מעגליך". „קומט איהר צו וועלכע בע־שליסע, ווי הויך די פּרייזען זאָלען זיין?" — „אָה, וועל, דאָ קען קומען צו אַ שטיקעלע אגרימענט, צו אַ געוויסער איינ־שטימיגער מיינונג וועגען דער פראגע". „און איהר רופט זיך ניט אסאָסיאיישאָן?" — „ניין, מיר פיהרען אפילו ניט קיין פּראָטאָקאָלען; מיר בעטראַכטען זיך ניט פאר אַן אסאָסיאיי־שאָן". „און ווי איז ביי די ארבייטער? פיהרען זיי פּראָטאָ־קאָלען?" — „אָה, עס איז אוננויטיג. זיי פיהרען ניט קיין

פּראָטאָקאָלען און רופען זיך ניט אַסאָסיאיישאָן, אָבער זיי האנדלען צוזאמען מיט אַן אונגעזעצליכען צוועק, — אום צו העכערען די ווייידזשעס. זיי זיינען קאָנספּיראַטאָרס". און די דזשורי האט מיט זיי איינגעשטימט. און דאָס איז ניט געווען קיין איינציגע קייס, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכע ניט געהאט. עהנליכע פּראָצעסען געפינען מיר אין מאסאטשוזעטס, אין ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, פּאקטיש אין אַלע אינדוסטריעלע סטייטס דורך די גאנצע ערשטע העלפט פון נייַנצעהנטען יאָהר־הונדערט, און ערשט דורך פיעל מיה און קאמפף האָבען די טרייד־יוניאָנס זיך דערשלאָגען צו אַ געוויסער אנערקענונג דורכ'ן פּעזעץ.

נאָך ביז היינטיגען טאָג מוז דאָס געזעץ וועגען „קאָנספּיראסים" אין די געזעץ־ביכער פון די פערשיעדענע סטייטס אויסריידען אין אַ בעזונדערען פּונקט, אז טרייד־יוניאָנס ווערען דערמיט ניט געמיינט. אזוי, צום ביישפּיעל, ווען איהר נעהמט דעם שטראָף־קאָדעקס פון אונזער סטייט ניו יאָרק, וועט איהר אויך זעהן, אז די געזעץ־געבער געפינען עס פאר נויטיג, נאָכדעם ווי זיי האָבען ערקלעהרט וואָס דאָס מיינט „קאָנספּיראסי", צוצוגעבען: „אויסגענומען אָבער, אז דיעזער פּונקט דאַרף ניט שטערען ארבייטער, וואָס לעבען פון ווייידזשעס, זיך צו פערייניגען מיט דעם צוועק צו העכערען די ווייידזשעס און צו פערבעסערען די קאָנדיציאָנען פון זייער ארבייט דורך געזעצליכע מיטלען".

## 10.—ניטאָ קיין 10 יאָהר, ווי יוניאָנס זיינען לעגאַליזירט געוואָרען אין אַמעריקא.

ערשט אין 1908 האָט דער טרייד דיספּיוטס עקט אין ענגלאנד ענדליך לעגאַליזירט די עקזיסטענץ פון טרייד־יוניאָנס פאָלשטענדיג. אין אונזער לאנד ווערען די טרייד יוניאָנס צום ערשטען מאָל אנערקענט פון קאָנגרעס אַלס געזעצליך דורך דאָס געזעץ פון 1886, וואָס האָט ערלויבט די נעשאָנאַל טרייד יוניאָנס זיך צו אינקאָרפּאָרירען. און פיעלע פון אייך און אפשר די מעהרסטע פון אייך וועלען זיך דערמאָנען, אז דאָס רעכט פון די יוניאָנס אויף עקזיסטענץ לויט'ן געזעץ איז נאָך

גאָר ניט לאַנג, מיט עטליכע יאָהר צוריק, געשטעלט געוואָרען אונטער צווייפעל דורך די העכסטע אויטאָריטעט אין יונייטעד סטייטס, דורך דעם יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט, אויף דעם גרונד, אז אונטער דעם שערמאן אנטי־טראָסט אקט קענען די יוניאָנס געהאלטען ווערען אלס אונגעזעצליכע פעראייניגונגען.

ערשט מיט צוויי יאָהר צוריק איז איינמאָל פאר אלע מאָל קלאָר געמאכט געוואָרען די שטעלונג פון די יוניאָנס פאר'ן געזעץ דורך סעקשאָן 6, קאפּיטעל 232 פון די קאָנגרעס־געזעצען פון 1914, וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט:

„אז די ארבייט פון א מענשליך בעשעפעניש איז ניט קיין בעקוועמליכקייטס־ארטיקעל און ניט קיין האנדעלס ארטיקעל. קיין איין פונקט, וואָס דער שערמאן אנטי־טראָסט געזעץ ענטהאלט, זאָל ניט פערשטאנען ווערען אזוי, אז ער פערוועהרט די עקזיסטענץ און דאָס פונקציאָנירען פון לייבאָר, אגריקולטורעלע און הארטיקולטורעלע אָרגאניזאַציאָנען, וואָס זיינען געגרינדעט פאר געגענזייטיגע הילף און האָבען ניט קיין אייגענטהומס־סטאַק און ווערען ניט געפיהרט צוליעב פּראָפיט; אויך זאָל ניט פערשטאנען ווערען, אז דאָס אנטי־טראָסט געזעץ פערוועהרט אָדער בעשרענקט דאָס רעכט פון איינצעלנע מיטגליעדער פון אזעלכע אָרגאניזאציאָנען געזעצליך צו ערפילען די געזעצליכע צוועקען פון דיעזע אָרגאניזאציאָנען; און ניט די אָרגאניזאציאָנען, און ניט די מיטגליעדער זייערע זאָלען ניט געהאלטען ווערען און ניט בעטראכט ווערען אלס אונגעזעצליכע פעראייניגונגען אָדער קאָנספּיראסים צו שטערען

דעם האנדעל, אין דעם זין פון דעם אַנטי־טראַסט געזעץ."

מיר זעהען, אלזאָ, אז א גאנצען יאָהרהונדערט האָבען די אָרגאניזירטע ארבייטער געקעמפפט דערפאר, אז דאָס געזעץ זאָל אַנערקענען זייער רעכט צו פעראייניגען זיך. עטוואָס, וואָס איז פאַר דעם מאָדערנעם מענשען אזוי זעלבסטפערשטענדליך, אזוי קלאָר — דאָס רעכט פון די ארבייטער זיך צו אָרגאַני־זירען אויף א פריעדליכען וועג, אום אויסצובעסערען זייערע ארבייטס־בעדינגונגען, צו העכערען זייערע וויידזשעס, צו פער־קירצען זייערע ארבייטס־שטונדען — אזא פעראייניגונג פון ארבייטער איז פאקטיש פערבאָטען געווען דורכ'ן געזעץ, איז פעררעכענט געווען פאר אַן אונגעזעצליך קינד, וואָס שטעהט אויסער'ן געזעץ און דורות נאָך דורות פון ארבייטער האָבען בעדארפט פיהרען אַן אונאויפהערליכען קאמפף, ביז זיי האָבען געצוואונגען די פערשיעדענע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען פון די סטייטס און דעם קאָנגרעס פון יונייטעד סטייטס צו אנערקענען זייערע אָרגאניזאציאָנען פאר געזעצליך.

איצט קען מען זאָגען, אז די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען האָבען די אנערקענונג דורכ'ן געזעץ. יא, זייער רעכט צו עקזיסטירען איז אנערקענט דורכ'ן געזעץ. אָבער לאָמיך אייך זאָגען, דאָס רעכט צו עקזיסטירען מיינט נאָך ניט פיעל. אר־בייטער יוניאָנס עקזיסטירען ניט פאר דעם צוועק צו האָבען מיטגליעדער און קלייבען פון זיי דיוס; זיי עקזיסטירען אויך ניט פאר דעם צוועק צו האָבען די אנערקענונג פון זייער עקזיס־טענץ דורכ'ן געזעץ. זיי עקזיסטירען פאַר א געוויסען ספע־ציעלען צוועק, און אום דיעזען צוועק צו דערגרייכען, מוזען זיי האָבען די אונבעגרענצטע פרייהייט צו געוויסע האנדלונגען: דער צוועק פון די ארבייטער יוניאָנס איז ארויסצוצווינגען פון די ארבייטס־געבער געוויסע הנחות אין בעצוג צו שכירות און ארבייטס־בעדינגונגען. און זיי מוז ערלויבט ווערען צו גע־ברויכען געוויסע מיטלען און מעטהאָדען; די מיטלען און די מעטהאָדען דארפען ניט זיין געוואלטזאמע, אונגעזעצליכע, אָבער ווירקזאמע, טיכטיגע מוזען זיי זיין, אום זיי זאָלען דיענען זייער צוועק. און אויב די יוניאָנס האָבען ניט דיעזע פרייהייט צו

האנדלען, איז זייער עקזיסטענץ אַן און פאר זיך אַ פּוסטער קלאנג.

וואָס זשע זעהען מיר? דאָס געזעץ האָט טאקע געזיכערט די ארבייטער יוניאָנס זייער רעכט אויף עקזיסטענץ, אָבער נאָר אויף עקזיסטענץ. וואָס שייך זייערע מעטהאָדען פון האנדלען — סטרייקס, באָיקאָטס און עהנליכע מעטהאָדען — זיינען זיי נאָך בשום אופן ניט אזוי קלאָר אנערקענט געוואָרען פון געזעץ, אזוי געשטעלט געוואָרען אויסער צווייפעל אין בעצוג צו זייער געזעצליכקייט, ווי די עקזיסטענץ פון דער יוניאָן גופא.

ווי ווייט דאָס געזעץ אנערקענט און ערלויבט די אָנווענדונג פון דיעזע מעטהאדען אָדער אינסטרומענטען פון יוניאָן־טהעטיגקייט — ווי סטרייקס, באָיקאָטס און עהנליכעס — וועט זיין די טהעמא פון מיין נעקסטער לעקציע.

## דריטע לעקציע.

# סטרייקס און באָיקאָטס

**1.—עס איז ניט גענוג, אַז דאָס געזעץ זאָל אַנערקענען די געזעצליכקייט פון די יוניאָנס.**

אין דער לעצטער לעקציע האָבען מיר זיך געגעבען די מיה נאָכצוגעהן די ארבייטער־יוניאָנס טריט ביי טריט זינט זיי האָבען אָנגעהויבען זייער קאמפף פאר געזעצליכער אנערקענונג און מיר האָבען אויסגעפונען, אז ערשט נאָך א קאמפף פון כמעט א יאָהרהונדערט האָבען זיי זיך ענדליך דערשלאָגען צו דער דאָזיגער אנערקענונג דורכ'ן געזעץ. די יוניאָנס ווערען שוין מעהר ניט בעטראכט אלס אונגעזעצליכע באנדען פון פערשווערער; זיי זיינען אנערקענט אלס געזעצליכע ארבייטער־אָרגאניזאציאָנען. דאָס אליין איז שוין געווען א בעדייטענדער זיעג פאר די אָרגאניזירטע ארבייטער. אָבער אַן און פאר זיך די הוילע אנערקענונג פון דעם רעכט אויף עקזיסטענץ מיינט נאָך ניט פיעל. וואָרים נאָך אלעמען האנדעלט עס זיך דאָך ניט אין דעם ווי מען קוקט אויף די יוניאָנס: צו ווי אויף א בונד פון פערשווערער, צו ווי אויף א קערפערשאפט, וואָס איהר עקזיסטענץ גופא איז ניט קיין פערברעכען, — די פראגע איז **צו האָבען די יוניאָנס דאָס געזעצליכע רעכט צו ערפילען די אויפגאבען, צו־ליעב וועלכע זיי זיינען בעשאפען, צו האָבען זיי עס ניט.**

דער ציעל פון אן ארבייטער־יוניאָן איז אויסצובעסערען די מאטעריעלע בעדינגונגען פון די ארבייטער אין א געוויסער אינדוסטריע. דיעזער ציעל קען דערגרייכט ווערען אויף פערשיעדענע וועגען. איהר האָט, צום ביישפיעל, צווישען די כאראקטעריסטישע איינפיהרונגען אין די יוניאָנס פערשיעדענערליי בענעפיטס — קראנקען־בענעפיטס, ארבייטסלאָזען־בע־

נעפּיטס און עהנליכע בענעפּיטס, מאנכעס מאָל אויך טעכנישע אָדער אַלגעמיינע קורסען פאר די יוניאָן־מיטגליעדער. דאָס אַלץ מעג זיך זיין וויכטיג אָדער ניט — עס ווענדעט זיך אָן די אומשטענדען און די בעדינגונגען. אָבער נאָך אַלעמען — דער הויפּט־ציעל פון אַ יוניאָן איז די אויסבעסערונג פון די אַר־בייטס־בעדינגונגען, פון די קאָנדיציאָנען אין שאַפּ, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: די העכערונג פון ווייזשעס, די פערקיר־צונג פון די אַרבייטס־שטונדען, אָן עהרליכע און גערעכטע בע־האַנדלונג מצד פון די אַרבייטסגעבער. דאָס אַלץ, אַלס כלל, מוז פון מאַנופעקטשורער אַרויסגעצוואונגען ווערען; ער גיט עס ניט און וועט עס ניט געבען אַלס חסד. וואָרים וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען וועגען די אינטערעסען פון די אַרבייטער און אַרבייטס־געבער — זיי מעגען זיך ערגעץ וואו צונויפקומען — אָבער וואָס איז שייך זייערע טאָג־טעגליכע, דירעקטע אינטע־רעסען, שטויסען זיי זיך געוועהנליך צונויף.

אַרבייטער־יוניאָנס ווערען ניט געגרינדעט אויף ־ער השערה, אַז די מאַנופעקטשורערס וועלען פון זיך אַליין בעווי־ליגען הנחות, העכערען די ווייזשעס, פערקירצען די אַרבייטס־שטונדען אָדער איינפיהרען אַנדערע וויכטיגע אויסבעסערונגען.

ווען די אַרבייטער־בעוועגונג וואָלט זיך געשטיצט אויף דער דאָזיגער השערה, וואָלט מען זיך אין איהר אינאַנגצען ניט גענויטיגט, אָבער דער פאַקט איז, אַז די אָרגאַניזירטע אַרביי־טער האַלטען נישט פון דער השערה; פערקעהרט, זיי נעהמען אָן, אַז ווען עס איז מעגליך צו געווינען וועלכע עס איז פער־בעסערונגען, איז עס ערשט מעגליך דורך קאַמפּף; אַז מיט'ן נוטען ווילען וועלען די אַרבייטס־געבער ניט נאָכגעבען קיין הנחות; זיי וועלען עס נאָר געבען דעמאָלט, ווען זיי קענען זיך אַנדערש ניט העלפען. פאָלגליך איז דער הויפּט־ציעל און די הויפּט־בערעכטיגונג פון דער עקזיסטענץ פון די יוניאָנס צו ענטוויקלען ביי די אַרבייטער גענוג מאַכט, אום אַרויסצוצווינגען פערבעסערונגען.

ווי זשע קענען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אַרויסצווינגען פון די אַרבייטס־געבער הנחות? די אַרבייטס־געבער זיינען רייכער פון די אַרבייטער. די אַרבייטס־געבער קענען טהאָן

מיט די „דזשאבס“ וואָס זייער הארץ גלוסט. אין דעם קאמפּף צווישען קאפּיטאַל און ארבייט האָבען די ארבייטס־געבער אַלע פאָרטהיילע אויף זייער זייט.

די ארבייטער קענען זיי גרייכען אויף צוויי וועגען, וואָרים יעדער ארבייטס־געבער דארף אייגענטליך אויפהאַלטען צוויי פעקטאָרים אום צו טהאָן ביזנעס: ערשטענס, א פעקטאָרי פון פּראָדוקציאָנס־קראַפט, וואו דער אַרטיקעל פון זיין ביזנעס ווערט אויסגעאַרבייט — אָהן דעם קען ער אפילו ניט אָנהויבען צו טהאָן ביזנעס — און, צווייטענס, דארף ער האָבען דעם מארק, וואו אָבצוזעצען די אויסגעארבייטע ארטיקלען. אין אַנדערע ווערטער: ער איז אָבהענגיג פון צווייערליי קלאַסען מענשען — פון די ארבייטער און די געברויכער, די קונים. און אום דער אַרבייטסגעבער זאָל אָנגעריהרט ווערען, אום ער זאָל צו עפּעס גע־צוואונגען ווערען, אום ער זאָל געצוואונגען ווערען צו געבען הנחות, דארף מען איהם פּאַקען פון דער אָדער פון דער אַנדערער זייט; אָדער די פּראָדוקציאָן אָדער דער אָבזאַץ פון זיינע סחורות זאָל פערקירצט אָדער אינגאַנצען אָבגעשטעלט ווערען. מיט אַנדערע ווערטער: דער וועג ווי אזוי די ארבייטער קענען געבען צו פיהלען זייער מאכט דעם ארבייטס־געבער איז צו זעהן, אז די ארבייט אין דעם ארבייטס־געבער'ס געשעפט, פעקטאָרי אָדער שאָפּ זאָל אָבגעשטעלט ווערען, אָדער ביי איהם זאָל אָבגענומען ווערען די מעגליכקייט צו פערקויפען זיין פּראָ־דוקט, צו ברענגען זיין פּראָדוקט צו א תכלית. און אָט די צוויי ציעלען קענען דערגרייכט ווערען בלויז דורך א סטרייק אָדער א באָיקאָט. דער סטרייק און דער באָיקאָט זיינען, אַלזאָ, די העכסטע וואפען פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער.

## 2,—וואָס איז אַ סטרייק און אונטער וועלכע בעדינגונגען אַ סטרייק איז מעגליך.

עס איז א געוועהנהייט ביי אונזערע וויסענשאפטליכע שרייבער וועגען דער פראגע אוועקצולאָזען זיך אין די גראָהע, אַלטע צייטען, אום צו ענטדעקען די וואָרצלען פון סטרייק און באָיקאָט. מען דערצעהלט אונז, אז די אידען אין מצרים, יוען זיי זיינען מיעד געוואָרען פון בויען פּיראמידען און האָבען

בעשלאָסען צו פערלאָזען דעם פּלאַץ, האָבען זיי הייסט עס אָרגאַניזירט דעם ערשטען גענעראַל סטרייק. מען בערופט זיך נאָך אויף אייניגע אַנדערע ביבלישע ביישפּיעלע, וואו אַ גע־ווּיסע פּערזאָן איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון זיינע מיטמענ־שען, און מען זאָגט אייך, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער באָי־קאָט. דאָס זיינען אַלץ אינטערעסאַנטע און אַ מאָל אויך גאַנץ שעהן אַרויסגעזאָגטע בעהויפּטונגען, אָבער זיי האָבען אַ קנאַפּען ווערטה. דער אמת אָבער איז, אַז סטרייק און באָיקאָט, ווי זיי ווערען אָנגעווענדעט אין מאָדערנע אַרבייטס־סכסוכים, זיי־נען גאָר פון אַ יונגער אָבשטאַמונג. און אַנדערש האָט עס אויך ניט געקענט זיין.

לאָמיר עס דעפינירען גענוי. וואָס איז אַ סטרייק? ווען אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין איין שאָפּ, אָדער אין אַן אינדוסטריע, אָדער אין פּערוואַנדטע אינדוסטריען, פּער־לאָזען קאָלעקטיוו זייער בעשעפטיגונג, אָבגערעדטערהייד, מיט דעם צוועק צו צווינגען דעם אונטערנעהמער אָדער די אונטער־נעהמער נאָכצוקומען געוויסע פאָדערונגען. אויב איינע פון אָט די בעדינגונגען פעהלען, איז עס ניט קיין סטרייק. ווען איהר פערלאָזט די אַרבייט אייניציגווייז, ווייל איהר זייט ניט צו־פריעדען מיט די קאָנדיציאָנען, אָדער ווייל איהר קענט גע־פינען בעסערע בעשעפטיגונגען, איז עס אויך ניט קיין סטרייק. ווען איהר פערלאָזט די אַרבייט אפילו קאָלעקטיוו און איהר צוגעהט זיך יעדער זובענדיג אַ דזשאָב, איז עס נאָך אַלץ קיין סטרייק ניט. דאָס איז בלויז אַן אָבברעכונג פון דער אַרבייט. כדי עס זאָל אויסקומען אַ סטרייק, דאַרף עס זיין אַ פריהער אָבגערעדטע, קאָלעקטיווע האַנדלונג מיט דעם צוועק אַרויסצו־קריגען געוויסע הנחות, און עס דאַרף איינשליסען נאָך אַזאַ בעדינגונג: אַז דעם אַרבייטס־געבער זאָל געמאַכט ווערען שווער אָדער אין גאַנצען אונמעגליך צו בעזעצען די פּלעצער פון די סטרייקער מיט אַנדערע.

אַ קאָלעקטיווע האַנדלונג פון אַזאַ סאָרט האָבען די אַר־בייטער ניט געקענט אונטערנעהמען איידער די מאָדערנע אינ־דוסטריען זיינען אויפגעקומען. צום אַלעם ערשט דערפאַר, ווייל ביז דאַן האָבען זיי זייער אַרבייט ניט געטהאָן קאָלעקטיוו,

ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין מיינע פריהערדיגע לעקציעס. אונטער די עלטערע ארבייטס־בעדינגונגען, אונטער דער סיס־טעם פון שקלאַפעריי אדער לייב־קנעכטשאַפט, האָט דער אר־בייטער קיין מעגליכקייט ניט געהאַט צו סטרייקען. פריהער פון אלע וואָלט אזוינס גאָר ניט ערלויבט געווען. א סטרייק וואָלט דאַן בעדייטען אַן אויפשטאַנד, וואס וואָלט תיכף אונטער־דריקט געווארען פון דעם שקלאַפען־האַלטער אדער לאַנד־בעזי־צער; און, צווייטענס, איז געווען אונמעגליך א קאָלעק־טיווע האַנדלונג. דער שקלאַף פון איין באַלעבאַטישקייט האָט זיך ניט געקענט פעראייניגען מיט דעם שקלאַף פון אַן אנדער באַלעבאַטישקייט פאַר געמיינזאַמער האַנדלונג אין דער פאָרם פון א סטרייק. דער לייב־קנעכט פון איין מאַיאָנטעק האָט זיך ניט געקענט פערבינדען מיט דעם לייב־קנעכט פון אַן אנדער מאַיאָנטעק, כדי צוזאמען אָבצור־זאָגען זיך פון דער ארבייט — יעדער פאַר זיין בעזונדערען לאַנד האַר. ערשט מיט'ן אויפקומען פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, פון פעקטאָרי סיסטעם, מיט אלע, וואָס געהערט דערצו, — די צונויפזאמלונג פון א גרויסער צאָהל ארבייטער אונ־טער איין דאַך, אין איין בעשעפטיגונג, ביי איין בעל־הבית און ערשט נאָכדעם ווי דאָס געזעץ האָט אנערקענט א געוויסע האַנד־לונגס־פרייהייט, זיינען סטרייקס איבערהויפט מעגליך געוואָרען.

די ערשטע סטרייקס, אלס געשיכטליכער פאקט, זיינען פאָרגעקומען ארום 1835; מען האָט זיי דאַן געשאָנקען ווייניג אויפמערקזאַמקייט און זיי זיינען ניט פּראַקטאָלירט געוואָרען. ווען די יונייטעד סטייטס ביוראָ אָוו לייבאָר האָט אונטערנומען איהר ערשטע אונטערזוכונג וועגען סטרייקס, האָט זי געפונען פערצייכענט בלויז 75 אזעלכע פעלע פאַר די ערשטע העלפט פון פאָריגען יאָהרהונדערט. דאָס הייסט, אז פון 1800 ביז 1850 האָבען בלויז 75 סטרייקס איבערגעלאָזען שריפטליכע שפורען אין דער אינדוסטריעלער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס.

### 3.—דער ערשטער באָיקאָט.

וואָס שייך באָיקאָט, אלס וואפע אין אינדוסטריעלע סכסוכים, איז ער פון נאָך א שפּעטערער אבשטאַמונג. דער

נאָמען גופא איז ניט בעקאנט געווען פאַר'ן יאָהר 1880. אין יענעם יאָהר האָט איינער, קעפּטען באָיקאָט, אין אירלאנד, אין מעיאָ קאונטי, פערטרעטענדיג אַ געוויסען לענדלאָרד, ארויס־גערופען געגען זיך אַזאַ פערביטערונג און זיך אַזוי פערהאסט געמאכט ביי זיינע ארענדאטאָרס און שכנים, אַז זיי האָבען בעשלאָסען איהם אויסצואווייכען, ניט צו האָבען מיט איהם קיין שום מגע ומשא, און דער חרם איז אַזוי טיכטיג דורכגע־פיהרט געוואָרען, אַז די מעשה איז בעקאנט געוואָרען איבער דער גאנצער וועלט און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געוואָרען די אַלגעמיינע בעצייכנונג פון אַזאַ מין האנדלונג. באָיקאָטירען הייסט אונטערוואַרפען אַ פּערזאָן אונטער פּונקט אַזאַ בעהאנד־לונג, ווי קעפּטען באָיקאָט. דאָס מיטעל האָט זיך ביסלעכווייז פערשפּרייט. ביסלעכווייז האָט מען איהם גענומען אָנווענדען אין אינדוסטריעלע סכסוכים.

אַ באָיקאָט הייסט צו טאָג מיינט אַן איינשטימיגע האנד־לונג, אָדער אַן אָבמאַך מצד די ארבייטער ניט צו פּאטראָניזירען אַ געוויסען געשעפט, אָדער די פּראָדוקטען פון אַ געוויסען גע־שעפט און זעהן צו ווירקען, אַז אויך אַנדערע ארבייטער אָדער אַזוי פּערזאָנען זאָלען טהאָן דאָסזעלבע.

### 4.—געזעצליכע און אונגעזעצליכע סטרייקס.

דעם באָיקאָט אַזוי ווי דעם סטרייק האָבען די ארבייטער־אָרגאניזאציאָנען אין דיעזען לאנד און אין ענגלאנד און נאָך זיי אויך אין אנדערע לענדער גענומען אָנווענדען אויף אַ ברייטען אופן ערשט אין לעצטען פערטעל פון פאַריגען יאָהרהונ־דערט. ווען דער באָיקאָט און דער סטרייק האָבען זיך אויסגע־ארבייט אלס די קאמפּפס־מיטלען פון די אָרגאניזירטע ארביי־טער, אלס מיטלען דורכצופיהרען זייערע פאָדערונגען, זיינען זיי צוערשט ניט אנערקענט געוואָרען אלס געזעצמעסיגע מע־טהאָדען פון די קאָורטס פון לאנד. אָבער די מעשה איז, אַז די אָרגאניזירטע ארבייטער האָבען אויך ניט געפונען פאַר נויטיג אָנצופרעגען ביים סופרים קאָורט פון יונייטעד סטייטס, אָדער ביי די דזשאַדזשעס פון די העכערע סטייט קאָורטס, וואָס זיי דענקען וועגען די דאָזיגע מעטהאָדען. די ארבייטער האָבען

צום ערשטען מאָל געסטרייקט פונקט אזוי ווי זיי סטרייקען איצט, ווייל די בעדינגונגען זיינען אין פיעלע פעלע געוואָרען אזעלכע, אז זיי האָבען זיך קיין אנדער עצה ניט געקענט געבען ווי סטרייקען. און ערשט ווען די קאָורטס האָבען געהאט פאר זיך א פּארטיגען פאקט, האָבען זיי אויפגעהויבען די פראגע וואָס צו טהאָן דערמיט: קען דאָס געזעץ דולדען אזעלכע אקטען, קענען זיי פון איהם אנערקענט ווערען, סאנקציאָנירט ווערען? און א לאַנגע צייט איז די פראגע דעבאַטירט געוואָרען אין די קאָורטס פון די פערשיעדענע לענדער, און נאָך איצט איז זי ניט פריי פון צווייפעל. איהר וועט געפינען, אז די יורידישע ענטשיידונגען וועגען דער פראגע אין פערשיעדענע סטייטס זיינען אין אָפענעם ווידערשפּרוך איינע צו דער אַנ־דערער; אפילו אין איין און דעם זעלבען סטייט טראָגען די קאָורטס ארוים ענטשיידונגען, וואָס לעבען אמאָל גאָר ניט בשלום צווישען זיך.

א סטרייק איז נאָך היינט צו טאָג ניט אַלע מאָל אין בעדינגט געזעצליך, אונבעדינגט געזעצמעסיג. עס זיינען פאראַן סטרייקס, וואָס ווערען נאָך עד היום פערדאמט פון געזעץ.

עס איז, דאכט זיך, זעלבסטפערשטענדליך, אז יעדער אר־בייטער האָט א נאַטירליך רעכט צו פערלאָזען זיין באָס אָדער אויפצוגעבען זיין דזשאב ווען ער וויל, מיט א גרונד אָדער אָהן א גרונד. און עס דארף, דאכט זיך, זיין לאָגיש צו שליסען דערפון, אז וואָס עס איז געזעצליך פאר איין ארבייטער, איז געזעצליך אויך פאר 2, 3, 10, 100 — פאר יעדער צאָהל ארביי־טער, וואָס ווענען זיך צוזאמענריידען פאר דעם צוועק. דאָך ווערט דאָס אנערקענט פון געזעץ בלויז ביז א געוויסען גרענעץ, ווייל דאָס געזעץ מאכט פריהער פון אַלץ אַן אונטערשיעד צווישען אַן אינדיווידועלער האנדלונג און א קאָלעקטיווער האנדלונג. און עס קומט טאקע אויס, אז א האנדלונג, וועלכע איז געזעצליך פאר איין פערזאָן, ווערט אונגעזעצליך, ווען זי ווערט געטהאָן פון א קאָמבינאציע פון פערזאָנען. עס קען אין אזא פאל ווערען א פערשווערונג. אלס כלל, בעטראכט דאָס געזעץ אזעלכע סטרייקס פאר גערעכטפערטיגט, וואָס האָבען צו זייער ציעל דירעקטע אויסבעסערונגען פון די אר־

בייטס־בעדינגונגען — נעמליך, די העכערונג פון וויידזשעס, די פערקירצונג פון ארבייטס־שטונדען. אָבער ווען עס קומט צו אנדערע פראגען, נעהמט דאָס געזעץ אריינקוקען אין דעם מאָטיוו, וואָס די ארבייטער האָבען געהאט ביים ארויסרופען דעם סטרייק, און אַן דעם מאָטיוו ווענדט זיך צו דער סטרייק איז געזעצליך צו ניט. דער גאַר און גאַר איידעלער אונטערשיעד, וואָס ווערט ביי דער געלעגענהייט געמאכט אין אַ גרויסער צאָהל סטייטס און מעהרסטענטהיילס אויך אין אונזער סטייט, בעשטעהט אָט אין וואָס: אַ סטרייק וואָס זיין ציעל איז די טובה פון די ארבייטער, איז געזעצליך, און אַ סטרייק, וואָס זיין ציעל איז דער שאָדען פון די באָסעס, איז אונגעזעצליך!

ווי וועט איהר אַרויסקומען פון דעם פּלאָנטער? געוועהנליך איז די טובה פון די אַרבייטער דער שאָדען פון די באָסעס און פערקעהרט. און דארום, ווען דער פּרינציפּ דארף אָנגעווענדעט ווערען אין דער פּראקטיק, וועט איהר אויסגעפינען, אַז דער דזשאָדזש, וועלכער האָט צו בעשליסען איבער אַזאַ פּאַל, קען זיך ערלויבען די גרעסטע פרייהייט אין דער וועלט אין זיין ענטשיידונג וועגען דעם, צו איז דער ציעל פון סטרייק די טובה פון די ארבייטער און דערפאר געזעצליך, אָדער דער ציעל פון סטרייק איז דער שאָדען פון בעל־הבית אָדער פון די נאָן־יוניאָן ארבייטער און דערפאר אונגעזעצליך. די מערקווירדיגסטעביישפּיעלע פון אַזאַ ענטשיידונגס־פרייהייט גיבען די פּעלע, אין וועלכע עס איז פערוויקעלט די פראגע פון אָפּען און קלאָוזד שאָפּ.

## 5.—די פּרינציפּיעלע ענטשיידונגען פון ניו־יאָרקער סופּרים קאורט.

פיעלע מאָל, ווי איהר ווייסט, סטרייקען די יוניאָן־ארבייטער פאר דער אָנערקענונג פון דער יוניאָן, פאר קלאָוזד שאָפּ אָדער, ווי אין אונזער ספּעציעלער אינדוסטריע, פאר פּרעפּערענשעל יוניאָן שאָפּ.

איז אַזאַ סטרייק געזעצליך אָדער ניט? איהר קענט געהן אין אַ געזעץ־ביבליאָטהעק און שטודירען די פערשיעדענע ענטשיידונגען, — און אַזעלכע זיינען דאָ זעהר פיעל, צעהנדליגע

און הונדערטער, — און ווען איהר וועט האָבען זעהר זאָרג־פעלטיג דורכלעזען און דורכגעשטודירט די אַלע ענטשיידונגען, קענט איהר זיין זיכער, אז איהר וועט וויסען וועניגער צום סוף פון אייער שטודיום, ווי פון אָנפאנג.

אזוי, צום ביישפיעל, האָט א גאנצע סעריע פון ענטשיידונגען גאנץ גענוי אוועקגעשטעלט, אז א סטרייק פאר קלאָוזד שאָפּ איז אונגעזעצליך, ווייל דאָס מיינט, אז מען וויל מיט געוואלד ארייגשלעפּען א געוויסע צאָהל ארבייטער פון א געוויסער אינדוסטריע אין אַן אָרגאניזאציאָן, וועלכע איז זיי ניט צום הארצען. איז אָבער געקומען אין 1902 דער טשיעף דזשאָדזש פּארקער פון ניו יאָרקער קאָורט אָוו אַפּיעלס און האָט מיט זיין מערקווירדיג אויסגעארבייטער, בעגרינדעטער און בעלייכטענדער ענטשיידונג אומגעוואָרפען די אַלע פריהעריגע ענטשיידונגען. די פראגע איז פאָלשטענדיג קלאָר געמאכט געוואָרען — וועניגסטענס פאר אונזער סטייט. די קייס איז בעקאַנט אלס „די קייס פון דער נעשאָנאַל סטימפיטערס אַסאָסיאיישאָן געגען קאָמינגס". די פאקטען זיינען געוועזען פאָלגענדע: עס זיינען געוועזען צוויי קאָנקורירענדע סטימפיטערס יוניאָנס. ביי א געוויסער פירמע האָבען די סטימפיטערס פון איין יוניאָן געפאָדערט, אז די מיטגליעדער פון דער אַנדער יוניאָן זאָלען אָבגעזאָגט ווערען, אנים וועלען זיי, די מיטגליעדער פון דער ערשטער יוניאָן, ארויס אין סטרייק. די פירמע האָט ארויסגענומען געגען זיי אַן אינדזשאָנקשאָן. די פראגע איז צוערשט פאָרגעקומען פאר'ן סופרים־קאָורט און צולעצט געבראכט געוואָרען פאר'ן קאָורט אָוו אַפּיעלס. דער קאָורט האָט זיך צוטהיילט, פיער געגען דריי, דזשאָדזש פּארקער האָט געשריבען די מיינונג פון דער מאַיאָריטעט, און די גרינדע, וועלכע ער האָט געבראכט פאר דער ענטשיידונג פון דער מאַיאָריטעט, שיינען צו זיין פון אַן אַבסאָלוטער איבערצייגונגס־קראפט.

ער האָט אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „מיר אַלע אנערקענען, אז אַן ארבייטער האָט א רעכט צו ארבייטען פאר וועמען ער וויל און אָבצוזאָגען זיך פון דער ארבייט ווען ער וויל. ווארים ווען מיר וועלען זיך שטעלען אויף דעם פערקעהרטען

שטאַנדפּונקט, ווען מיר ווֶעלען זאָגען, אַז אונטער געוויסע בע־
דינגונגען קען דאָס געזעץ ניט ערלויבען דעם אַרבייטער צו
פערלאָזען די אַרבייט, וואָלט עס נאַטירליך געהייסען, אַז מיר
האָבען געצוואונגענע דיענסט, וואָלטען מיר געהאַט א סיס־
טעם, אונטער וועלכען דער אַרבייטער ווערט געצוואונגען צו
אַרבייטען פאַר א בעשטימטען אַרבייטס־געבער. דאָס וואָלט
געווען אין ווידערשפּרוך מיט יענע פּונקטען פון אונזער קאָנ־
סטיטוציע, וואָס פערוועהרען שקלאַפעריי און געצוואונגענעם
דיענסט. אַלזאָ, דאַרף עס בעטראַכט ווערען פאַר אַן אַקסיאָם,
אַז דער אַרבייטער האָט דאָס רעכט צו וואַרפען זיין אַרבייט,
ווען נאָר ער געפינט פאַר נויטיג.

איצט לאָמיר געהן ווייטער: אויב יעדער אַרבייטער קען
עס טהאָן בעזונדער, פאַר וואָס זאָלען אַלע אַרבייטער קאָלעק־
טיוו ניט קענען טהאָן דאָס זעלבע? א רעכט, וואָס איין אַרביי־
טער בעזיצט דורך דאָס געזעץ, איז א רעכט, וואָס יעדער אַנדער
אַרבייטער טהיילט מיט איהם. פאָלגליך, קענען אַלע אַרביי־
טער צוזאַמען וואַרפען די אַרבייט אין יעדער בעליעביגער צייט.
און זיי זיינען בשום אופן ניט פערפליכטעט אָנצוגעבען זייערע
גרינדע צו דעם אַרבייטס־געבער. זיי קענען איינפאַך זאָגען:
„מיר וואַרפען די אַרבייט כדי צו וואַרפען די אַרבייט, ווייל אונז
געפעלט אַזוי". דאָס איז אַן עלעמענטאַרע פאָראויסזעצונג פון
געזעץ. אָבער לאָמיך אָננעהמען, אַז כאָטש די אַרבייטער זיינען
ניט פערפליכטעט דערצו, ווילען זיי אָבער יא אָנגעבען די
גרינדע און זיי זאָגען: „מר. אַרבייטס־געבער! מיר פערלאָזען
אייך, ווייל אונז געפעלט ניט דער שניט פון אייער ראָק אָדער
די אָרם פון אייער נאָז". זיי האָבען א פולע רעכט אויף
[illegible] אונטער דעם געזעץ. צי איז דאָס קלוג צי ניט, דאָס דאַרף
דעם קאָורט ניט אָנגעהן; דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך.
אויב אַזוי, לאָמיר אָננעהמען, אַז אַן אַרבייטער וויל ניט אַר־
בייטען צוזאַמען מיט אַן אַרבייטער פון א געוויסען אַנדער
טיפּ — זאָל זיין צוליעב זיין אויסזעהן, אָדער נאַציאָנאַליטעט,
אָדער זיינע געוואוינהייטען, אָדער זיין חבר'ען זיך מיט אַנ־
דערע פערזאָנען, אָדער ווייל יענער אַרבייטער בעלאַנגט צו א
פעראיין, וועלכער איז איהם, דעם ערשטען אַרבייטער, מיט

וואָס עס איז דערווידער, האָט ער דארום א רעכט צו פער־לאָזען דעם ארבייטס־געבער בלויז אויפ'ן גרונד, וואָס יענער בעשעפטיגט ארבייטער, וועלכע ער פערטראָגט ניט. און א קערפערשאפט פון ארבייטער האָט דאָס זעלבע רעכט".

פארטיג ווערענדיג מיט דעם טעכנישען אנאליז, נעהמט זיך דזשאָדזש פארקער אויף אן עכט מאָדערנעם אופן פאר דעם עיקר פראָבלעם. ער זאָגט: „ווער קען זיך אונטערנעהמען צו זאָגען, אז א געוויסע פאָדערונג פון א יוניאָן, פון אן אָרגאַ־ניזירטער ארבייטער־קערפערשאפט איז פערנינפטיג צו ניט? עס דארף אָנגענומען ווערען, אז זיי וויסען אם בעסטען וואָס עס איז גוט פאר זיי. און ווען אן ארבייטער־קערפערשאפט טענה'ט, אז זי וועט ווארפען די ארבייט, ווען געוויסע אנדערע ארבייטער וועלען ניט אָבגעזאָגט ווערען — מיט אנדערע ווער־טער, אז זיי ווילען ניט ארבייטען צוזאמען מיט געוויסע אנ־דערע ארבייטער, מוזען זיי האָבען א גוטען גרונד דערצו. לאָ־מיר נעהמען צוםביישפיעל דיעזען פאל. דער גרונד איז אויבען־אויף. די ארבייטער דארפען דורכמאכען געוויסע עקזאמענס. זיי דארפען בעזיצען א געוויסע געניטקייט. ווען זייערע חברים האָבען ניט די זעלבע קענטניסע, שטעהען זיי אין געפאהר גע־שעדיגט צו ווערען אין צייט פון זייער ארבייט דורך די נאכ־לעסיגקייט פון יענע, און דער ארבייטס־געבער וועט אפילו ניט זיין פעראנטוואָרטליך דערפאר.

ווייטער, ווען א יוניאָן פאָדערט א קלאָוזד שאפ, איז דאָס בשום אופן ניט מיט א בייזער כונה. קיינמאָל ניט מיט א בייזער כונה. אלעמאָל אויס א גאנץ בעשטימטען גרונד, נעמ־ליך: די יוניאָן פיהלט, אז זי וועט זיין אם בעסטען געשיצט, אָדער ריכטיגער, אז איהרע מיטגליעדער וועלען זיין אם בעסטען געשיצט, ווען די יוניאָן וועט זיין אם שטארקסטען, און די יוניאָן איז אם שטארקסטען, ווען זי פיהרט דורך קלאָוזד שאפ."

אלזאָ, אין יענער קייס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דער גרונד־זאץ: יעדע ארבייטער־קערפערשאפט האָט דאָס פאָל־שטענדיגע געזעצליכע רעכט צו סטרייקען צוליעב אירגענד וועלכען גרונד, אבי די ארבייטער נעהמען איהם אָן פאר א גוטען גרונד, מעג עס זיין צוליעב קלאָוזד שאפ.

דאָס איז געווען די ענטשיידונג פון דעם העכסטען קאָורט פון סטייט, פון קאָורט אָוו אַפּיעלס. און עס האָט געשיינט, אַז די לאַגע איז ווי מעגליך קלאָר געמאַכט געוואָרען, דער פּרינציפּ פון געזעץ איינמאָל פאַר אַלע מאָל שאַרף בעשטימט געוואָרען.

אין נעקסטען יאָהר — אין יאָהר 1903 — איז דאָס געזעץ נאָך אַ מאָל געשטעלט געוואָרען צו פּראָבע. איינער פון די מענער קליידער מאַנופעקטשורערס, ריכטיגער אַ פירמע פון אַזעלכע מאַנופעקטשורערס אונטער'ן נאָמען דזשייקאָבס, איז אַריין אין אַן אָבמאַך מיט איינער פון די יוניאָנס פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס, געשלאָסען אַ געוועהנליכען אינדעפּענדענט אַגרימענט, ווי אונזערע קלאָוקמאַכער לאָקאַלס, און אָט דער אַגרימענט האָט צווישען אַנדערעס געהאַט די פּונקטען וועגען קלאָוזד שאַפּ, וועגען אָבזאָגען אַלע ניט-יוניאָן אַרבייטער, וועגען אַ בעשטימטער סומע שאַדען-ערזאַץ אין פאַל די מאַנופעקטשורערס וועלען ניט אָבהיטען דעם אַגרימענט. און ווי געוועהנליך איז דער אַגרימענט געווען גאַראַנטירט מיט אַ נאָוט פון דער פירמע. די פירמע האָט דעם קאָנטראַקט ניט געהאַלטען. זי האָט בעשעפטיגט ניט-יוניאָן אַרבייטער. די יוניאָן האָט אַריינגעגעבען די נאָוט צום פּראָטעסט. און זי האָט געוואונען אין דער ערשטער אינסטאַנץ. די אַפּעלייט דיוויזשאָן האָט די דאָזיגע ענטשיידונג אומגעוואָרפען. די אַפּעלייט דיוויזשאָן האָט געהאַלטען, אַז אַזאַ קאָנטראַקט איז געגען די אינטערעסען פון פּובליקום; אַז ער צווינגט דעם מאַנופעקטשורער צו בעשעפטיגען בלויז אַ געוויסען סאָרט אַרבייטער, די אַרבייטער וואָס בעלאַנגען צו אַ בעשטימטער יוניאָן; צו ענטזאָגען אַנדערע אַרבייטער, און אויף אַזאַ אופן נויט דער קאָנטראַקט געוויסע אַרבייטער אַריינצוטרעטען אין דער אָרגאַניזאַציאָן, ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם צו האָבען זיי אַן אינטערעס פאַר איהר צו ניט.

אַ צווייטער אַפּיעל איז דערלאַנגט געוואָרען צום קאָורט אָוו אַפּיעלס, וועלכער האָט בעשטעטיגט די ענטשיידונג פון דער ערשטער אינסטאַנץ און אומגעוואָרפען די ענטשיידונגען פון אַפּעלייט דיוויזשאָן. דער קאָורט אָוו אַפּיעלס האָט זיך

ווידער געשטעלט אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז עס איז פאַל־שטענדיג געזעצליך פאר אן ארבייטער־ארגאניזאציאָן צו שליסען א קאָנטראקט ווענען קלאָוזד שאָפּ, און ווען אזא קאָנטראַקט איז געשלאָסען, האָט די יוניאָן א פאָלשטענדיגעס געזעצליכעס רעכט צו זאָגען צו דער פירמע: איהר מוזט בעשעפטיגען ניט קיין אנדערע ווי נאָר גוטשטעהענדע מיטגליעדער פון אונזער יוניאָן, אניט סטרייקען מיר. און די יוניאָן האָט א פאָל־שטענדיג רעכט צו זאָגען: די און די ארבייטער, וועלכע איהר בעשעפטיגט, זיינען ניט גוטשטעהענד אין אונזער אָרגאניזא־ציאָן, און איהר מוזט זיי ענטזאגען, אניט סטרייקען מיר". און ווען דער מאַנופעקטשורער ענטזאגט די ניט־יוניאָן לייט, קע־נען די ענטזאגטע גאָר ניט האָבען ניט געגען איהם און ניט געגען דער יוניאָן. יעדער צד האָט דאָס פולע רעכט געהאט אריינ־צושטעלען אין קאָנטראקט קלאָוזד שאָפּ און א פונקט ווענען בעשעפטיגען בלויז מיטגליעדער פון א געוויסער אָרגאניזאציאָן.

## 6.—אַן ענטשיידונג אין פערבינדונג מיט דעם קלאוקמאַכער סטרייק פון 1910.

די פריהעריגע ענטשיידונג איז, אַלזאָ, בעשטעטיגט גע־וואָרען. דאָך איז זי ניט אַלע מאָל אויסגעהאַלטען געוואָרען. די פון אייך, וואָס האָבען אין 1910 בעלאַנגט צו דער קלאָוק־מייקערס יוניאָן און האָבען מיטגעמאכט דעם גענעראל־סטרייק, וועלען געדענקען, אז איין מאָמענט האָבען די אונטערהאנד־לונגען געהאט דערגרייכט צו א פונקט, וואו די מאנופעקטשו־רערס האָבען פאַקטיש אַלץ געהאט נאָכגעגעבען און זיינען גרייט געווען איבערצוגעבען די פערבליבענע פראגען צו ארביטריישאָן, אויסער איינער — די פראגע פון קלאָוזד שאָפּ זאָל ניט דיס־קוטירט ווערען. פון אָנפאַנג האָבען זיי אפילו ניט געוואָלט הערען פון פרעפערענשעל יוניאָן שאָפּ; און אודאי ניט פון יוניאָן שאָפּ. און זיי האָבען געצוואונגען די יוניאָן־פערטרע־טער ארויסצושיקען זיי א בריעף אין דעם זין, אז דער פונקט ווענען קלאָוזד שאָפּ וועט ניט אויפגענומען ווערען צו דיס־קוסיאָן, איידער זיי האָבען ניט איינגעשטימט צו א קאָנפערענץ מיט דער יוניאָן. די אונטערהאנדלונגען זיינען אָבגעבראָכען

געוואָרען ביי דעם פּונקט און דער סטרייק איז אָנגעגאַנגען ווייטער. די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן, די קלאָוק, סוט ענד סקוירט מאַנופעקטשורערס פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאַן, די זעלבע, וואָס עקזיסטירט איצט, האָבען זיך געווענדעט צו דזשאָדזש גאָף נאָך אַן אינדזשאַנקשאַן געגען די ארבייטער און דזשאָדזש גאָף האָט זיי בעוויליגט אַן אינדזשאַנקשאַן. פּער־וועהרענדיג פּיקעטען און ערקלעהרענדיג דעם גאַנצען סטרייק פאַר אונגעזעצליך אויף דעם גרונד, וואָס מיט דעם סטרייק ווערט ניט געציעלט צו פערגרעסערען די וויידזשעס און איינ־צופיהרען אנדערע אויסבעסערונגען אין די שאָפּ־בעדינגונגען, נאָר איינצופיהרען אַ קלאָוזד שאָפּ, וואָס דאָס מיינט אוועק־צונעהמען ביי די ניט־יוניאָן אַרבייטער די געלעגענהייט צו צו קריגען בעשעפטיגונג אין דער אינדוסטריע, און דערמיט ווערט ווידער צושטערט די אינדיווידועלע פרייהייט פון די בירגער. דאָ האָט ער זיך צונויפגעטראָפען פּנים אל פּנים מיט דער פריהערדיגער ענטשיידונג פון קאָורט אָוו אַפּיעלס און ער האָט געדאַרפט אויסגלייכען זיין אייגענע ענטשיידונג מיט דער קאָמינגס־ענטשיידונג, און ער האָט עס געטהאָן אויף אַ זעהר אָריגינעלען וועג, אויסברענגענדיג צוויי פּונקטען. דער ערש־טער פּונקט, האָט ער געזאָגט, איז פאָלגענדער: ווען אין דער קאָמינגס־קייס האָט איין יוניאָן פון די סטימפיטערס געפאָ־דערט, אַז די מיטגליעדער פון דער אנדער יוניאָן זאָלען ענט־זאגט ווערען, האָט זי דערמיט נאָר געוואָלט פערזאָרגען איהרע מיטגליעדער מיט בעשעפטיגונג. מיט אנדערע ווערטער, זיי זיינען אויסען געווען די טובה פון זייערע מיטגליעדער, צו פערזיכערען פאַר זיי די ווערטהפולערע דזשאָבס, אָבער דאָ האנדעלט די קלאָוקמאַכער יוניאָן בלויז מיט אַ בייזער כונה; דאָס וואָס זי וויל איז צו בעשטראָפען די ניט־יוניאָן אַרבייטער אָדער זיי אריינצושלעפּען אין דער יוניאָן און מיט געוואלד זיי מאַכען פאַר יוניאָן־מיטגליעדער. אלזאָ, אין יענעם פאַל איז דער ציעל געווען אַ געזעצליכער; אין דעם פאַל איז דער ציעל אַן אונגעזעצליכער.

און דער צווייטער פּונקט, האָט ער געזאָגט, איז פאָל־גענדער: די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז אַזוי שטאַרק, אַז זי

פּלאַנעוועט פאַקטיש אַריינצוציהען יעדען קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק סיטי אין דער יוניאָן, בעת דאָרט, אין פאַל פון די סטימפּיטער, איז נאָך געווען פּלאַץ פאַר אַזעלכע, וואָס בע־לאַנגען ניט און ווילען אַפילו ניט בעלאַנגען צו דער יוניאָן. גאָר אַנדערש איז ביי דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

אָט אויף דעם גרונד פון די צוויי פּונקטען, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, און וואָס דאָס אויג דאָט קוים־קוים געקענט כאַ־פּען דעם אונטערשיעד צווישען זיי, האָט דזשאַדזש גאָף בעווי־ליגט אַן אינדזשאַנקשאָן, וועלכע איז געווען איינע פון די האַרבסטע אינדזשאַנקשאָנס. זי האָט פערוועהרט אַלערליי פאַר־מען פון פּיקעטען, אַפילו די פריעדליכסטע. דאָס זעלבע וועט איהר געפינען אין אַ געוויסער צאָהל אַנדערע קייסעס. און ביי דעם איז ניט געבליבען. עס זיינען ערקלערט געוואָרען אונגע־זעצליך סטרייקס, וואָס שטעלען זיך אַנדערע „אונסימפּאַטישע“ ציעלען. אַזוי, צ. ב., ווען אַ סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען, אום איינצומאָהנען פון אַ מאַנופעקטשורער די שטראָף, וואָס האָט געקומט פון איהם, ווייל ער איז ניט נאָכגעקומען געוויסע פּונקטען פון קאָנטראַקט, איז אַזאַ סטרייק ערקלערט געוואָרען אונגעזעצ־ליך. אַ סטרייק, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען געגען ניט־יוניאָן אַרבייטער, וועלכע זיינען פריהער געווען יוניאָן־אַר־בייטער און זיינען אַרויסגעפאַלען, ווייל זיי האָבען פערפעהלט צו בעצאָהלען דיוס און שטראָף־געלד — אויך אַזאַ סטרייק איז ערקלעהרט געוואָרען אונגעזעצליך. און נאָך אַ גאַנצער קלאַס סטרייקס ווערט געהאַלטען אַלס אונגעזעצליך פון די קאָורטס אין אונזער סטייט און אין פערשיעדענע אַנדערע סטייטס — דאָס זיינען די אַזוי גערופענע „סימפּאַטיע“־סטרייקס.

7.—ווי קוקט דאָס געזעץ אויף סימפּאַטיע־סטרייקס?

ווי איהר ווייסט, זיינען דאָ דירעקטע און אינדירעקטע סטרייקס. אַ דירעקטער סטרייק איז אַ סטרייק, וואָס איז אַרויסגערופען צוליעב אַ פאָדערונג, וואָס די אַרבייטער שטעלען אַרויס צו זייער דירעקטען אַרבייטס־געבער. אָבער עס קען אויך זיין אַ סטרייק, אין וועלכען אַ געוויסע צאָהל סטרייקער שטעלען ניט אַרויס קיין פאָדערונג צו זייערע איינענע אַרבייטס־

געבער; זיי סטרייקען, אום דורכצוזעצען די פאָדערונג פון אנדערע ארבייטער. צום ביישפּיעל, די פאָדערונגען פון די ארבייטער אין שכנ'ישע טריידס. לאָמיר נעהמען די בילדינג־טריידס, וואו עס טרעפט זיך אָפט, אז, צום ביישפּיעל, די בריקלייערס געהען ארויס אין סטרייק אפשר דערפאר, ווייל זייער ארבייטס־געבער האלט ניט דעם קאָנטראקט מיט די פּלאָמבערס אָדער קארפּענטערס, אָדער מיט די ארבייטער פון אנדערע בילדינג־טריידס. אום צו אונטערשטיצען דעם סטרייק פון אנדערע מאכען מיט דער גרעסערער קראפט פון א גענעראל־סטרייק פון אַלע מאכען ווערט, אלזאָ, ארויסגערופען א סימפּאטיע־סטרייק. עס קענען נאָך זיין אנדערע ביישפּיעלע. ארבייטער זאָגען זיך מאנכעס מאָל אָב צו טהאָן די ארבייט פאר א געוויסען ארבייטס־געבער, ווייל ער האנדעלט מיט א בעוואוסטער „סקעב"־פירמע, אָדער ניצט ניט־יוניאָן מאטעריאל.

דאָס זיינען אינדירעקטע סטרייקס, סימפּאטיע־סטרייקס, און עס טרעפט אָפט, אז די קאָורטס, וואָס האָבען אלס כלל אנערקענט די געזעצליכקייט פון דירעקטע סטרייקס, ערקלעהרען אינדירעקטע, סימפּאטיע־סטרייקס אלס אונגעזעצליך, ווייל זיי ווערען כלומרשט ארויסגערופען מיט א „בייזער כונה". איך דענק, אז אם ווייטסטען אין דיעזער ריכטונג זיינען אוועק די קאָורטס אין מאסאטשוזעטס סטייט, וואָס האָבען דירעקט און בעשטימט ערקלעהרט, אז די קאָורטס האָבען צו ענטשיידען צו דער ציעל פון א סטרייק איז געזעצליך אָדער ניט. לויט אָט דער ענטשיידונג קומט אויס, אז ניט די יוניאָן, ניט די ארבייטער אין טרייד האָבען צו בעשטימען וועלכע וועהטאָגען זייערע זיינען גענוג שטארק און וועלכע פאָדערונגען זייערע זיינען גענוג וויכטיג, אום ארויסצוגהן אין סטרייק; די קאָורטס פון סטייט דארפען יעדעס מאָל אונטערשטעלען זייער אורטהייל, אנשטאָט דעם אורטהייל פון די אָרגאניזירטע ארבייטער און פּסק'ענען פאר זיי צו דער סטרייק איז אונגעזעצליך צו ניט.

דער סך הכל: סטרייקס אלס אזעלכע ווערען אין די מעהרסטע פעלע אנערקענט מעהר אָדער וועניגער גערן אלס געזעצליך און בערעכטיגט; אָבער אין א גרויסער צאָהל פעלע ווערען זיי נאָך געהאלטען פאר אונגעזעצליך.

8.—איז פּיקעטען געזעצליך אָדער אונגעזעצליך?

אָבער דאָס איז וועניג. ווען אפּילו א סטרייק ווערט בעטראכט אלס געזעצליך, איז נאָך מיט דעם ניט פיעל אויפגעטהאָן. ווען איהר וועט פערלאָזען די ארבייט און איהר וועט, לויט דעם בעליעבטען ווערטעל פון די גוטע אלטע „א. וו. וו. צייטען", „צונויפלעגען די אָרעמס", קענט איהר טאקע אזוי בלייבען שטעהן מיט צונויפגעלעגטע אָרעמס. ארבייטער אין סטרייק ווילען געוועהנליך טהאָן א ביסעל מעהר ווי צונויפלעגען די אָרעמס און זיך אָבזאָגען פון דער ארבייט. זיי ווילען נאָך זעהן, אז קיינער זאָל ניט ווערען ספּעציעל טהעטיג מיט זיינע ניט צונויפגעלעגטע אָרעמס און טהאָן זייער ארבייט. מיט אנדערע ווערטער, זיי ווילען, אז די ארבייט אין א געוויסען פּלאַץ זאָל אויף אַן אמת אָבגעשטעלט ווערען. זיי ווילען שטערען אנדערע ארבייטער צו פערנעהמען זייערע פּלעצער, זיי ווילען ניט דערלאָזען קיין „סטרייק־ברעכעריי", קיין סקעבעריי.

ווי וועלען זיי דאָס דורכפיהרען? זיי וועלען עס דורכפיהרען, ווי איהר אלע ווייסט, ווי יעדע יוניאָן ווייס, פריהער פון אלץ דורך פּיקעטען. א צאָהל סטרייקערס שטעלען זיך אוועק אין פראָנט פון דער פעקטאָרי, וואו מען סטרייקט. זיי זוכען צו קומען אין בעריהרונג מיט די, וואָס ווילען ווערען סטרייק־ברעכער, סקעבס און פּרואווען זיי אָבּרעדען פון פערנעהמען זייערע פּלעצער.

נו, איז פּיקעטען געזעצליך אָדער אונגעזעצליך? איהר קענט ווידער געפינען צווייערליי ענטשיידונגען וועגען דיעזען פּונקט. די סאמע ליבעראלסטע זיינען די ענטשיידונגען פון די קאָורטס פון קאליפאָרניא און ניו יאָרק, די צוויי אויפגעקלעהרטעסטע סטייטס. די קאָורטס דאָרט האלטען, אז פּיקעטען איז פאָלקאָם געזעצליך אזוי לאנג ווי די פּיקעטס בענוגענען זיך מיט דעם פריעדליכען, אנשטענדיגען מיטעל פון איבערציינונג. מיט אנדערע ווערטער, ווען איהר שטעהט אין פראָנט פון א שאָפּ און עס בעוויזט זיך איינער, וואָס האָט בדעה צו געהן סקעבען און איהר געהט צו צו איהם און זאָגט צו איהם פיין און העפליך: „וואָס מאכט איהר, מר. סקעב? איהר רעכענט דאָ צו געהן ארבייטען? ווייסט איהר ניט, אז מיר

סטרייקען דאָ?" און איהר דערצעהלט איהם, ווארום איהר סטרייקט און זאָגט צו איהם: „וועט איהר ניט זיין אזוי גוט זיך אַנצושליסען אַן אונז און ניט פערנעהמען אונזערע פּלעצער?" אויב ער וועט אייך ענטפערען: „יעס, מעם", איז א סוף מיט דעם. ווען ער וועט אָבער זאָגען: „ניין!", דארפט איהר איהם לאָזען געהן און ניט בעלעסטיגען ווייטער. אזא מין פּיקעטען איז געזעצליך. אָבער אזא פּיקעטען, וואָס איז בעגלייט מיט געוואלט, מיט סטראשונקעס און מיט איינשרעקען די סטרייק-ברעכער, איז אונגעזעצליך.

דאָס שיינט צו זיין זעהר לאָגיש. אָבער לאָמיר זיך צו־קוקען נעהנטער. פּיקעטען ווערט אונגעזעצליך, ווען עס ווערט בעגלייט מיט געוואלט, מיט סטראשונקעס, מיט צוּוואַרפען שענדליכע צונעמען, מיט איינשרעקען. וואָס הייסט סטראַ־שונקעס? וואָס מיינט שענדליכע נעמען און בעזונדערס וואָס איז איינשרעקען?

איינשרעקען הייסט אריינזאָגען א מורא אין די הערצער פון די סטרייק-ברעכער. ווי אזוי ווערט דאָס אויסגעפיהרט? אונזערע געלערענטע קאָורטס האלטען, אז עס איז גאָר ניט נויטיג צו בעווייזען, אז די פּיקעטס האָבען ווירקליך געברויכט געוואלט אָדער האָבען געטהאָן עטוואָס בעזונדערעס, אום זיי צו געפינען שולדיג אין „איינשרעקען". דער פאקט אליין, וואָס די פּיקעטס זיינען דאָ אויף זייערע פּלעצער און דערצו נאָך אין גרויסע צאָהלען און מאכען ניט קיין ליעבליך פּנים, קוקען שטרענג, איז גענוג „איינצושרעקען" א סטרייק-ברעכער, בעזונדערס ווען דער סטרייק-ברעכער איז ניט קיין געוויקסיגער, ניט קיין שטארקער, ניט קיין קאמפפס-פעהיגער מאן, נאָר א דעליקאט בעשעפעניש, און ער בעגעגענט א האלבען דוצענד פּיקעטס, א מאָל הויכע, ביינערדיגע בחורים אָדער שטארקע ענטשלאָסענע מיידלעך, איז ער איינגעשראָקען, ווארפט איהם העגד און פיס. פאָלגליך, איז אין אזא פאל דאָס פּיקעטען גופא שוין אן „איינשרעקען", און מאנכע קאָורטס זיינען גע־גאנגען אזוי ווייט, דאָס זיי האָבען אָפען ערקלעהרט, אז עס איז ניטאָ אזא זאך ווי פּיקעטען און צו דער זעלבער צייט ניט „איינשרעקען".

„געזעצליכעס פּיקעטען?" — זאָגט דזשאָדזש מעקפּוויר־סאָן: — „איהר קענט פּונקט אזוי ריידען וועגען שעהמעוודיגער הולטייסטוואָ אָדער וועגען געזעצליכע לינטשעריי. ניטאָ אזא זאך ווי געזעצליכעס פּיקעטען. פּיקעטען מיינט שוין אונבע־דינגט איינשרעקען, מיינט אונבעדינגט געוואלט. און פּיקעטען איז דארום אַן און פאר זיך אונגעזעצליך". אָן דער דאָזיגער ענטשיידונג, אָן די דאָזיגע ארגומענטען האלט מען זיך אין פערשיעדענע סטייטס. אלזאָ, אין פערשיעדענע סטייטס פון דער רעפּובליק איז פּיקעטען אין יעדער פאָרם אבסאָלוט אונ־געזעצליך.

אין ניו יאָרק סטייט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז פּיקעטען טהעאָרעטיש געזעצליך, ווען דאָס פּיקעטען געהט אָן אויף א פריעדליכען אופן מיט דעם צוועק צו איבערציינען, אָבער ניט מעהר.

## 9.—ווען באָיקאָט ווערט שטראָפבאָר.

די זעלבינע אלגעמיינע כללים גילטען אויך פאר באָיקאָט. באָיקאָט איז אין מאנכע סטייטס פערבאָטען דורך דאָס געזעץ, וואָס שטעמפּעלט עס אלס „שטראָפבארע קאָנספּיראַסיס", אָדער דורך קאָורט־ענטשיידונגען, וואָס רעכענען צו באָיקאָט צו „אונגעזעצליכע קאָנספּיראַסיס". אנדערשוואו איז באָיקאָט יא ערלויבט דורכ'ן געזעץ, אָבער וויעדער מיט די זעלבע בע־גרענצונגען ווי סטרייקען און פּיקעטען. דאָס הייסט, אז באָי־קאָט דאַרף דורכגעפיהרט ווערען אויף א פריעדליכען וועג. איהר קענט זיך צוריקהאלטען אינדיוויזועל אָדער קאָלעקטיוו פון פּאַטראָניזיר'ען א געוויסע פירמע, פון קויפען איהרע פּראָ־דוקטען. איהר קענט זיך געבען מיה צו איבעררײדען אנדערע, סימפּאַטיזירער, צו טהאָן דאָסזעלבע. איהר מעגט זיי דער־צעהלען אייערע עולות, אַנגענומען, אז איהר גיט אָן ריכטיג די פאַקטען. איהר קענט פערטהיילען צירקוליארען, אַנגענומען, אז די פאַקטען, וואָס זיי ברענגען, זיינען אמת'ע. אָבער ווען איהר ווערט ליאַרעמדיג, רוהע־שטערער, ווען איהר אראנזשירט מיטינגען און פּאַראַדען אין פראָנט פון דעם באָיקאָטירטען געשעפט אָדער פעקטאָרי, ווען איהר מאכט דאָרט טומעל און

געוואלטען, אָדער ווען די צירקוליארען, וואָס איהר פערטהיילט, ענטהאלטען שווערע בעשולדיגונגען געגען דער באַיקאָטירטער פירמע, דאן זיינט איהר אריבער די גרענעצען פון געזעץ; אייער באַיקאָט ווערט אונגעזעצליך. פונקט ווי מיר האָבען אונטער־שיידען צווייערליי סטרייקס — איינעם א מעהר אָדער ווייניגער געזעצליכען, און דעם אנדערען אַן אונגעזעצליכען, א דירעקטען און אַן אינדירעקטען סימפּאַטיע־סטרייק, אזוי אונטערשיידען מיר צווייערליי פאָרמען פון באַיקאָט — ערשטענס, דעם דירעק־טען, דעם אזוי גערופענעם „פריימערי"־באַיקאָט, צווייטענס, דעם אינדירעקטען, דעם אזוי גערופענעם סעקאָנדערי באַיקאָט. דער פריימערי באַיקאָט איז געווענדעט געגען א געוויסער פירמע און בלויז געגען אָט דער פירמע. דער סעקאָנדערי באַיקאָט בעציהט זיך אויף אַלע פּראָדוקטען פון א געוויסער פירמע, פער־פאָלגט זיי אומעטום וואוהין זיי געהען און ווענדעט זיך אויך געגען יענע פירמען, וואָס טהוען ביזנעס מיט אָט די פּראָדוקטען.

דעם דאָזיגען אונטערשיעד האָט פאָרמולירט קאראָל ד. רייט, געוועזענער יונייטעד סטייטס קאָמישאָנער אָוו לייבאָר, מיט דער פאָלגענדער ערקלעהרונג: „ווען „א" דענקט, אז „ב" איז אונאָרענטליך אין זיין האנדלען, קען ער עס איבערגעבען צו „סי" און אויפפאָדערען איהם ער זאָל ניט האנדלען מיט „א". אָבער ווען „א" זאָגט צו „סי": ווען איהר וועט האנדלען מיט „סי", וועל איך מיט אייך ניט האנדלען און אויך איינ־רעדען אנדערע, זיי זאָלען מיט אייך ניט האנדלען, ווערט דער באַיקאָט אַן אונגעזעצליכע קאָמבינאַציע, א פערשווערונג".

אמת, די אונטערשיידונג איז דורכאוים גרונדלאָז, פון פינגער אויסגעזויגען, אָבער די קאָורטס זיינען מיט מערקווירדיגער זיכער־הייט ארויסגעפאָהרען אויף איהר און די צוויי לעצטענס בעריהמטע געוואָרענע קייסעס—די קייס פון די דענבורי העטערס און די קייס פון די באָק סטאָוו ענד רענדזש קאָמפּאַניע. איןביידע קייסעס איז די בעשולדיגונג געווען „סעקאָנדערי באַיקאָט".

אין דער קייס פון די דענבורי העטערס איז א געוויסע פירמע באַיקאָטירט געוואָרען צוזאמען מיט איהרע פּראָדוקטען, און דאָס האָט געמיינט, אז די ארבייטער איבער'ן לאנד האָבען

זיך אבגעזאגט צו האבען צו טהאן מיט קויפלייט, וואס האלטען דיעזען סארט העטס; דאס זעלבע איז אויך געטהאן געווארען אין בעצוג צו די אויוועגס פון דער באק סטאוו ענד רענדזש קאמפאניע. איןביידע פעלע זיינען קלאגען געבראכט געווארען צום יונייטעד סטייטס סופרים קאורט, וועלכער האט די ביידע באיקאטס ערקלעהרט אלס סעקאנדערי און אונגעזעצליכע.

## 10.—ווי מאכט מען א יוניאן א פראצעס.

עס זיינען פאראן פערשיעדענע וועגען ווי אויפצוהויבען פאר די קאורטס די פראגע וועגען דער געזעצליכקייט אדער אונגעזעצליכקייט פון געוויסע יוניאן-טהעטיגקייטען און מיטלען. א מאנופעקטשורער קען פערפיהרען א פראצעס און מאהנען מען זאל איהם בעצאהלען פאר'ן שאדען, וואס אן אונגעזעצליכער סטרייק אדער אונגעזעצליכעס פיקעטען האט איהם געבראכט. אזעלכע פראצעסען זיינען ניט אזוי אפט, ווייל די יוניאנס זיינען ניט אלע מאל פינאנציעל פעראנטווארטליך, אבער אזעלכע פראצעסען קומען דאך פאר, און עס זיינען געוועזען פעלע, וואו מאנופעקטשורערס איז צוגע'פסק'ענט געווארען שאדען-ערזאץ, גאנץ בעדייטענדע סומען שאדען-ערזאץ, וואס די יוניאנס האבען געמוזט בעצאהלען. דאס איז ניט נאר געווען דער פאל אין דער בעריהמטער דענבורי העטערס קייס, נאר אויך אין א גרויסער צאהל קלענערע קייסעס, וואס זיינען פון בריימען פובליקום ניט בעמערקט געווארען. די געזעצליכער זיינען אנגעפאקט מיט אזעלכע קייסעס.

א צווייטער וועג, ווי אויפצוהויבען די פראגע וועגען דער געזעצליכקייט אדער ניט געזעצליכקייט פון דער טהעטיגקייט פון א יוניאן, זיינען די פראצעסען, וואס ווערען פערפיהרט פון ניט-יוניאן לייט, פון סטרייק ברעכער געגען א יוניאן, אויף קלאגען, אז די יוניאן האט זיי בערויבט פון זייער בעשעפטיגונג און פון דער מעגליכקייט צו קריגען בעשעפטיגונג דורך אן אונגעזעצליכען אבמאך מיט דעם ארבייטס-געבער, דורך וועלכען דער לעצטער האט זיך פערפליכטעט צו בעשעפטיגען בלויז יוניאן-ארבייטער. אין אזעלכע קייסעס זיינען די ענטשיידונגען זעהר אפט געווענדעט געגען די יוניאנס — ניט אלע מאל,

װאָרים, װי איך האָב פריהער געזאָגט, אַזעלכע ענטשײדונגען הענגען מעהרסטענס פאַלשטענדיג אָב פון דער פערזענליכער אַנשױאונג פון דזשאַדזש.

אָבער דער בעליעבטעסטער װעג װי אױפצוהײבען די פראַגע װעגען דער אונגעזעצליכקײט פון די מעטהאָדען פון אַ יוניאָן איז אַרױסצוקריגען געגען איהר אַן אינדזשאַנקשאָן. דאָס איז דאָס לעצטע װאָרט אין דער שטעלונג פון געזעץ צו אַרבײטער אָרגאַניזאַציאָנען.

## 11.—די אמת'ע געפאַהר, װאָס שטעקט אין אַן אינדזשאַנקשאָן.

די אינדזשאַנקשאָן־שריפט איז זעהר אַן אַלטע, גראָהע, בכבוד'יגע שריפט, װעלכע איז אָבער ביז אהער געברױכט געװאָרען פאַר גאָר אַנדערע צװעקען. עס איז געװען אַ שריפט פון סטײט, װעלכע פלעגט זיך בענוצען מיט איהר אום דורכצופיהרען איהרע פעראָרדנונגען און ערשט אין די גאָר לעצטע צײטען האָבען אונזערע ערפינדערישע קאָורטס גענומען אָנװענדען דיעזען מיטעל — די שריפט, װאָס פאָדערט אױף געװיסע פערזאָנען צו טהאָן געװיסע זאכען אָדער פערװעהרט צו טהאָן געװיסע זאכען — אין סכסוכים צװישען אַרבײט און קאַפּיטאַל. געװעהנליך פּאַסירט עס אַזױ: װען אַ סטרײק געהט אָן אַ געװיסע צײט און עס קומט צו אַ פּונקט, װאו דער מאַנופעקטשורער נעהמט זיך פיהלען זעהר אונזיכער, ברענגט ער אַרײן אַפידײװיטס אין קאָורט, אַז דער סטרײק װערט בעגלײט מיט געװאַלט, מיט אונגעזעצליכען פּיקעטען א. ז. װ. דער קאָורט לאָזט דאַן אַרױס אַן אָרדער, װעלכער פאָדערט אױף דעם געגען־צד אַרײנצוברענגען אַרגומענטען, פאַר װאָס אַן אינדזשאַנקשאָן דאַרף ניט בעװיליגט װערען. אַזאַ אָרדער װערט אָפט בעגלײט פון אַ פאָרלױפיגען אינדזשאַנקשאָן. און אױך דאָ װענדעט זיך דאָס געזעץ אָן דעם, װי דער דזשאַדזש, װעלכער האַלט פאַר זיך די קײם, װעט עס װעלען פערשטעהן. געװעהנליך, אין די מעהרסטע פעלע, לכל הפחות, װעט װאַהרשײנליך צוגעהן אַזױ: דער לאָיער פון מאַנופעקטשורער װעט אַרגומענטירען, נאָך אַ מאָל איבער'חזר'ען די אַלע קלאַגען אױף

די אונגעזעצליכע מעשים פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער און די פּיקעטס. דער לאָיער פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער וועט זיך אויפהויבען, פּאָרלעגען זיין צד און לייקענען די אונגעזעצ־ליכע מעשים. ער וועט טענה'ן, אַז דאָס פּיקעטען געהט אָן אויף דעם געזעצליכסטען וועג. „די פּיקעטס האָבען אַלע גע־נומען לעסאָנס אָדער געקראָגען זייער ערציהונג אין אַ דאַמען־רעכט סקוהל". „זיי בעהאַנדלען די סקעבס מיט איידעלקייט און ליעבע". דאַן וועט דער דזשאַדזש געוועהנליך פרעגען:

„אַלזאָ, לייקענט איהר, אַז אייערע קליענטען געברויכען געוואַלט ביים פּיקעטען?" — „יעס, יור האָנאָר, איך לייקען עס אַב־סאָלוט". — „טו וואָס אַרט אייך, אַז איך וועל ארויסגעבען אַן אינדזשאַנקשאָן, וואָס וועט פערוועהרען דעם געברויך פון גע־וואַלט?" ער וועט זאָגען: „אַז זיי געברויכען עס סיי ווי סיי ניט, וועלען זיי פון דעם אינדזשאַנקשאַן ניט געטראָפען ווערען". דאָס קלינגט זעהר קאָמיש, ניט אמת? אָבער עס איז ניט קאָמיש, ווייל ווען אַן אינדזשאַנקשאָן איז שוין ארויסגעגעבען, קענט איהר ערוואַרטען אין עטליכע טעג אַ נייעם שריט.

דער נעקסטער שריט וועט זיין, דאָס דער הערר מאַנופעק־טשורער וועט נאָך אַ מאָל ערשיינען פאַר'ן דזשאַדזש און זאָגען: „יור האָנאָר, די לייט האָבען פערבראָכען געגען אייער אינ־דזשאַנקשאָן. זיי פּיקעטען נאָך און געברויכען געוואַלט". און ער וועט ברענגען געוויסע אַפידייוויטס עס צו בעשטעטיגען, און דער לאָיער און די ארבייטער וועט ברענגען געגען־אַפידייוויטס.

דער דזשאַדזש דאַרף דאָ ניט פאָררופען קיין עדות, נאָר אויפ'ן גרונד פון די אַפידייוויטס קען ער ענטשיידען, און ווען ער וועט ענטשיידען צו גונסטען פון די מאַנופעקטשורערס, וועט ער האָבען די מאַכט ארויפצולעגען שטראָפען אויף די אַרבייטער און פער'משפט'ען זיי צו פּריזאָן ביז צו זעקס מאָנאַט.

וואָס איז דער רעזולטאַט? דער רעזולטאַט איז אַזאַ: דער אַרבייטער, ווי יעדער אַנדער סיטיזען, האָט אַ קאָנסטיטוּ־ציאָנעלע גאַראַנטיע פאַר זיין פרייהייט. לויט דער קאָנסטי־טוציע קען ער ניט בערויבט ווערען פון זיין פרייהייט אָהן דעם אורטהייל פון זיין גלייכען, אָהן אַ פּראָצעס פאַר געשוואָרענע. געוועהנליך, קען ביי אייך ניט צוגענומען ווערען אייער פריי־

הייט. איהר קענט ניט געשיקט ווערען אין געפענגניס, סיידען אַ בעשטימטע קלאגע איז צוערשט אריינגעבראכט געוואָרען, אָדער די גרענד דזשורי האָט ארויסגעטראָגען אַ בעשולדיגונג געגען אייך און דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס. וואו איהר האָט געהאט די געלעגענהייט צו בעגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט די עדות געגען אייך, אויסצוהערען זיי און צו אונטער־ווארפען אַ קרייץ־פערהער; און איהר האָט פעררופען אייערע עדות און די קיים איז אריבער צו אַ דזשורי פון אייער גלייכען— לכל הפּחות, דארפען זיי זיין אייער גלייכען — און די דזשורי האָט ארויסגעטראָגען דעם אורטהייל: שולדיג אָדער ניט שולדיג.

אָבער דאָ, דורך דעם פּשוט׳ען, צו פּשוט׳ען מיטעל — ארויסצוקריגען צוערשט אַן אינדזשאָנקשאָן געגען אייך און דערנאָך פערקלאָגען אייך, אַז איהר היט ניט אָב די אינדזשאָנק־שאָן, אַז איהר „פעראכט די אינדזשאָנקשאָן“, דורך אַ קלאגע אין „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט“, פערלירט איהר אייערע קאָנסטיטו־ציאָנעלע רעכטע און גאראנטיען. דער קאָורט האָט די מאכט צו בערויבען אייך פון אייער פרייהייט, און אייך ווערט ניט געגעבען די געלעגענהייט צו בעגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט אייער בעשולדיגער, צו אונטערוואַרפען איהם אַ קרייץ־פערהער און קיין דזשורי האָט ניט צו ענטשיידען איבער אייער שולד אָדער אונשולד. איינער, וואָס איז ווייט פון אייך, קען אָפּט דורך אַ געשריבענעם אפידייוויט, ביי אייך אוועקנעהמען אייער פרייהייט. דאָס איז דער אמת׳ער זין פון אַן אינדזשאָנקשאָן, און דארום איז אַזאַ געפאהר צו האָבען אַן אינדזשאָנקשאָן געגען זיך, כאָטש אַן און פאר זיך איז דער פערבאָט, וואָס זי לעגט ארויף, פון קליינעם בעטרעף. די געפאהר איז, די מעגליכע, צוקינפטיגע בעשולדיגונג געגען אייך, אַז איהר האָט געבראָכען דעם אינדזשאָנקשאָן און די קלאגע אין „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט“, וואָס קומט נאָכדעם.

## 12.—די עפענטליכע מיינונג און די שטעלונג פון די קאָורטס.

אלזאָ, אין סך־הכל, די שטעלונג פון געזעץ צו דער טהע־טיגקייט פון ארבייטער־אָרגאניזאציאָנען אונטערשיידעט זיך

זעהר פיעל פון זיין שטעלונג צו דער עקזיסטענץ פון די אר־בייטער־אָרגאניזאציאָנען. דאָ איז דאָס געזעץ ווייט ניט אזוי קלאָר און פעסט. דאָס געזעץ אין בעצוג צו דער טהעטיגקייט פון די יוניאָנס איז פערוויקעלט און צווייפלען — אזוי איז עס אין די מעהרסטע סטייטס פון דער רעפובליק און פאקטיש אין יעדען סטייט. פיעלע מיטלען, וואָס זיינען אין געברויך ביי די יוניאָנס, פיעלע אקטען, וואָס מאכען אויס דעם אָרגאַ־נישען טהייל פון דער טהעטיגקייט פון די יוניאָנס, יענער טהייל, אָהן וועלכען זיי קענען ניט עקזיסטירען, אָדער וועניגסטענס, אָהן וועלכען זיי קענען קיין פּראָגרעס ניט מאכען — ווערט בעטראכט פון א גרויסער צאָהל פון אונזערע קאָורטס אלס אונ־געזעצליך, אלס עטוואָס, וואָס שטעהט אויסער׳ן געזעץ.

וואָס זשע ווערט בעאיינפלוסען א ריכטער צו האלטען זיך אָן דער אָדער אָן יענער ריכטונג אין זיינע ענטשיידונגען — און אין די מעהרסטע פעלע האָט ער די פולע ברירה צו טהאָן אזוי אָדער אנדערש, צו שטיצען זיך אויף אזא אָדער אָן ענט־געגענגעזעצטען פּרעצעדענט — וואָס ווערט בעאיינפלוסען א ריכטער ער זאָל זיך שטעלען אויף דעם אָדער יענעם צד? דאָס הענגט אָב פון די אומשטענדען. ווען די ארבייטער בעוועגונג איז שטארק, וועקט די אכטונג פון פובליקום און זי האָט דארום די עפענטליכע מיינונג אויף איהר זייט, ווערט דער פועל יוצא דערפון זיין, אז אין די מעהרסטע פעלע וועלען זיך די רזשאָ־דזשעס דערמאָנען אָן יענע פּרעצעדענטען, וואָס זיינען געווען אַם גינסטיגסטען פאר די ארבייטער.

פון דער אנדער זייט, ווען די מאנופעקטשורערס ווערט זיך איינגעבען צו שאפען א בייז געפיהל ביים פובליקום געגען די ארבייטער. אויפצוואוועקען פאראורטהיילען געגען זיי, יוצא איהר אויסגעפינען, אז די מעהרסטע קאָורטס וועלען זיך בע־נוצען מיט דעם אנדער טהייל פון געזעץ־בוך, וואָס ענטהאלט די אונגינסטיגסטע ענטשיידונגען פאר די ארבייטער. די לעהרע דערפון איז: עס איז די אויפגאבע פון דער ארבייטער בעוועגונג צו ווערען שטארק, צו מאכען זיך געאכט. דאָס איז דער איינציגער וועג ווי זיי קענען בעקומען הנחות פון דער יוסטיץ — סיי פון געזעץ גופא און סיי פון די קאָורט־ענטשיי־

יונגען. אלץ וואס זי האָט שוין, האָט זי בעקומען אויף דעם וועג, און אויף דעם וועג וועט זי בעקומען נאָך מעהר.

## 13.—די גרויסע און ברייטע רעכטען פון דעם אַרבייטסגעבער.

צום שלום וועט זיין אינטערעסאַנט צונויפצושטעלען און צו פערגלייכען די נעבעלהאַפטע, טונקעלע רעכטען פון די אַר־בייטער־יוניאָנס מיט די ענטשפּרעכענדע רעכטען פון די אַר־בייטס־געבער. ווי שטעהט מיט זיי? זיי זיינען דאָך אייך אַ צד אין אַרבייטער־סכסוכים. זיי זיינען פּונקט אַזוי פּעראינטע־רעסירט אין די דאָזיגע סכסוכים, ווי די אַרבייטער, נאָר פון דער פערקעהרטער זייט. ווי בעהאַנדעלט דאָס געזעץ די אַר־בייטס־געבער?

פריהער פון אַלץ דאַרפען די מאַנופעקטשורערס אַזוי אָפט ניט לויפען נאָך שוץ צום געזעץ, ווי די אַרבייטער טהוען עס. זיי קענען זיך זעהר אָפט איינגעבען צו אונטערדריקען אַן אַרביי־טער־יוניאָן אָדער אַ סטרייק בלויז דורך דער עקאָנאָמישער קראַפט פון זייער רייכטהום, אָבער ווען זיי קומען שוין יאָ פאַר'ן געזעץ, וועט, צו אַלעם ערשט, די פראַגע, צו די פעראייניגונג פון מאַנופעקטשורערס איז געזעצליך צו ניט, גאָר ניט נויט־ווענדיג אויפגעהויבען ווערען. און אָט פאַר וואָס:

וואָס איז אַן אַרבייטס־געבער? אַן אַרבייטס־געבער קען זיין איין מאַנופעקטשורער, אַ פּאַרטנערשיפּ, ווי עס איז אָפט דער פאַל אין דער קלאָוק־אינדוסטריע. אין די נאָך שטאַרקער ענטוויקעלטע אינדוסטריען איז דער אַרבייטס־געבער גיכער פון אַלץ אַ קאָרפּאָריישאָן. אַ קאָרפּאָריישאָן קען זיין אַ פעראיי־ניגונגען פון 10, 100, 500 און טויזענד אַרבייטס־געבער, אָבער פאַר'ן געזעץ זיינען זיי אַלע איין אַרבייטס־געבער. קיינער קען דאָך ניט מאַכען אַ פערשווערונג מיט זיך אַליין, קען אויך די קאָרפּאָריישאָן ניט מאַכען קיין פערשווערונג מיט זיך אַליין, כאָטש זי קען בעשטעהן פון טויזענד פּערזאָנען. ווען אַ באָארד אָוו דירעקטאָרס קומט זיך צונויף, קאָנפערירט, שלאָגט פאָר פּלענער און פיהרט זיי דורך — דאָך איז עס אַלץ איין פּערזאָן. אַ קאָרפּאָריישאָן איז אַן אינדיווידיאום.

ארבייטער אָבער פון א פאבריק קענען קיינמאָל ניט צו־נויפשטעלען א קאָרפּאָריישאָן. דאָס איז אין דער נאַטור פון ארבייט. ארבייטער קענען ניט ארבייטען ביי דער מאשין דורך א קאָרפּאָריישאָן. יעדער האָט צו ארבייטען אינדיווידועל, פּערזענליך, קערפּערליך. און אין דעם האָבען די מאנופעק־טשורערס א פאָרצוג געגען זיי.

ווייטער נעהמט א פעראייניגונג פון ארבייטס־געבער — אינדיווידועלע אָדער קאָרפּאָריישאָנס, און איהר וועט אויסגע־פינען, אז זיי זיינען שטארק בעוואָרענט געגען דער געפאהר ערקלעהרט צו ווערען אלס „פערשווערער“.

לאָמיר נעהמען דעם קלאָוק־מאנופעקטשורינג טרייד, וועל־כער צעהלט פון 50 ביז 60 טויזענד ארבייטער און א 2 טויזענד ארבייטס־געבער. די 50—60 טויזענד ארבייטער קענען זיך ניט צונויפקומען ארום איין טיש, דיסקוטירען זייערע אנגעלע־גענהייטען און צונויפרעדען זיך דורך א וואונק אָדער דורך א פּאָר ווערטער. איהר מוזט האָבען אייערע מאס־מיטינגס; איהר מוזט דינגען דעם מעדיסאָן סקווער גאַרדען, מוזט אויס־שרייען אייערע פּלענער פון די דעכער, מיט דער פולער קראפט פון אייערע לונגען, און די גאנצע שטאָדט מוז וויסען פון אייערע פּלענער. איהר קענט זיך ניט העלפען; גרויסע מאסען קענען אנדערש ניט האנדלען.

די צאָהל פון די ארבייטס־געבער אין אייער פאַל איז פער־העלטניסמעסיג גרוים. אין מעהר מאָדערנע אינדוסטריען וועלען 50 טויזענד ארבייטער האָבען פיעלייכט ניט מעהר ווי הונ־דערט אָדער צוויי הונדערט ארבייטס־געבער. זיי קענען זיך זעהר בעקוועם צונויפקומען ביי א דינער־טיש אין א קליינעם באַנקעט־האָל. די טהירען זיינען געשלאָסען. עמיצער קען זיך האַלטען א רעדע. די אַנדערע שאָקלען צו מיט'ן קאָפּ. קיינע רעזאָלוציאָנען דארפען ניט אָנגענומען ווערען, קיינע מאָס־מיטינגס דארפען ניט אָבגעהאלטען ווערען. און צו גלייכער צייט קען דער שיקזאַל פון די אָרגאניזירטע ארבייטער און פון די ארבייטער בכלל בעשלאָסען ווערען ביי אזא מיטינג.

און אז די ארבייטס־געבער קומען זיך צונויף עפענטליך, ביי די פּייערליכע מיטינגען פון די באָארדס אָוו טרייד אָדער

מאנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָנס, איז די פראגע פון דער געזעצליכקייט פון אזעלכע פעראייניגונגען נאָך קיינמאָל ניט אויפגעהויבען געוואָרען. זייער געזעצליכקייט ווערט אָנגענומען אלס זעלבסטפערשטענדליך, ווייל — ווייל זיי זיינען די א ר ב י י ט ס ־ ג ע ב ע ר און אַן עק! זיי זיינען פּאקטיש די פערקערפערונג פון געזעץ, און געגען יעדען וואפען פון די אָרגאניזירטע ארבייטער האָבען זיי זייער ענטשפרעכענדען וואפען. צום ביישפיעל, געגען קלאָוזד שאפּ האָבען זיי זייער אייגענעם קלאָוזד שאפּ. אייער קלאָוזד שאפּ איז אַ שאפּ, וואָס איז צוגעשלאָסען פאר ניט־יוניאָן אַרבייטער, פאר „סקעבס“. זייער קלאָוזד שאפּ איז צוגעשלאָסען פאר יוניאָן ארבייטער; עס איז אַ קלאָוזד ניט־יוניאָן שאפּ. און אַזעלכע שעפּער עקזיסטירען. פערשיעדענע סטייטס פון דער רעפּובליק האָבען דורך די בעמיהונגען פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אָנגענומען געזעצען, וואָס פערוועהרען אַ מאנופעקטשורער צו ענטזאגען אַן אַרבייטער אויפ׳ן גרונד פון זיין צוגעהעריגקייט צו א יוניאָן, און אונזערע קאָורטס, די העכסטע קאָורטס פון לאנד, דער יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט, האָבען ערקלעהרט דיעזע געזעצען פאר אונקאָנסטיטוציאָנעל. ווייל, אָנווייזען אַן ארבייטס־געבער פאר וואָס ער קען יא און פּאר וואָס ער קען ניט ענטזאגען אַן אַרבייטער — הייסט בעשרענקען זיין פרייהייט אַלס סיטיזען. ער האָט אַ רעכט צו ענטזאגען אַן ארבייטער פּאר יעדער אורזאכע, און גאָר אָהן אַן אורזאכע, און ער האָט אַ רעכט צו ענטזאגען אַן ארבייטער פאר בעלאנגען צו אַ יוניאָן, ווען איהם געפעלען ניט קיין יוניאָן לייט. און די אויבען־דערמאָנטע געזעצען זיינען דאַרום ערקלעהרט געוואָרען אַלס אונקאָנסטיטוציאָנעל.

איהר זעהט דעם אונטערשיעד? דער ארבייטער, וועלכער איז בעשטאנען אויף זיין רעכט צו פּאָדערען אַ קלאָוזד שאפּ, האָט געהאט געגען זיך די גאנצע שאָקעלדיגע מאשין פון קאָורט־ענטשיידונגען, וועלכע אין זייער סך הכל האָבען געגעבען פּאָלגענדען רעזולטאַט: אין די מעהרסטע פעלע איז זיין פּאָדערונג צוריקגעוויעזען געוואָרען, קלאָוזד שאפּ איז ערקלעהרט געוואָרען אלס ניט גילטיג, אין ווידערשפּרוך מיט די אינטערעסען פּון פּובליקום.

פון דער אנדער זייט אויפהאלטען א קלאָוזד שאפּ געגען יוניאָן לייט איז ערקלעהרט געוואָרען אלס פאַלשטענדיג לעגאל, און יעדער פערזוך צו בעשרענקען דאָס רעכט פון ארבייטס־געבער אין דער הינזיכט איז ערקלעהרט געוואָרען אלס אונ־קאָנסטיטוציאָנעל פון זעלבען קאָורט, וואָס האָט אוועקגענומען דאָס זעלבע רעכט ביים ארבייטער.

און ווייטער אנטקעגען אייערע סטרייקס, האָבען זיי לאָק־אוטס. דאָס איז גענוי דער זעלבער וואפען אין די הענד פון די ארבייטס־געבער. דאָס איז דער סטרייק פון די ארבייטס־געבער. נאַטירליך, ער דארף ניט טהאָן קיין פּיקעטינג־אַרבייט, ווען ער ערקלעהרט א לאָקאוט, כאָטש ביי א געלעגענהייט קען ער דינגען „שטארקע“ צו טהאָן פאַר איהם א קליין ביסעל „פריעדליכע איבערצייגונגס אַרבייט“. אָבער דאָס איז פאַל־קאָם געזעצליך.

און וואָס שייך פּיקעטען, האָבען די ארבייטס־געבער אַן ענטשפּרעכענדען וואפען אין דער פאָרם פון א „שווארצער ליסטע“. עס זיינען איצט אפילו פאַראַן געזעצען אין מאנכע סטייטס, וואָס ערקלעהרען דאָס אויסשטעלען פון „שווארצע ליסטען“ פאַר אַן אונגעזעצליכע אָדער פערברעכערישע האנד־לונג. איך ווייס אָבער ניט קיין פאַל, וואו אַן ארבייטס־געבער איז פער׳משפּט געוואָרען אונטער אָט דעם געזעץ. און אזא פאַל האָט ניט געקענט פּאסירען אוים דעם גרונד, ווייל דער ארבייטס־געבער האָט גאָר ניט נויטיג צו אנאָנסירען זיין שווארצע ליסטע אין דער עפענטליכקייט.

אָנגענומען, אז עס איז פאַראַן אַן אָבמאַך צווישען די ארבייטס־געבער פון א געוויסען טרייד אוועקצושטעלען אויף דער שווארצער ליסטע די „שעדליכע“, דורך זייער טהעטיגקייט, יוניאָן לייט. יעדער פון די ארבייטס־געבער האָט זיך זיין ארבייטער, ווען ער האָט אָבגעזאָגט פון דזשאב פאַר יוניאָן־טהעטיגקייט. ער פערצייכענט איהם ביי זיך. דער „פער־צייכענטער“ מאַן געהט צו אַן אנדער ארבייטס־געבער און זאָגט: „מר. אַרבייטס־געבער, איך וויל א דזשאָב“. „וואָס איז אייער נאָמען?“ — דזשאהן סמיטה“. וואי האָט איהר געאַרבייט ביז אהער?“ — „פאַר מר. אזוי און אַזוי“. „ווארט א מינוט“.

ער רופט אָב „אזוי און אזוי“: „מר. אזוי און אזוי, קענט איהר אזא און אזא מאן?“ — „יעס“. „געארבייט פאַר אייך?“ — „יעס“. איהר האָט איהם אָבגעזאָגט?“ — „יעס“. פאַר וואָס?“ — „ווייל ער איז געווען איינער פון די יוניאָן-לידערס, איינער פון די אויפהעצערס צו סטרייקס“ א. ז. וו.

אָלרייט. גוד ביי, דזשאב זוכער. דאָס איז דער סוף פון דער מעשה. איין ארבייטס-געבער קען זיך ווענדען צום אנדערען אפילו שריפטליך און אָנפרעגען וועגען דעם אָדער יענעם ארבייטער און יעדער ארבייטס-געבער האָט אַ רעכט, אַ געזעצליך רעכט צו וואַרנען זיין קאָלעגע ארבייטס-געבער געגען אָנשטעלען אזא און אזא ארבייטער. דאָס איז אַן ערלויבטע מיטטהיילונג; דאָס איז ניט אנערקענט פאַר אַן איבערטרעטונג פון געזעץ; דאָס איז עטוואָס, וואָס יעדער ארבייטס-געבער קען געבען יעדען אנדערען אָהן קיין שום פאָלגען פאַר זיך. עס וועט ניט אונטערזוכט און ניט פערהערט ווערען, ווייל אזוינס מיטצוטהיילען אָדער צו פערעפענטליכען איז ערלויבט.

אלזאָ, איהר זעהט, אז אין אַלע פעלע, וואו דאָס געזעץ איז ניט קלאָר, אונבעשטימט, ווידערשפּרעכענד אָדער אפילו פיינדליך צו געוויסע מיטלען און מעטהאָדען, ווען זיי ווערען געברויכט און אַנגעווענדעט פון ארבייטער-אָרגאַניזאַציאָנען אין זייער קאמפף פאַר עקאָנאָמישע פערבעסערונגען, אין די זעלבע פעלע ווערען די זעלבע מיטלען און מעטהאָדען געהאלטען פאַר פאָלשטענדיג כשר און געזעצליך, ווען מיט זיי בענוצען זיך די ארבייטס-געבער. און דאָס מיינט, אז אין בעצוג צום געזעץ זיינען די מעטהאָדען, וואָס די יוניאָנס ווענדען אָן, היינט צו טאָג זעהר ניט גענוג. די טרייד-יוניאָנס דארפען זיך קענען שטיצען אויף נאָך עפּעס אויסער זייער געזעצליכען רעכט אויס-צוגלייכען זייערע סכסוכים מיט די בעלי-בתים דורך דירעקטע און דירעקטעסטע מיטלען. וואָס זיינען דאָס פאַר מיטלען, אויף וועלכע די יוניאָנס קענען בויען — אויסער סטרייקס און בּאָי-קאָטס, און ווי צו געברויכען יענע מיטלען — דאָס וועט זיין די טהעמע פון מיינע וויי‏טערע לעקטשורס.

## פיערטע לעקציע.

# קאָלעקטיווע אַגרימענטס.

### 1.—די אָפענע און בעהאַלטענע קראַפט פון אַ יוניאָן.

אין אונזער פאריגער לעקציע זיינען מיר געקומען צום שלוס, אַז די הויפט קאַמפּפס־מיטלען פון ארבייטער יוניאָנס זיינען סטרייק און באָיקאָט; פון דיעזע מיטלען שעפּען די יוניאָנס זייער הויפּט־קראַפט. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז אַ שטארקע, מעכטיגע ארבייטער־אָרגאניזאציאָן דארף האלטען אין איין סטרייקען און באָיקאָטירען. פריהער פון אַלץ וואָלט דאָס געווען אַ צו קאָסטבארער צייט־פערטרייב, און צווייטענס, וואָלטען די יוניאָנס דערמיט פערפעהלט זייער אייגענטליכען צוועק, וואָרים נאָך אַלעמען איז דער צוועק פון אַ יוניאָן צו דערשלאָגען זיך פאר איהרע מיטגליעדער גוטע, אנשטענדיגע ארבייטס־בעדינגונגען.

דער הויפט־ציעל, וואָס די יוניאָן־מיטגליעדער שטעלען זיך, איז צו פערדיענען אויף אַ לעבען אונטער פאסיגע קאָנדיציאָנען. און, נאַטירליך, פון סטרייקען און באָיקאָטירען מאכט מען קיין לעבען ניט. בעת מען סטרייקס אָדער מען באָיקאָטירט, פערדיענט מען קיין ווידזשעס ניט. און עס איז ניט אזוי דאָס סטרייקען און באָיקאָטירען גופא, וואָס מאכען אַ יוניאָן מעכטיג, ווי איהר גרייטקייט און פעהיגקייט צו סטרייקען און באָיקאָטירען ווען נויטיג. מיט אנדערע יוערטער, עס איז ניט אַזוי די דירעקטע ווירקונג פון סטרייקס און באָיקאָטס, וואָס האלט אויף די ארבייטס־קאָנדיציאָנען אויף אַ געוויסער הויך, ווי די אָנגעזאַמעלטע קראַפט פון די ארבייטער־אָרגאניזאציאָנען, וועלכע קען אויסגענוצט ווערען פאר סטרייקס און באָיקאָטס, ווען עס איז שוין קיין אנדער ברירה ניטאָ.

און בלויז צוליעב אָט דער בעהאַלטענער קראַפט קריגען די אָרגאַניזירטע ארבייטער אַ פּיעל גינסטיגערע בעהאנדלונג, ווי עס פאלט אוים געוועהנליך אויפ׳ן חלק פון די אונאָרגאַניזירטע ארבייטער. די דאָזיגע גינסטיגערע בעהאַנדלונג דריקט זיך אוים אין צווייערליי פאָרמען. ערשטענס, דער אַרבייטס-געבער פון אַ גאַנץ יאָהר, ווען ער ווייס אַז זיינע ארבייטער בעלאַנגען צו אַ יוניאָן, ווייס ער אויך, אַז טאָמער ברענגט ער זיי ארוים פון געדולד, זיינען זיי פיקס און פאַרטיג צום סטרייקען, און ער וועט דארום, אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, זיין פאָרזיכטיג גענוג ניט צו פּראָוואָצירען זיי צו אַן עקסטרעמען שריט. וואָרים נאָך אַלעמען איז אַ סטרייק ניט קיין פּיק-ניק — ניט פאַר די אָרגאַניזירטע אַרבייטער און ניט פאַר די ארבייטס-געבער. אַזוי ווי די ארבייטער זיינען מעהר פון אַלץ פעראינטערעסירט אין זייערע וויידזשעס, אַזוי איז דער ארבייטס-געבער מעהר פון אַלץ פעראינטערעסירט אין זיינע פּראָפּיטען, און אום צו מאַכען פּראָפּיטען, דאַרף ער דאָך האָבען מענשען, וואָס זאָלען ארבייטען פאַר איהם.

אַ סטרייק איז אַן אַלגעמיינע צורודערונג אין דער אינדוסטריע; דאָס זעלבע אויך אַ באָיקאָט. ביידע וואפען טרעפען איין צד אַזוי ווי דעם אַנדערען; זיי זיינען ווייניג געוואונשען פאַר ביידע צדדים — פאַר די ארבייטס-געבער, לכל הפּחות, אַזוי ווייניג ווי פאַר די ארבייטער. דערפאַר ווירקט געוועהנליך בלויז די מעגליכקייט פון אַ סטרייק אָדער באָיקאָט אָפּט אויפ׳ן אַרבייטס-געבער אַזוי, אַז ער זאָל בעהאַנדלען זיינע ארבייטער אַזוי אנשטענדיג ווי נאָר מעגליך אונטער די אומשטענדען.

אַ צווייטער נאָך אַ וויכטיגערער רעזולטאַט פון אָט דער מעגליכקייט פון אַ שטערונג אין דער אינדוסטריע, פון אַ סטרייק אָדער באָיקאָט, איז די איינפיהרונג פון קאָלעקטיווען אגרימענט. דאָס איז אַן אַגרימענט, וואָס ארבייטער און אַרבייטס-געבער שליסען קאָלעקטיוו און וואָס בעשטימט די בעדינגונגען, אונטער וועלכע עס זאָל געארבייט ווערען אין אַ געוויסער אינדוסטריע.

## 2.—וואָס מיינט א קאָלעקטיווער אגרימענט?

א קאָלעקטיווער אגרימענט קען געשלאָסען ווערען צווישען איין ארבייטס־געבער און א קערפּערשאַפט פון ארבייטער — די קערפּערשאַפט קען זיין די ארבייטער פון זיין פעקטאָרי, אָדער א גאנצע טרייד יוניאָן, וואָס נעהמט אויך אריין די אר־בייטער פון זיין פעקטאָרי. דאָס איז אייגענטליך ניט קיין אמת'ער קאָלעקטיווער אגרימענט, ניט קיין פולער קאָלעקטייוער אגרימענט, ווייל בלויז איין צד איז א קערפּערשאַפט, דער אנדער צד איז אַן איינצעלנע פּערזאָן.

די פאָלקאָמענע פאָרם פון קאָלעקטיווען אגרימענט איז יענע, וועלכע ווערט געשלאָסען צווישען א קערפּערשאַפט פון ארבייטער און א קערפּערשאַפט פון ארבייטס־געבער, צווישען אַן אָרגאניזאציאָן און אַן אָרגאניזאציאָן.

די קאָלעקטיווע אגרימענטס זיינען די לעצטע יאָהרען גע־וואָרען א מעכטיגער אינסטרומענט אויסצוגלייכען דיפערענצען צווישען קאפּיטאַל און ארבייט. דערצו זיינען פאַראַן פיעלע אורזאכען. די ערשטע אורזאכע איז, וואָס מיט דער ענטוויק־לונג פון מאָדערנעם פּראָדוקציאָנס־סיסטעם איז די פּראָדוק־ציאָן געוואָרען אַלץ קאָמפּליצירטער, האָט אָנגענומען אַלץ א ברייטערע פאָרם, און וואָס ווייטער איז פאר די ארבייטער געוואָרען אַלץ נויטיגער צו פערהאנדלען געמיינשאפטליך מיט זייערע בעלי בתים, אום די לעצטע זאָלען זיך מיט זיי וויפיעל עס איז רעכענען אַלס א קראפט. פּנים אל פּנים מיט א מאָדערנער קאָרפּאָריישאָן אָדער מיט א מאָדערנעם גרויסען אונטערנעהמער איז דער איינצעלנער ארבייטער אבסאָלוט הילפלאָז. ער מעג לויט'ן געזעץ האָבען א רעכט צו שליסען קאָנטראַקטען. ער מעג האָבען דאָס געזעצליכע רעכט אָנצו־נעהמען אָדער צו ווארפען א דזשאב און ווידער איהם אָנצו־נעהמען אויף בעדינגונגען, וואָס פּאסען פאר איהם, אבער פאקטיש האָט ער ניט דאָס רעכט און ניט די מאכט דערצו. ווען אַן איינצעלנער ארבייטער לאָזט זיך ארויס זוכען א דזשאב, געדענקט ער, אָדער ריכטיגער, שטויסט ער זיך אָן אויף דעם פאקט, אז הונדערטער, טויזענדער און צעהנדליגע

טויזענדער אַרבייטער אַזוי ווי ער קוקען אויף אַרוים אויף דעם זעלבינען דזשאָב אָדער זיינע וויליג איהם אָנצונעהמען. עס וואָלט נאַטירליך געווען זעהר אונפּאַרזיכטיג געהאַנדעלט, ווען אַן אַרבייטער פון אַ געוועהנליכער אינדוסטריע זאָל קומען צו אַ מאַנופעקטשורער פרעגען אויף אַ דזשאָב און זיך אוועקשטעלען דיקטירען זיינע בעדינגונגען; יעדער אַרבייטער ווייס זיכער, אַז ווען ער טהוט עס, וועט ער קיין מאָל ביי קיין באָס קיין דזשאָב ניט בעקומען.

ווייטער. דער אַרבייטס-געבער איז געוועהנליך אין דער לאַגע צו קענען אויסוואַרטען; דער אַרבייטער ניט. פריהער פון אַלץ קען דער אַרבייטס-געבער גיכער בעקומען אַן אַרבייטער, וואָס זאָל איינגעהן אויף זיינע בעדינגונגען, ווי דער אַרבייטער אַן אַנדער דזשאָב. און ווען אפילו אין אַן אויסנאַהמס-פאַל וועט ער אַזוי גיך ניט קענען קריגען אַ מעהר נאָכגעביגען אַרבייטער, איז ער אָבער עקאָנאָמיש אַזוי געשטעלט, אַז ער קען וואַרטען. ער קען שפּיעלען אויף דער צייט. ער האָט ניט פאַר זיך דאָס פּראָבלעם: ווי לעבט מען דורך מאָרגענדיגען טאָג? לכל הפחות שטעהט פאַר איהם דאָס דאָזיגע פּראָבלעם קיינמאָל ניט אַזוי שאַרף ווי פאַר'ן אַרבייטער. דאַרום זיינען די כחות פוןביידע פערהאַנדלענדע צדדים — פון אַרבייטער און אַרבייטס-געבער — אין גרונד ניט גלייך. דער אַרבייטער, ווען ער פערהאַנדעלט אַלס איינצעלנע פּערזאָן, ווערט געשטעלט אין זעהר אַ שלעכטער לאַגע געגען אַרבייטס-געבער.

ווען אָבער, פון דער אַנדער זייט, די אַרבייטער פון איין שאָפּ, פון איין אינודסטריע טרעטען אויף אַלס איין פּערזאָן, אַלס איין קאָלעקטיווע פּערזאָן, דאַן ווערט די זאַך גאַנץ אַנדערש. דאַן ווערען דער אַרבייטער און דער אַרבייטס-געבער גלייכע צדדים ביים פערהאַנדלען. לאָמיר, צום ביישפּיעל, אָננעהמען, אַז אַ מאַנופעקטשורער נויטיגט זיך אין 200 אַרבייטער פאַר זיין פעקטאָרי, און אָננעמומען, אַז אָט די אַלע 200 אַרבייטער האַנדלען איינהייטליך, איינשטימיג, דורך אַן אָרגאַניזאַציאָן, און אָנגענומען אַז ער קען ניט ברעכען זייער אָרגאַניזאַציאָן, ווייל אַלע אַרבייטער אויסער זיין פעקטאָרי זיינען אויך אָרגאַניזירט, דאַן וועלען מיר האָבען, אונטער היינ־

טיגע בעדינגונגען, פון איין זייט דעם ארבייטס־געבער מיט זיין קאפּיטאַל, פעקטאָרי, מאַשינעריע, רויהען מאַטעריאַל, געלד, קרעדיט און מאַרק, אָבער וועלכער איז מיט דעם אַלעמען אָנגעוויזען אויף דער מעגליכקייט צו קענען ברענגען אין בעוועגונג אַט די אַלע זאַכען, אויף זיין פעהיגקייט צו פּראָדוצירען ארטיקלען פאַר'ן מאַרק. פון דער אנדער זייט, וועלען מיר האָבען א פעראייניגטע גרופּע ארבייטער, וועלכע פערמאָגען ניט די נויטיגע ארבייטס־אינסטרומענטען, בעזיצען אָבער די ארבייטס קראַפט, די פעהיגקייט צו ארבייטען. איין צד אונטער אַזעלכע אומשטענדען הענגט אבסאָלוט אָב פון אנדערען און אין גלייכער מאָס. דער ארבייטער איז הילפלאָז אָהן די מאָדערנע אינסטרומענטען, וואָס ער האָט ניט אין זיין בעזיץ. דער ארבייטס־געבער איז הילפלאָז אָהן די לעבעדיגע אינסטרומענטען, וואָס ברענגען אין בעוועגונג זיינע טויטע אינסטרומענטען, אָהן די ארבייטער. ווען מיר שטעלען זיך פאָר אַזאַ אידעאַלע לאַגע, דאַן קומען זיך ביידע פערהאַנדלענדע צדדים צונויף, בעוואָפענט מיט גלייכע רעכט און גלייכע מאַכט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען וואָלט דער ארבייטער, אַלס קאָלעקטיווע איינהייט, ניט נאָר לויט'ן געזעץ, נאָר טאַקע אויף אַן אמת געהאַט די מאַכט צו שליסען אַ ריכטיגען קאָנטראַקט מיט'ן ארבייטס־געבער. אָבער דאָס איז נאַטירליך דערווייל בלויז אַן אידעאַל — וואָס איז מעגליך נאָר דאַן, ווען מיר זאָלען אָננעהמען, אַז עס איז דאָ אַן אבסאָלוט פאָלשטענדיגע, גאַנצע, האַרמאָנישע אָרגאַניזאַציאָן פון ארבייטער, וועלכע האַנדלען ווי איין פּערזאָן. אין דער ווירקליכקייט איז אַזאַ פאַל אַ זעלטענהייט, אויב ער איז איבערהויפּט גאָר פאַראַן. אָבער וואָס נעהנטער די ארבייטער וועלען צוקומען צו דעם דאָזיגען אידעאַל, אַלץ מעהר מאַכט וועלען זיי ווייזען ביים פערהאַנדלען מיט די בעלי בתים.

פערהאַנדלען קאָלעקטיוו איז אונטער די איצטיגע אומשטענדען די איינציגע פאָרם ווי ארבייטער קענען פערהאַנדלען, און פון דער מאַכט פון דער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס שטעהט הינטער זיי, ווענדט זיך זייער מאַכט אַלס פערהאַנדלענדער צד. און מיר זעהען דארום, אַז אפילו אָהן סטרייקס און אָהן בּאָיקאָטס, נאָר מיט דער פעהיגקייט צו סטרייקס און באָיקאָטס,

האָבען ארבייטער־אָרגאניזאציאָנען, יוניאָנס, אין אַ סך פעלע דורכגעפיהרט קאָלעקטיווע אגרימענט מיט זייערע ארבייטס־געבער, געוועהנליך מיט אַ גאנצער גרופּע ארבייטסגעבער. און עס זיינען פאראן אָרגאניזאציאָנען, וואָס האָבען פאר יאָהרען און יאָהרען ניט געהאט קיין סטרייקס און קיין באָיקאָטס, דאַנק זייער שטארקער מיטגליעדערשאפט, גיט זיך זיי גע־וועהנליך איין דורכצופיהרען אויף גאנץ גינסטיגע בעדינגונגען אגרימענטס מיט זייערע ארבייטס־געבער.

אזוי, צום ביישפּיעל, די יונייטעד מיין וואָירקערס, אין אַן אינדוסטריע, וואָס איז זעהר גרויס און איז זעהר שוועך געוועזען צו אָרגאניזירען, האָט קיין סטרייק ניט געהאט זייט 1902; ד. ה. זייט 14 יאָהר ארבייטען איהרע מיטגליעדער אונ־טער קאָלעקטיווע אגרימענטס מיט זייערע ארבייטס־געבער, די מיין־בעלי בתים. די אגרימענטס ווערען בעפיט פון טערמין צו טערמין.

## 3.—דער דריטער צד צום קאָלעקטיווען אגרימענט.

פאראן נאָך אַ צד צום קאָלעקטיווען אגרימענט, אַ צד, וועמעס מאכט איז ביסלעכווייז אויסגעוואקסען פאר די לעצטע פאר צעהנדליג יאָהר, און דאָס איז דאָס פּובליקום. ווען מיר ריידען פון קאָלעקטיווע אגרימענטס, קענען מיר דענקען, אַז זיי ווערען געשלאָסען דורך דער געגענזייטיגער איינינונג פוןביידע צדדים, נאָכדעם ווי זיי האָבען אַ געוויסע צייט פער־האנדעלט צווישען זיך. אָבער אָפט איז פאר די צדדים שוועך צונויפצוקומען און דירעקט פערהאנדלען צווישען זיך. זיי האָ־בען געגענגעזעצטע אינטערעסען. זיי טראָגען אָפט אַ בייז הארץ איינער אויפ׳ן אנדערען, און זעהר אָפט איז כמעט אונ־מעגליך זיי צונויפצוברענגען פאר אַ דיסקוסיאָן וועגען די בע־דינגונגען אָדער פאר אַ פערזוך צו שליסען אַן אגרימענט. אין אַזעלכע פעלע טרעט אריין דער דריטער צד, וועגען וועלכען מיר האָבען גערעדט — דאָס פּובליקום מישט זיך אריין, און אָט די אריינמישונג פון פּובליקום ווערט אַלץ אָפטער און אָפטער אין אונזערע צייטען.

און די אורזאכע דערפון איז, וואָס דער פּראָצעס פון ארבייט איז געוואָרען אַלץ מעהר געזעלשאַפטליך, איז געוואָרען אַלץ מעהר אַן ארבייט פאַר דער געזעלשאַפט, אַ געזעלשאַפטליכע פונקציע, און דאָס ברייטע פּובליקום הויבט עס אָן אַלץ מעהר צו פערשטעהן. מיט אנדערע ווערטער, אין די אַלטע צייטען, ווען דער פּראָדוצירער איז געווען אַ בעל־מלאָכה פון קליינעם גראַד און האָט געוועהנליך געארבייט פאַר אַ ספּעציעלען קונד און פלעגט אויספיהרען די ארבייט פריהער פון אַלץ דורך אייגענע מיה, איז דער גאנצער עסק אָנגעגאנגען בלויז דעם בעל־מלאָכה און זיין קונד. ווען דעם לעצטען איז די ארבייט געפעלען, איז גוט און וואויל; ווען ניט, האָט דער קונד געהאַט צו איהם טענות. אָבער אונטער דעם איצטיגען סיסטעם פון פּראָדוצירען גרויסע מאַסען סחורה פאַר'ן מאַרק, ניט פאַר אַ ספּעציעלען געברויכער, נאָר פאַר דעם געברויכענדען פּובליקום, איז די פּראָדוקציאָן געוואָרען אַ זעהר וויכטיגע געזעלשאַפטליכע עובדא אָדער, ווי מען זאָגט, אַ געזעלשאַפטליכע פונקציע. לאָמיר נעהמען אַ קלאַס ארבייטער, וואָס איז זעהר שטאַרק פערטראָטען אין אונזער שטאָדט, די קליידער־ארבייטער — די פּראָדוצירער פון מענער־קליידער און פון פרויען־קליידער, וועלכע צעהלען זיך אין ניו יאָרק ארום 180 טויזענד, אויב ניט מעהר, מיט עטליכע טויזענד מאַנופעקטשורערס. זיינען אָט די ארבייטער און אָט די מאַנופעקטשורערס — און אונטער די איצטיגע אומשטענדען די מאַנופעקטשורערס מעהר ווי די ארבייטער — פערנומען מיט אַ העכסט וויכטיגער געזעלשאַפטליכער פונקציע. די געמיינדע האָט אויף זיי ארויפגעלעגט אַן אויפגאַבע און אַ פליכט צו פערזאָרגען די בעפעלקערונג ניט נאָר פון אונזער שטאָדט, נאָר נאָך מעהר פון לאַנד, מיט די נויטיגע קליידער־ארטיקלען, וועלכע זיינען אַזאַ וויכטיגער טהייל פון די לעבענס־נויטווענדיגקייטען.

מיר האָבען זיך אַזוי צוגעוועהנט צו בעטראַכטען אַלץ, יעדען ארטיקעל, אריינגערעכענט אפילו די, אָהן וועלכע מיר קענען ניט אויפהאַלטען אונזער לעבען, פאַר אַ סחורה צו האנדלען דערמיט, דאָס מיר האָבען אין גאַנצען פערגעסען, אַז דער ערשטער, דירעקטער און הויפּט־צוועק פון אַ בגד איז ניט ער

זאָל פערקויפט ווערען און אריינברענגען אימיצען פראָפיט, נאָר ער זאָל בעקליידען א מענשליכען קערפער.

איצט הויבט מען עס אָן צו בעגרייפען, און בעגרייפענדיג עס, איז דאָס פובליקום מעהר אָדער וועניגער געקומען צום שלום, אז די פראָדוקציאָן פון די ארטיקלען, וואָס זיינען לעבענס נויטווענדיגקייטען, און די מעטהאָדען, ווי אזוי זיי ווערען פראָדוצירט, זיינען ניט פראגען, וואָס דארפען בלויז אינטערעסירען איינצעלנע ארבייטס־געבער און איינצעלנע ארבייטער, וועלכע זיינען אריין אין אן אָבמאך צווישען זיך.

לאָמיר נעהמען א פאל פון א סטרייק, וואָס פערציהט זיך זעהר לאנג — צום ביישפיעל, דער קוילען מיינערס סטרייק אין 1902, וואָס האָט אָנגעהאלטען ארום פינף מאָנאטען. עס האָט ניט נאָר צו טהאָן געהאט מיט די מיינערס, וועלכע האָבען פערלאָרען אזויפיעל און אזויפיעל ווייזשעס; עס האָט ניט נאָר צו טהאָן געהאט מיט די מיין־אייגענטהימער, וועלכע האָבען פערלאָרען אזויפיעל און אזויפיעל פראָפיט; נור עס האָט אויך צו טהאָן געהאט מיט'ן פאָלק פון יונייטעד סטייטס, וואָס ברויכט אַנטראַציט, כדי ארויסצובעקומען פון איהם „קראַפט" אָנצוטרייבען די אינדוסטריען. עס זיינען אויך פאראן געגענדען, וואו יעדער איינער איז אָנגעוויזען אויף אַנטראַציט אין זיין הויזליכען געברויך. אויף אזא אופן זיינען דורך דעם סטרייק מיליאָנען מענשען פאראליזירט געוואָרען אין זייער טהעטיגקייט. דאָס זעלבע איז אויך לייכט איינצוזעהן אין פאל פון א גרויסען אייזענבאהן־סטרייק. און לאָמיר ווייטער זיך אומקעהרען צו אונזערע קליידער־ארבייטער. ווען עס זאָל אויסברעכען א סטרייק אין די פערשיעדענע צווייגען פון דער קליידער־אינדוסטריע און דער סטרייק זאָל זיך פערציהען אזוי לאנג, אז די אינדוסטריע זאָל ווירקליך פאראליזירט ווערען פאר א געוויסער צייט, וועט איהר גלייך איינזעהן, וואָס פאר אן ערנסטע פראגע דאָס וועט ווערען פאר'ן פובליקום, וואָס שטעהט אויסער דער אינדוסטריע, ווי נאָר עס וועט דערפיהלען דעם טעם פון ארומצוגעהן אָהן קליידער. און אזוי איז אויך פאקטיש מיט יעדער אינדוסטריע.

דאָס פובליקום איז ניט נאָר פעראינטערעסירט אלס גע־

ברויכער, וועלכע דארפען צאָהלען די פרייזען פאר די ארטיק־לען, און ניט נאָר, אין די קאָנדיציאָנען, אונטער וועלכע די אר־טיקלען ווערען אויסגעארבייט — צו אונטער געזונטע אָדער אונ־געזונטע קאָנדיציאָנען. א קלייד, וואָס ווערט גענעהט אין אן אָנגע־שטעקטער טענעמענט־הויז, ענטהאלט אין זיך מיקראָבען פון קראַנקהייטען. אלזאָ, דאָס פובליקום איז ניט נאָר פעראינטערע־סירט אַלס קונים און געברויכער, נאָר אויך פון מענשליכען, געזעל־שאפטליכען שטאנדפונקט. דאָס פובליקום איז פעראינטערע־סירט אויף פערשיעדענע אופנים. פריהער פון אַלץ אין דעם עס זאָל זיין גענוג אָנגעגרייטע, פּארטיגע ארטיקלען, וואָס זיינען לעבענס־נויטווענדיגקייטען. ווייטער, אַז די ארטיקלען זאָלען זיין פון גוטער קוואַליטעט. אבער נאָך מעהר איז דאָס פובלי־קום פעראינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון די ארביי־טער, וואָס פראָדוצירען די ארטיקלען, און ניט נאָר אויס מיט־לייד און וויכהערציגקייט, נאָר אויך אויס דעם גרונד, וואָס נאָך אַלעמען מאכען אויס די ארבייטער, — מענער און פרויען, — דעם גרעסטען טהייל פון דער נאַציאָן, און די פיזישע און גייסטיגע ענטוויקלונג און דער אַלגעמיינער צושטאנד פון דיזע מענער און פרויען רופען זיך אָב, אין לעצטען סך הכל, אויף דער בעפעלקערונג פון לאנד.

ווען מיר זאָלען צולאָזען, אז גרויסע טהיילען פון דער בעפעלקערונג זאָלען אראבקומען, זאָלען דעגענערירט ווערען פיזיש, מאָראַליש און גייסטיג צוליעב די אויסערגעווענליך שלעכטע בעדינגונגען אין די שעפּער און פעקטאָרים, שטעלען מיר אין געפאהר דאָס וואוילזיין פון דער געזעלשאפט און בעזונדערס פון די קומענדע דורות.

אָט דעם פאקט האָבען די פעלקער גענומען איינזעהן פער־העלטניסמעסיג נאָך גאָר ניט לאנג — זייט די פעקטאָרי־פראָ־דוקציאָן איז געקומען צו איהר איצטיגער שטופע; זייט דעם האָט דער אינטערעס פון פובליקום צו די בעציהונגען און קאָנ־פליקטען צווישען קאפיטאַל און ארבייט געהאלטען אין איין וואקסען. פון אָנפאנג האָט זיך אָט דער אינטערעס אויסגע־דריקט אין פרייוויליגער אריינמישונג. געזעלשאפטליך גע־שטימטע מענער און פרויען פלעגען פאָרשלאָגען זייער דיענסט

צונויפצובערענגען די צדדים אין סכסוך, צו מאכען שלום צווישען די קעמפּפענדע לאַגערען. ביסלעכווייז איז די עובדא פון צו־נויפברענגען ארבייטער און ארבייטס־געבער כדי צו פערמיידען אָדער צו ענדיגען אַ שווערען סכסוך געוואָרען אַזאַ וויכטיגקייט אין די אויגען פון פּובליקום, אז די רעגיערונג האָט עס אנער־קענט דירעקט אלס איהר אויפגאבע. ביי דער שטופע האלטען מיר איצט.

### 4.—מידיאיישאָן און ארביטריישאָן.

מען אונטערשיידעט איצט צוויי הויפּט־פאָרמען, ווי דאָס פּובליקום מישט זיך אריין אין די בעציהונגען צווישען קאפּי־טאַל און ארבייט, אָדער, אויב איהר ווילט, אין די קאָלעקטיווע פערהאנדלונגען צווישען די ארבייטס־געבער און ארבייטער. די ערשטע פאָרם איז מעדיאיישאָן (פערמיטלונג); די צווייטע — ארביטריישאָן (שיעדס־געריכט). די ביידע פאָרמען האָבען זיך ברייט פערצווייגט און שטארק זיך צוואוואקסען פאר די לעצטע 2 אָדער 3 יאָהר־צעהנדליגע.

אונטער מידיאיישאָן פערשטעהען מיר אַ פערזוך צו־נויפצוברענגען ביידע צדדים, די אר־ביטס־געבער און די ארבייטער, ניט געצוואונגענערהייד, און צו העלפען זיי קומען צו אן אויסגלייך. אַ מידיאייטאָר דארף ניט ענטשיידען איבער קיין שטרייט־פראגע; ער דארף ניט שטעלען זיין אורטייל און זיין בעגריף וועגען רעכט און גערעכטיג־קייט איבער דעם אורטהייל און בעגריעף פון די צדדים גופא. אלץ, וואָס אַ מידיאייטאָר דארף טהאָן, אין אונטערשיעד צו אן ארביטרייטאָר, איז צונויפצוברענגען די צדדים, צו מאכען זיי ריידען איינס צום אנדערען, ארויפצופיהרען זייער דיסקו־סיאָן אויף אַ וועג, וואָס פערשפּרעכט אם מעהרסטען ערפאָלג. אחוץ דעם האָט אַ מידיאייטאָר געוועהנליך שוין אַ שטיקעל ערפאהרונג אין אַזאַ סאָרט ארבייט. ער ווייס וועלכע פּונקטען אויסצומיידען; וועלכע פּונקטען, פערקעהרט, צו אונטערשטריי־כען. ער ווייס ווי צוצוקומען צו איין צד און ווייס ווי צוצו־

קומען צום אנדער צד. זעהר אָפט דיסקוטירט ער די פראגען מיט יעדען צד בעזונדער און ער זוכט אויסצוגעפינען ווי ווייט איין צד וועט געהן און ווי ווייט דער אַנדערער וועט געהן; וועלכע הנחות איינער און דער אַנדערער צד וועט זיין גרייט צו געבען, און ווען ער געפינט אויס, אז עס גֶעהט אויף אַ דרך, וועט ער ביידע צדדים צוזאמענברענגען.

מידיאיישאָן קען זיין אַ פּריוואטע און פון דער רעגיערונג. מיר האָבען גענוג ביישפּיעלע פוןביידע סאָרטען מידיאיישאָן אין אונזער רעפּובליק. מיר האָבען פערשיעדענע פּראָפעסיאָ־נעלע אגענטורען פאַר מידיאיישאָן, ווי די סיוויק פעדעריישאָן און טשיימבערס אָוו קאָמערס, אָדער האלב־פילאנטראָפּישע עפענטליכע אינסטיטוציאָנען, און מיר האָבען נאָך אַ גאנצע מחנה אזוי גערופענע „סאָשעל וואָירקערס", וואָס נעהמען זיך זעהר גערן פאַר אַזעלכע ארבייטען, און מיר האָבען נאָך די רעגיערונגס־אינסטיטוציאָנען.

## 5.—רעגיערונגס מידיאיישאָן.

אין 31 סטייטס פון דער רעפּובליק זיינען פאראן קערפּער־שאפטען ספּעציעל בעשאפען פון די סטייטס פאַר אַזעלכע צוועקען. געוועהנליך זיינען זיי בעקאַנט אַלס קאונסילס אָוו מידיאיישאָן ענד ארביטריישאָן. זיי בעשטעהען זעהר אָפט, פאקטיש אין די מעהרסטע פעלע, פון אַ פאָרשטעהער פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער פון סטייט, פון אַ פאָרשטעהער פון די אָר־בייטס־געבער און פון אַ פערטרעטער פון פּובליקום. געוועהנ־ליך איז דער דריטער דער קאָמישאָנער אָוו לייבאָר, ווען אַזאַ אמט איז איינגעפיהרט. אַזעלכע באָארדס טהוען זייער פער־מיטלונגס־ארבייט אָדער אויף דער אויפפאָדערונג פון איינעם פון די צדדים, אָדער מאנכעס מאָל אָהן אַ שום אויפפאָדערונג, ווען נאָר זיי דערוויסען זיך, אַז אַ סטרייק אָדער אַ לאָקאוט אָדער אַן אנדער סכסוך געהט אָן, אָדער זיי טרעטען אויף אין דער ראָלע פון בלויז מידיאייטאָרס. גענוי ווי די פּריוואטע מידיאייטאָרס, זוכען זיי צונויפצוברענגען די צדדים, אָדער זיי בענוצען זיך גאָר אָפט מיט אַן אנדער מעטהאָדע — מיט דער

מעטהאָדע פון צוואנג־אונטערזוכונג. אין פיעלע סטייטס ווערט די דאָזיגע אָפיציעלע מידיאייטאָרס געגעבען די מאכט אָבצו־האַלטען עפענטליכע פערהערען. זיי קענען ארויסרופען עדות, זיי קענען צווינגען די עדות, מאנופעקטשורערס אָדער ארביי־טער, צו ערשיינען פאר זיי און בעשטראָפען פאר ניט קומען. זיי קענען אויספרעגען די צדדים וועגען די שטרייט־פונקטען און דאן מאכען זייערע רעקאָמענדאציאָנען, פאָרמולירען זייערע שליסע, איבערלאָזענדיג צו די צדדים אָנצונעהמען אָדער צו פער־ווארפען זיי. דער געדאנק דערביי איז, אז אין אזעלכע פעלע וועט דער דרוק פון דער עפענטליכער מיינונג לטובת פון איין צד אָדער דעם אנדערען ארויסצווינגען א סעטעלמענט, פונקט ווי עס איז געווען דער פאל ביי דער קלאָוקמאכער יוניאָן בעת די לעצטע פערהערען פאר׳ן קאונסיל אָוו קאָנסיליאיישאָן. דאס איז אויך געווען א קערפערשאפט אָהן מאכט; זי האָט ניט געקענט ארויסטראָגען ענטשיידונגען, אָבער זי האָט געהאט דאס געהאט דורך דער געגענזייטיגער איינפערשטענדניס אויסצוהערען ביידע צדדים און צו פאָרמולירען רעקאָמענדאציאָנען, און וויי־טער איז עס געווען די מאָראלישע מאכט פון דיזער אונפאר־טייאישער קערפערשאפט, וועלכע האָט געצוואונגען אָדער בע־וועגט די צדדים אָנצונעהמען איהרע רעקאָמענדאציאָנען.

אין ניו יאָרק סטייט, צום ביישפיעל, איז דאס רעכט צו מאכען צוואנג־אונטערזוכונגען איבערגעגעבען געוואָרען צו א סטייט באָארד אָוו מידיאיישאָן; איך ווייס פון זעהר ווענינ ביי־שפיעלע, וואו זי האָט זיך מיט דעם רעכט בענוצט, אָבער דאס רעכט בעזיצט זי לויט איהר „סטאטוט“. אין ניו יאָרק סטייט, ווען א סטרייק האַלט ביים אויסברעכען אָדער איז שוין אויס־געבראָכען, קען יעדער צד זיך ווענדען צום לייבאָר־דעפארט־מענט אָדער צו דער אינדאָסטריעל קאָמישאָן און אויפפאָדערען זיי זאָלען זאָלען אראנזשירען אן עפענטליכען פערהער וועגען די סכסוך־פראגען און ארויסטראָגען רעקאָמענדאציאָנען. איך ווייס ווייטער בלויז וועגען צוויי ביישפיעלע, וואו אזעלכע צוואנג־אונטערזוכונגען זיינען פערבונדען געוועזן מיט צוואנג־מיטלען געגען די ארבייטער; ד. ה., נאָמינעל זיינען די מיטלען געווענדט סיי געגען די באָסעס און סיי געגען די ארבייטער,

אָבער פאקטיש בלויז געגען די ארבייטער. דער ערשטער איז דער קענעדיען טרייד דיספיוט עקט פון 1907, פערפאסט פון דעם בעוואוסטען מר. קינג, וועלכער איז איצט א מאכער אין דער ראקעפעלער־פאונדיישאָן; דער צווייטער איז דאָס קאָלאָראדאָ־געזעץ פון לעצטען יאָהר, וואָס האָט אויך די זעלבע טאַטעס, מר. קינג און מר. ראקעפעלער. דאָס געזעץ שרייבט פאָר אין פערבינדונג מיט צוואנג־אונטערזוכונג, אז קיין סטרייק אָדער לאקאוט טאָר ניט ארויסגערופען ווערען, סיידען אָן אָפיציעלע מעלדונג ווערט געגעבען מיט א געוויסער צייט פאָרא׳ים (דאכט זיך, דרייסיג טעג). מיט אנדערע ווערטער, דאָס מיינט, אז כאָטש דאָס איז ניט קיין צוואנג־ארביטריישאָן, ציעלט עס דאָך פאקטיש צו דעם ניט צו דערלאָזען ניט צו קיין לאקאוטס און ניט צו קיין סטרייקס. נאַטירליך, די דרייסיג טעג נאָטיס איז ווייט ניט אזוי וויכטיג פאר די באָסעס, ווי פאר די ארבייטער. ווארים, וואס שייך סטרייקס, בערעכענט גאָר, וואָס דאָס מיינט פאר אן ארבייטער יוניאָן, צו געבען, לאָמיר זאָגען, מיט 30 טעג פריהער נאָטיס דעם באָס, אז אין דעם און דעם טאָג פון יאָהר גהען זיי ארויס אין סטרייק און „דערווייל, מיסטער באָס, גרייט זיך צו“. געוויס, אין די מעהרסטע פעלע מיינט עס א זיכערע ניעדערלאַגע פאר די יוניאָנס. דאָס איז נאָך מעהר אונגערעכט דערמיט, וואָס די רעגיערונג היט זיך גלייכצייטיג צו געברויכען צוואנג — דירעקטען אָדער איג־דירעקטען — געגען באָס.

ווען, צום ביישפּיעל, דאָס געזעץ וואָלט פאָרגעשריבען, אז די צוואנג־אונטערזוכונג זאָל זיך ענדיגען מיט א בעשטימטער ענטשיידונג וועגען וויידזשעס, ארבייטס־שטונדען און ארבייטס־קאָנדיציאָנען און די באָסעס זאָלען זיין פערפליכטעט אויסצופאָלגען אָט די ענטשיידונג, וואָלט מען געקענט אפשר צווייפלען אין דער ראטהזאמקייט פון אזא געזעץ, אָבער מען וואָלט זיך ניט געקענט בעקלאָגען אויף זיין איינזייטיגקייט. אָבער דאָ ווי די זאך שטעהט, איז דער באָס ניט פערפליכטעט אָנצונעהמען די ענטשיידונג, אָבער גלייכצייטיג ווערט די ארבייטער פערווערט צו סטרייקען און צו באָיקאָטירען — אונטער געלד־שטראָף אָדער פערהאפטונג.

איך ווייס ניט פון קיין אנדער סטייט אָדער פון קיין אנדער לאנד, וואָס זאָל האָבען דורכגעפיהרט אָדער דולדען אזא געזעץ.

6.—ארביטריישאָן — פריוווילליגע און געצוואונגענע.

ביז אהער האָבען מיר אלץ גערעדט וועגען פערשיעדענע פאָרמען פון מידיאיישאָן, וועגען פראָבען צו ברענגען צו אַן איינפערשטענדניס ביידע צדדים, — מיט דער פריוווילליגער צו־שטימונג פון זיי גופא. ארביטריישאָן איז שוין אַ גאנץ אנדער זאך. די ארביטריטאָרס ווערט געגעבען די מאכט ניט נאָר אויסצוהערען די צדדים, נאָר אויך צו בעשליסען איבער דעם סכסוך גופא און ארויסצוטראָגען אַן ענטשיידונג, וואָס זאָל זיין בינ־דענד פאַר ביידע צדדים.

און דאָך, ארביטריישאָן קען אויך זיין פריוואטע, און ווייע־דער אַ מאָל רעגיערונגס־ארביטריישאָן.

וואָס שייך פריוואטע ארביטריישאָן, קענט איהר זיך פאָר שטעלען וואָס דאָס מיינט. פריוואטע ארביטריישאָן איז ווען די ארבייטס־געבער און די ארבייטער שטימען איין איבערצו־געבען זייער סכסוך צו אַ דריטען צד און צו זיין געבונדען מיט דער ענטשיידונג פון דעם דריטען צד, מעג ער בעשטעהן פון איין, דריי, צוועלף אָדער וויפיעל ניט איז פערזאָנען. אַן אר־ביטריישאָן־אגרימענט ענטהאלט געוועהנליך פאָלגענדע פונק־טען: די ארביטרייטאָרס ווערען בעפאָלמעכטיגט אויסצוהערען ביידע צדדים און אויסצוהערען זייערע בעווייזע, און דאַן אויך ארויסצוגעבען ענטשיידונגען. עס ווערט אויך געוועהנליך אויסגעשריבען, אז די ענטשיידונגען דארפען ארויסגעגעבען ווערען אין אַ בעשטימטער צייט און אז די צדדים פערפליכטען זיך די ענטשיידונג אָנצונעהמען און איהר נאָכצוקומען וועניג־סטענס אין אַ משך פון אַ בעשטימטער צייט — אַ געוויסע צאָהל חדשים אָדער יאָהרען, עפּטער אַ געוויסע צאָהל יאָהרען.

רעגיערונגס־ארביטריישאָן אונטערשיידעט זיך ניט אין פּרינציפּ פון פריוואטע ארביטריישאָן. ווען דאָס איז פריי־ווילליגע רעגיערונגס־ארביטריישאָן—ד. ה. ווען די צדדים האָבען

די ברירה זיך צו ווענדען צו דער רעגיערונג צו ניט — איז דער איינציגער אונטערשיעד צווישען פּריוואַטער און רעגיערונגס־אַרביטריישאָן, דאָס אין ערשטען פאַל קלייבען די צדדים אַליין אויס די ארביטרייטאָרס, אין צווייטען פאַל זיינען זיי אַלע מאָל דאָ גרייטע. זיי זיינען בעשטימט פון סטייט, מעהרסטענס פון גאָווערנאָר און מעהרסטענס זיינען דאָס די מיטגליעדער פון באָארד אָוו מידיאיישאָן און ארביטריישאָן פון סטייט. אַלעס איבעריגע איז דאָס זעלביגע ביי פּריוואַטע און רעגיערונגס־אַר־ביטריישאָן, מעהר נישט וואָס רעגיערונגס־ארביטריישאָן איז אַ ביסעל מעהר פאָרמעל, און זעהר אָפט ווערט פאַרגעשריבען, אַז אין פאַל אַן ענטשיידונג ווערט ארויסגעגעבען, דאַרף זי אַריינגעטראָגען ווערען אין אַ קאָורט, געוועהנליך אין אַ סטייט קאָורט, וואו זי בעקומט די קראַפט פון אַ קאָורט ענטשיידונג, וועלכע קען ארויפגעצוואונגען ווערען דורכ׳ן געזעץ אָדער אין דער פאָרם פון אַ קאָורט־בעפעהל אָדער אין דער פאָרם פון אַן אינדזשאָנקשאָן, און דאָס מיינט אויך, אַז אונטער געוויסע אומשטענדען קען די געשיכטע זיך ענדיגען מיט געלד־שטראָף אָדער געפענגנים. אָבער קיין צד איז דאָך ניט מחויב צו ווענדען זיך צו ארביטריישאָן, ווען ער וויל עס ניט אַליין.

אין געגענזאַץ צו דעם מעטהאָד איז נאָך פאַרהאַן אַן אַנדערער — דאָס איז געצוואונגענע רעגיערונגס־ארביטריישאָן. דער מעטהאָד איז זעהר שטארק אין געברויך אין פערשיעדענע סטייטס פון אויסטראַליען. ער איז אויפגעקומען זייט די לעצטע צוואנציג יאָהר, אָדער אין דעם ערך. און אָט אין וואָס ער בעשטעהט: צו אַלעם ערשט האָבען די יוניאָנס פון לאַנד די ברירה צו אונטערוואַרפען זיך אָט דעם געזעץ אָדער ניט. אַניב זיי אונטערוואַרפען זיך יא, דאַרפען זיי זיך רעגיסטרירען; דאַן זיינען זיי רעגיסטרירטע יוניאָנס און אַלס רעגיסטרירטע יוניאָנס האָבען זיי ניט קיין רעכט ניט צו סטרייקען און ניט צו ערקלעהרען באָיקאָטס און זייערע באָסעס וויעדער האָבען קיין רעכט ניט צו מאַכען אויף זיי לאַקאַוטס, נאָר יעדער סכסוך, וואָס קומט אויף צווישען זיי, דאַרף, אונטער געלד־שטראָף אָדער געפענגנים, איבערגעגעבען ווערען צום סטייט באָארד אָוו אַר־ביטריישאָן. דער סטייט באָארד אָוו ארביטריישאָן הערט אויס

ביידע צדדים וועגען סכסוך, הערט אויס עדות און גיט ארויס אַן ענטשיידונג, וואָס איז בינדענד פאר ביידע צדדים פּונקט ווי אַ געזעץ און ווערט דורכגעפיהרט מיט דער קראַפט פון געזעץ.

## 7.—ארביטריישאַן אין אויסטראַליען.

ווען מי׳ בעטראכטען דיזען מעטהאָד פון געצוואונגענער ארביטריישאַן, קומט ער אונז נאַטירליך פאַר אזוי אונגערעכט, אזוי טיראַניש געגען די ארבייטער, דאָס מיר וואונדערען זיך, ווי אזוי די אויסטראַלישע ארבייטער האָבען עס ערלויבט די דורכפיהרונג פון אזא געזעץ, אָדער ווי אזוי האָבען זיי עס געדולדעט. דעם דורכשניטליכען אמעריקאנער ארבייטער — און ווען איך זאָג: „אמעריקאנער ארבייטער“ מיין איך דערמיט יעדען ארבייטער, וואָס איז בעשעפטיגט אין ארבייט אין אמעריקא — דעם אמעריקאנער ארבייטער וועט זיין צו־ווידער אפילו דער געדאנק, אז דער סטייט קען איהם פערוועהרען צו ערקלערען אַ סטרייק אָדער אַ באָיקאָט, אז דער סטייט קען איהם צווינגען איבערצוגעבען זיינע סכסוכים מיט׳ן באָס צו אַ קאָורט און ער זאָל מוזען פאָלגען די ענטשיידונג פון קאָורט, צי ער וויל צי ער וויל ניט, צי די ענטשיידונג איז גערעכט צי ניט. דאָך, די ארבייטער פון אויסטראַליען האָבען אַם מעהרסטענס געארבייט פאַר׳ן דורכפיהרען אָט דעם געזעץ. פאַר וואָס? ווייל די בעדינגונגען דאָרט זיינען גאַנץ פערשיעדען פון די בעדינגונגען דאָ. אין אויסטראַליען האָט די ארבייטער־פּארטיי, וועלכע איז אין מאַנכע סטייטס די מעכטיגסטע, די רעגיערונגס־פּארטיי, אָנגעהויבען ארויסצואווייזען איהר קראַפט אונגעפעהר מיט אַ דור צוריק. די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון לאַנד איז צו יענער צייט ניט געוועזען זעהר הויך. נאָך היינט צו טאָג איז דיווירטשאַפט פון לאַנד דאָרט אַ ווירטשאַפט פון קליינע אינדוסטריען, אין פערגלייך מיט די אינדוסטריען פון אונזער לאַנד. די אויסטראַלישע ארבייטער האָבען געהאַט פערשיעדענע גרויסע סטרייקס און האָבען די אַלע סטרייקס פערשפּיעלט. עס איז בכלל מעהר וואהרשיינליך, אז אַ סטרייק זאָל געלינגען אין אַ גרויסער אינדוסטריע, וואו עס זיינען פאַ־

ראן גרויסע מאסען ארבייטער און דער מאנופעקטשורער, אום אָנצוגעהן מיט זיין פעקטאָרי, נויטיגט זיך אין גרויסע מאַסען אר־בייטער, איידער אין אַן אינדוסטריע, וועלכע איז צואוואָרפען איבער אַ גרויסער צאָהל קליינע אונטערנעהמונגען. דארום וועט איהר זיכער. געפינען זיעגרייכע סטרייקס אין דער ריעזיגער פעקטאָרי־אינדוסטריע, איידער ביי די וויימערס און בארבערס אין ניו יאָרק סיטי, צום ביישפיעל.

אין אויסטראַליען זיינען די סטרייק־בעדינגונגען ניט זעהר גינסטיג פאר די ארבייטער. זיי האָבען געהאט איינעם נאָכ'ן אנדערען פיער גרויסע סטרייקס — יעדער סטרייק פלעגט זיך צוּוואַקסען און אָנהאַלטען מאָנאַטען און מאָנאַטען, אָבער יעדער פון זיי פלעגט זיך ענדיגען מיט אַן אבסאָלוטען, צושמע־טערענדען דורכפאַל פאר די ארבייטער. יעדעס מאָל האָבען די ארבייטער פאַרגעשלאָגען ארביטריישאָן צו די באָסעס און יענע האָבען רק אָבגעזאָגט זיך פון ארביטריישאָן. זיינען די ארבייטער געקומען צום שלום, אז אונטער זייערע לאָקאַלע בעדינגונגען ווע־לען די באָסעס אַלע מאָל האָבען די אויבער־האנד איבער זיי, אין יעדען צוזאמענשטויס צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, און זיי קענען דארום זיך ניט פערלאָזען אין גאנ־צען אויף זייער עקאָנאָמישער מאכט. זיי קענען ניט זיין אָנ־געוויעזען בלויז אויף סטרייק און באָיקאָט, אלס זייערע וואָ־פען, — זיי נויטיגען זיך דעריבער אין דער הילף פון שטאאט, אין דער הילף פון דער רעגיערונג פאר זייערע קעמפפע, און זיי האָבען דעריבער געפאָדערט און אויסגעפיהרט געצוואונ־גענע ארביטריישאָן. דאָס, נאַטירליך, לעגט ארויף אַ פערבאָט אויף סטרייקס און באָיקאָטס, דאָס מיינט אָבער מעהר. דאָס מיינט, אז אונטער דעם געזעץ איז די רעגיערונג בערעכטיגט און בעפאָלמעכטיגט און פאקטיש אויך דירעקט געצוואונגען צו אונטערזוכען די וויידזשעס און צו בעשטימען לכל הפחות אַ מיניסום־וויידזש אין יעדער אינדוסטריע, וואו עס איז נאָר פאָרגעקומען אַ סכסוך. אויף איהר ליעגט אויך צו בעשטימען דעם מאקסימום ארבייטס־שטונד־ען אין אַזעלכע אינדוסטריען און אנדערע ארבייטער־רעכטע. אויסער דעם דאַרף די רעגיע־רונג אין אַלע פעלע פון געצוואונגענער ארביטריישאָן געבען

פאָרצוג צו אָרגאַניזירטע ארבייטער; דאָס איז אַ טהייל פון געזעץ. דער פאָרצוג דאַרף צוערשט געגעבען ווערען — ווי אין געוועזענעם קלאָוקמאַכער־פּראָטאָקאָל—ביים אָנשטעלען אר־בייטער. ווען אַ יוניאָן מאַן און אַ ניט יוניאָן מאַן באַטען זיך אָן פאר אַ דזשאָב, איז דער יוניאָן מאַן בערעכטיגט צו אַ פאָרצוג געגען דעם ניט יוניאָן מאַן. דער פּונקט איז שפּעטער אַמענ־דירט געוואָרען אין דעם זין, אַז אַ פאָרצוג זאָל געגעבען ווערען דעם יוניאָן מאַן אין אַלע פעלע, דורך און דורך, ביים אָנשטעלען, בעשעפטיגען און ביים איינטהיילען די ארבייט, ווען עס איז ניטאָ גענוג ארבייט פאר אַלע ארבייטער. ביים בעשעפטיגען און אָנהאַלטען דעם דזשאָב איז דער יוניאָן מאַן דער ערשטער אין דער רייה; ווען מענשען ווערען ענטזאָגט, איז דער ניט יוניאָן מאַן דער ערשטער אין דער רייה ארויסגעפייערט צו ווערען.

איהר זעהט, די אויסטראַלישע ארבייטער האָבען, ערש־טענס, געקראָגען עטוואָס זעהר בעשטימטעס, אנשטאָט זייער רעכט צו סטרייקען; צווייטענס, און דער עיקר, זיי האָבען אָנגעווענדעט זייער גאַנצע פּאָליטישע קראַפט דורכצופיהרען, אַז די בעאַמטע, וואָס וועלען זיצען אין די באָארדס אָוו ארבי־טריישאָן צו ענטשיידען איבער אַזעלכע פעלע, זאָלען זיין עהרליך און גערעכט צו זיי, צו די ארבייטער. אָט וואָרום די אויסטראַ־לישע ארבייטער און זייערע פאָרשטעהער אין די לעדזשיסלייַ־טשורס זיינען אַזוי פעסט בעשטאַנען אויף געצוואונגענער אר־ביטריישאָן, בעת די קאַפּיטאַליסטען זיינען געווען געגען דעם.

### 8.—ארביטריישאָן אין יונייטעד סטייטס — דער „פּראָ־טאָקאָל“.

ביי אונז אין יונייטעד סטייטס איז דער פאַל פּונקט פּער־קעהרט, און צוליעב זעהר אַ פּערנינפטיגען גרונד. אז מיר וואָלטען דאָ געהאַט געצוואונגענע ארביטריישאָן, דאָס מיינט רעגיערונגס־ארביטריישאָן דורך איהרע פון איהר בעשטימטע אגענטען, אז די ענטשיידונגען פון די ארביטרייטאָרס וואָלט געווען ענדגילטיג, און ביי די ארבייטער וואָלט אבסאָלוט אוועק־גענומען געוואָרען דאָס רעכט צו סטרייקען אין אַ גרויסער מעהר־

הייט פון פעלע, ווייסען מיר גאנץ גוט, אז אזוי ווי קאפּיטאַ־ליסטישע, באַסישע אינטערעסען הערשען אין די סטייט־רעגיע־רונגען, וואָלט עס זיך אויסגעלאָזען פונקט פערקעהרט ווי אין אויסטראַליען. דאָרט האָט זיך דער ווייזער פון גערעכטיגקייט א ביסעל א בויג געטהאָן לטובת די ארבייטער, אזוי וועט דאָ דער ווייזער פון גערעכטיגקייט גאנץ שטארק זיך א קעהר טהאָן לטובת די קאפּיטאַליסטען.

ווייטער, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דער סטרייק א פיעל מעכטיגערער וואפען אין די הענד פון דעם אמעריקאנער ארבייטער, וועלכער איז בעשעפטיגט אין אן אונגעהייערען פעקטאָרי־סיסטעם, איידער אין די הענד פון אויסטראַלישען ארבייטער, וועלכער איז דערוויייל נאָך פערנומען אין קליין־אינדוסטריע.

דאָס זיינען די געוועהנליכע פאָרמען פון קאָלעקטיווע פער־האנדלונגען צווישען באָסעס און ארבייטער און אויך פון דעם פּובליקום'ס אריינמישען זיך אין זיי דורך פרייוויליגע אָדער געצוואונגענע מידיאיישאָן אָדער ארביטריישאָן.

א ספּעציעלע פאָרם פון קאָלעקטיוון אָבמאך האָט זיך ענטוויקעלט אין די קליידער־אינדוסטריען פון דיעזען לאנד. איך מיין דאָ דעם פּראָטאָקאָל. מיר זיינען געוועהנט צו קוקען אויפ|ן פּראָטאָקאָל ווי אויף עטוואָס א בעזונדערע איינפיהרונג, וואָס מיר אליין האָבען ענטדעקט, און וואָס לאָזט זיך נאָר אָנ־ווענדען אויף די קליידער־אינדוסטריען, הויפּטזעכליך אויף די קלאָוקמאכער און ווייסט און דרעס מאכערס.

אין דער אמת'ען אָבער איז ניי אין דעם פּראָטאָקאָל, ער־שטענס, דער נאָמען, צווייטענס, איניגע זייטיגע שטריכען. א פּראָטאָקאָל איז ניט מעהר ווי א געוויסע פאָרם פון א טרייד־אגרימענט, דער רעזולטאַט פון קאָלעקטיווע פערהאנדלונגען, צו־געפּאסט צו א ספּעציעלער אינדוסטריע; אן אגרימענט צווישען א קערפּערשאפט פון ארבייטער, אָרגאניזירט פאר זיך, און א קערפּערשאפט פון מאנופעקטשורערס, אָרגאניזירט אין אן אסאָ־סיאיישאָן, אן אגרימענט, וואָס בעשטימט די קאָנדיציאָנען אין א בעשטימטער אינדוסטריע.

וואָס איז די ספּעציעלע אייגענאַרטיגקייט פון פּראָטאָ־

קאַל? די דאָזיגע ספּעציעלע אייגענאַרטיגקייט איז אַרויס־געוואַקסען פון די ספּעציעלע אייגענשאַפטען פון דער קליידער־אינדוסטריע, וואָרים די קליידער אינדוסטריע, בעזונדערס די פרויען־קליידער אינדוסטריע, פערמאָגט אַזעלכע אייגענ־שאַפטען, וואָס טרעפען זיך אין קיין אַנדער אינדוסטריע.

דיעזע בעזונדערע אייגענשאַפטען גיט דער אינדוסטריע צוערשט דער כאַראַקטער סיי פון די אַרבייטער און סיי פון די מאַנופעקטשורערס. די אַרבייטער זיינען מעהרסטענס „גרינע“ אין לאַנד, פרעמדע, שוואַכע. אַ גרויסע צאָהל פון זיי, אין אייניגע אינדוסטריען די גרויסע מאַיאָריטעט, זיינען פרויען. די מאַנופעקטשורערס זיינען געווענע פון זעלבען סאָרט מענשען, מיט דעם חלוק, וואָס זיי האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט פון אָרימ־קייט אין אייניגע פעלע צו רייכטהום, אין אַנדערע פעלע צו זעהר אַ בעשיידענעם פערמעגען. און זיי האָבען אַריינגעטראָגען אין זייער ביזנעס די זעלבע פּסיכאָלאָגיע, וואָס זייערע אַרבייטער, מיט דעם חלוק, וואָס זיי האָבען צו איהר נאָך צוגעגעבען זייער ענטשלאָסענהייט אָנצוזאַמלען רייכטהום. די צוזאַמענ־שטויסע צווישען די ביידע קלאַסען דאַרפען דאַרום זיין עפּטער און אפשר אויך שטאַרקער און שאַרפער, ווי אין אַנדערע אינ־דוסטריען.

ווייטער, א חוץ די ריין פּסיכאָלאָגישע סבות, זיינען נאָך פאַרהאַן וויכטיגערע, טיעפערע סבות, וואָס מאַכען די אינדוס־טריע אַזוי פערפלאָנטערט, אַזוי פערשיעדען פון אַנדערע אינ־דוסטריען.

ערשטענס, דער סיזאָן־כאַראַקטער פון דער אינדוסטריע. עס זיינען פאַרהאַן וועניג אַזעלכע אינדוסטריען אין דיעזען לאַנד, וואו די אַרבייט זאָל אָנגעהן אַזוי אונרעגולער, ווי אין דער קליידער אינדוסטריע און בעזונדערס אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע, ווייל פריהער פון אַלץ איז די אינדוסטריע פערבונדען מיט סטיילס, און סטיילס זיינען קאַפּריזנע און אונ־בעשטימט. די אַרבייטער אין די דאָזיגע אינדוסטריען זיינען דאַרום אַלס כלל בלויז האַלב בעשעפטיגט; אַ העלפט פון זייער אַרבייטס־יאָהר פערברענגען זיי אין אַרבייטסלאָזיגקייט.

וואָס קומט דערפון אַרויס? פערשיעדענעס. די פראַגע

וועגען פערטהיילען די ארבייט ווערט מאָדנע וויכטיג אין די דאָזיגע אינדוסטריען. אין די אלע סכסוכים צווישען באָסעס און ארבייטער אין די פערשיעדענע נאָדעל־אינדוסטריען האָט איהר געהאט אזוי פיעל צו הערען וועגען דער פראגע פון גלייכער פער־טהיילונג פון ארבייט.

9.—גלייכע פערטהיילונג פון ארבייט, דיסטשארדזש און פרייז קאָמיטעס.

אנדערשוואו האָט איהר אזוינס ניט געהערט. איהר קענט ריידען און ריידען מיט א מיטגליעד פון דער בריקלייערס אָדער קארפּעטערס יוניאָן, דעם אויסדרוק וועט איהר ביי איהם ניט כאפּען, ער פערשטעהט איהם אפשר גאָרניט. ער וועט ניט וויסען וואָס דאָס מיינט אזוינס: „גלייכע פערטהיילונג פון דער ארבייט". איהר קענט דיסקוטירען מיט אַן ארבייטער פון וועלכער עס איז אינדוסטריע, וועלכע איז מעהר אָדער וועניגער פעסט, בעשטענדיג און גלייכמעסיג פערטהיילט דורכ'ן יאָהר. איהר וועט זיך ניט אָנשטויסען אויף אזא פּראָבלעם.

פאר ארבייטער, וואָס האָבען בלויז זעקס מאָנאט ארבייט אין יאָהר, און די זעקס מאָנאט זיינען צוטהיילט אין צוויי פערשיעדענע פּעריאָדען, די אזוי גערופענע „סיזאָנס", און צווישען אָט די סיזאָנס איז דאָ זעהר וועניג ארבייט, אָדער ריכטיגער, פאר ארבייטער, וועלכע האָבען דורכ'ן יאָהר צוויי שארפע סיזאָנס, וואָס האלטען אַן צוזאמען אפשר ניט מעהר ווי פיער מאָנאטען, און אין דער צווישען־צייט האָבען זיי זעהר וועניג ארבייט, אָדער גאָר קיין ארבייט ניט, פאר אזעלכע ארבייטער איז די הויפּט־וויכטיגסטע, דרינגענדסטע פּראַ־גע, ווי צו קריגען אזוי פיעל ארבייט ווי מעגליך אין דער צווישען־צייט, ווייל עס איז ניטאָ פאר איהם אזא זאך ווי א צווישען־בעשעפטיגונג. ער קען ניט דערווייל איבערגעהן אין אַן אנדער אינדוסטריע. ער איז פער'קנס'ט צו דער אינדוס־טריע. ער איז אָהנמעכטיג און הילפלאָז אין אנדערע אינדוס־טריען. די פראגע ווי צו פערדיענען עטוואָס צווישען די סיזאָנס איז געוואָרען פאר איהם א פראגע פון לעבענס־וויכטיגקייט. דאָ האָט איהר איינע פון די קאָנדיציאָנען, וואָס כאראקטערי־

זירען די קליידער אינדוסטריע און וואָס איהר טרעפט ניט אין אנדערע אינדוסטריען. און דאָ איז נאָך איינע.

די גלייכע פערטהיילונג פון ארבייט וואָלט געווען אַ טויטער בוכשטאב, ווען דער ארבייטס־געבער וואָלט געהאט דאָס אונבעגרענצטע רעכט אָבצוזאָגען אָן ארבייטער. לאָמיר זאָגען, אז אַ מאנופעקטשורער האָט אין ביזי סיזאָן געהאט ארבייט פאר 100 הענד, און אין סלעק האָט ער דורכשניטליך ארבייט נאָר פאר אַ 30—40 פערזאָן און ער בעקומט דאָס רעכט אָבצוזאָגען אַ 60—70 ארבייטער, כדי צו קענען בעשעפטיגען די איבעריגע כסדר, דאן איז קיין פראגע ניטאָ פון גלייכער פערטהיילונג פון ארבייט. פאר די, וואָס פערבלייבען אין שאפ, האָט דאָס וואָרט קיין זין ניט, ווייל זיי וועלען דאָך זיין בעשעפטיגט דורך דער גאנצער צייט; און פאר די ארויסגעוואָרפענע האָט די פערטהיילונג פון ארבייט נאָך וועניגער זין, ווייל זיי האָבען דאָך קיין ארבייט ניט, וואָס צו פערטהיילען, ניט גלייך און ניט ניט־גלייך. אזוי איז איין פונקט פערקניפּט מיט'ן אנדערען. די גלייכע פערטהיילונג פון ארבייט מיינט צו גלייכער צייט, אַז די ארבייטער בלייבען ביי זייערע דזשאבס, וועניגסטענס צווישען די סיזאָנען. און דאָס איז די צווייטע בעזונדערע פאָדערונג פאר די דאָזיגע אינדוסטריען — די פאָדערונג פון „אונבעריהרליכקייט" געגען דעם דעספּאָטישען באָסישען רעכט צו ענטלאסען. קיין ענטלאסונגען, סיידען פאר גאָר בעשטימטע אורזאַכען, בעזונדערס אין דער סלעק צייט.

דאָס זיינען צוויי אייגענאַרטיגע שטריכען פון דיעזע אינדוסטריען. פאראן נאָך אַ דריטער שטריך, פונקט אזאַ וויכטיגער. די ארבייטער אין דיעזע אינדוסטריען האָבען ריכטיג ארבייט בלויז אין פערלויף פון עטליכע מאָנאטען דורכ'ן יאָהר, דארפען זיי איז אָט די פּאָר מאָנאטען זיך אָנגרייטען אויף צום לעבען אַ גאנץ יאָהר. וועניגע געלינגט עס, אָבער יעדער איינער פערמעסט זיך אויף דעם. ווי אזוי וויל ער עס דערגרייכען? ער קען עס דערגרייכען בלויז אויף איין וועג: ער זאָל אין פערלויף פון די קורצע סיזאָנס פערדיענען פערהעלטניסמעסיג גוטע, הויכע וויידזשעס. און דאָס קען ער ניט אויספיהרען ארבייטענדיג פון דער וואָך. איהר ווייסט דאָך

אַלע געווים די מעשיות פון די קלאָוקמאכער, וואָס מאכען 50, 60 דאָלאר א וואָך. ער מאכט עס אַן ערך צוויי וואָכען אין יאָהר. און ווען ער מאכט עס, גלויבט ער טאקע באמת, אז ער פערדיענט 50 דאָלאר א וואָך, און די באָסעס גלויבען אויך אזוי. און עס ווערט אַן אַלגעמיינער גערייד וועגען דעם, אז ער מוז קריגען די געלעגענהייט צו פערדיענען 50 דאָלאר א וואָך, זאָל זיין נאָר 2—3 וואָכען דורכ'ן יאָהר, ווייל עס וועלען באַלד קומען וואָכען, וואו ער וועט פערדיענען נאָר 40 און 30 דאָלאר, און שפּעטער אהין וואָכען, וואו ער וועט פערדיענען נאָר 5 און 3 דאָלאר א וואָך און נאָר נישט אויך.

דאָס זעלבע גילט אויך פּאַר אנדערע טריידס. איהר קענט קיינמאָל ניט פּועל'ען ביי א באָס, ער זאָל אייך צוגעבען, אז ווען אַן ארבייטער ארבייט אוים זיין פולע צייט און נאָך אָווער־טיים דערצו, דארפען זיינע וויידזשעס אויסמאכען 40, 50 דאָלאר א וואָך. דאָס איז אבסאָלוט געגען זיין בעגריף, געגען זיין נאַטור. דערפאַר זוכט דער ארבייטער, אום צו מאכען זיינע גרויסע, פּאבעלהאפטע וויידזשעס 3 וואָכען אין יאָהר, צו אַר־בייטען פון שטיק, וואָס פערשטעלט אזוי צו זאָגען פון באָס' אויג דעם סך הכל פון זיינע, דעם ארבייטער'ס, פערדיענסטען פאַר דער וואָך. דאָס, ווי עס שיינט, איז דער אַלגעמיינער גלויבען פון די ארבייטער אין דער אינדוסטריע און דער גרונד, ווארום זיי גיבען אזא פּאַרצוג צו שטיק־ארבייט. און די מע־טהאָדע פון ארבייט איז אויך בעקוועם פאַר די ארבייטס־געבער, ווייל זי פּאסט זיך בעסער צו צו דעם כסדר זיך ענדערענדען כאראקטער פון דער ארבייט און צו דער כסדר זיך ענדערענדער סומע ארבייט, וואָס דער שאָפּ ליפערט פון וואָך צו וואָך און פון מאָנאט צו מאָנאט. דערפאַר איז שטיק־ארבייט אזוי שטארק פערשפּרייט אין דיעזע אינדוסטריען; וועניגסטענס, צווישען די מעהרסטע קלאסען ארבייטער, וואָס זיינען פערנומען ביי פערשיעדענע סאָרטען ארבייט אין די שעפּער.

און דאָס ווידער מיינט נאָך עפּעס: דאָס מיינט, אז עס קען ניט געשלאָסען ווערען איין קאָלעקטיווער אגרימענט פאַר אַלעמען. לאָמיר נעהמען, צום ביישפּיעל, די מיין ארבייטער וועלען היינט אָבמאכען וועגען אזוי פיעל און אזוי פיעל פאַר א

טאָן אויסגעגראָבענע קויהלען. דיעזער אָבמאַך וועט זיין גילטיג פאַר דריי יאָהר. די קוילען וועלען בלייבען די זעלביגע, דער טאָן וועט בלייבען דער זעלביגער און דער פרייז וועט בלייבען דערזעלביגער. אָבער דאָ מיינט עס, אז מען מוז פון דאָס ניי נעהמען אונטערהאנדלען וועגען יעדען נייעם סטייל פון אַ גאַרמענט און אַ נייער אגרימענט דאַרף געשלאָסען ווערען צוליעב דעם. און דער נייער אגרימענט, כדי ער זאָל זיין ווירקזאַם און זאָל זיך האלטען און ניט שעדיגען אַנדערע אַרבייטער און דערנאָך זיי אַליין, פאָדערט פון די אַרבייטער אַ קאָלעקטיווע האנדלונג. מיט אַנדערע ווערטער: די אַרבייטער פון אַ שאָפּ מוזען האנדלען געמיינזאַם, און מוזען האנדלען אבסאָלוט אין הסכם מיט די אַרבייטער פון אַנדערע שעפּער, ווייל עס מוז אויסגעגליכען ווערען דער גראַד פון ווייַדזשעס. ער דאַרף זיין מעהר אָדער ווענינגער איינהייטליך אין דער גאַנצער אינדוסטריע. מוזען שוין זיין פרייז־קאָמיטעס, און די יוניאָן דאַרף שוין אויפפאַסען איבער די דאָזיגע פרייז־קאָמיטעס, און די קאָמיטעס דאַרפען האָבען ספּעציעלע פּערזאָנען צו אונטערהאנדלען מיט'ן באָס, צו דינגען זיך מיט איהם, ארויסצוקריגען אזוי פיעל וויפיעל נאָר מעגליך פאַר די אַרבייטער. און די דאָזיגע פּערזאָנען ווערען געשטעלט אין אַ פּאָזיציע, וואָס ציהט אויף זיי בעזונדערס דעם כעס פון די באָסעס, וועלכע דיסציפּלינירען זיי. דארום נויטיגען זיך דיעזע פּערזאָנען אין אַ בעזונדערען שוץ פון דער יוניאָן. און עס וואקסט ווידער אויס אַ פּראָבלעם.

10.—די מאַשינערי פון פּראָטאָקאָל און דאָס רעכט פון סטרייקען.

אלזאָ, די לאַגע גופא פאָדערט, עס זאָלען אין אגרימענט אריינגעארבייט ווערען פונקטען לויט די ספּעציעלע בעדינגונגען פון דיעזער בעזונדערער אינדוסטריע — ערשטענס, וועגען גלייכער פערטהיילונג פון ארבייט, נעגען אונעהרליכער ענטלאַסונג, וועגען פערזיכערען די פּאָזיציע פון דער פרייז־קאָמיטע מיט'ן שאַפּ־טשערמאַן און וועגען שוץ פאַר זיי. און דאַן דאַרפט איהר האָבען אַ מין אינסטרומענט דיעזע אַלע פונקטען דורכצופיהרען. איהר זאָגט, קיינער טאָר ניט אָבגע־

זאָגט ווערען סיידען פאַר אַן אורזאכע. דארפט איהר זיך דאָך בעזאָרגען מיט אַן אינסטרומענט — אַ פּערזאָן אָדער אַ גרופּע פּערזאָנען, וואָס זאָלען ענטשיידען צו עס איז געווען אַן אורזאכע צו ניט. אַט די אַלע פּונקטען האָבען נויטיג געמאכט עס זאָל בעשאפען ווערען אַ ספּעציעלער טיפּ פון אַ קאָלעקטיווען אגרימענט, וואָס איז געווען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען פּראָטאָקאָל, וועלכער האָט געהאט פאָרשריפטען וועגען אַלע אַט די פּונקטען און דערצו נאָך האָט ער געשאפען אַ מאשינעריע אַט די פּונקטען דורכצופיהרען. די מאשינעריע איז געווען פערפלאָנטערט און אומגעלומפּערט. קיין וואונדער. די פּונקטען, וועלכע דארפען דורכגעפיהרט ווערען, זיינען אזוי פיעל און אזוי פערשיעדען. און זיי פאָדערען פערשיעדענע טריבונאלען: גריוועגס באָארדס, קאָמיטע אַן אימידיאייט עקשאָן, באָארד אָוו ארביטריישאָן און קאונסיל אָוו קאָנסיליאיישאָן, אַ יערארכיע פון פערשיעדענע קאָורטס, וואָס האָבען בעדארפט אכטונג געבען אויף די אַלע פּונקטען. און דאַן, אלס אַ לאָגישער פּועל יוצא, ווען איהר האָט זיך שוין בעזאָרגט מיט אַן אינסטרומענט, וואָס דארף אויסגלייכען אַלע קריוודעס, קענט איהר ניט צו דער זעלבער צייט פאַר זיך בעהאַלטען דאָס רעכט צו סטרייקען, ווייל אונבעדינגט וועט דער ארבייטסגעבער קענען זאָגען, און דאָס איז דאָס איינציגע, דאָס איינציג־ריכטיגע, וואָס ער וועט קענען זאָגען: „אויב איך האָב איינגעשטימט, אַז מיין האַלטונג צו די ארבייטער זאָל בעשטימט ווערען פון אנדערע פּערזאָנען און ניט פון מיר, — פון דער יוניאָן, פון די פעראייניגטע יוניאָן און אסאָסיאיישאָן, אָדער גאָר פון אַן אויסוועניגסטען באָארד, דאַן מוז איך לכל הפּחות האָבען אַ גאראנטיע געגען שטערונגען און אונטערברעכונגען אין דער ארבייט — געגען סטרייקס", ווייל איהר קענט ניט טהאָן צוויי זאכען מיט אַ מאָל; איהר קענט ניט פּערווירקליכען אייערע רעכטע אי אויפ'ן וועג פון איינינונג, אי אויפ'ן וועג פון צוואנג — דורך סטרייקס. און אזוי האָבען מיר געהאט די פאָרשריפט געגען סטרייקס אין די צייטען פון פּראָטאָקאָל, אלס אויסטויש פאַר די מאשינעריע פון אויסגלייכען סכסוכים, מיט וועלכער דער פּראָטאָקאָל האָט אונז פערזאָרגט.

11.—דער הויפּט חסרון פון אַ קאָלעקטיווען אַגרימענט.

אַ פּראַקטיקאַל איז, אַלזאָ, ניט מעהר און ניט וועניגער ווי אַ קאָלעקטיווער אַגרימענט. און דער קאָלעקטיווער אַגרימענט, כאָטש ער האָט פיעלע גרויסע מעלות און איז אָהן ספק די סאמע לעצטע פאָרם פון בעציהונגען צווישען ארבייטס-געבער און ארבייטער און איז בעזונדערס צוגעפּאסט צו אַזאַ אייגענ-ארטיגער קאפּריזנער אינדוסטריע, ווי די קליידער-אינדוסטריע, דאָך דער קאָלעקטיווער אגרימענט האָט אויך זיינע שוואַכ-קייטען. די הויפּט-שוואכקייט זיינע בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט ניט די צוואנג-קראַפט פון געזעץ. וואָרים נאָך אַלעמען יעדער סאָרט קאָלעקטיווער אגרימענט איז דאָך ניט מעהר ווי אַן אגרימענט אין צוטרויען — אַ „דזשענטעלמען'ס אגרימענט". ער בעשטימט געוויסע סטאנדארדס און ענטהאלט אַ פערשפּרע-כען פון דער יוניאָן, אַז זי וועט טהאָן אַלץ, וואָס איז אין איהרע קרעפטען, די ארבייטער זאָלען אָננעהמען דיעזע סטאנדארדס. אָבער די יוניאָן האָט ניט די קראַפט אויף אַן אמת צו צווינגען די ארבייטער אָנצונעהמען די סטאנדארדס. אָנגענומען אַז די סטאנדארדס שליסען איין אַ געוויסען מינימום-וויידזש אָדער אַ געוויסען מעטהאָד צו בעשטימען די פּרייזען, און אָנגענומען, אַז אַן ארבייטער אין אַ געוויסען שאָפּ איז ניט צופריעדען מיט אָט די וויידזשעס, איז ניטאָ קיין קראַפט אויף דער וועלט, אויך די יוניאָן איינגעשלאָסען, וואָס זאָל קענען צווינגען דעם אר-בייטער צו ארבייטען אין יענעם שאָפּ; ווען דער ארבייטער איז ניט צופריעדען, וועט ער ניט ארבייטען.

דאָס זעלבע אין שייכות צו די ארבייטס-געבער. די אסס'ן שטימט איין, אַז געוויסע סטאנדארדס וועלען אויפגעהאלטען ווערען פון איהרע מיטגליעדער, און טאָמער ניט? דער מיט-גליעד קען בעשטראָפט ווערען, קען געטאַדעלט ווערען, קען ארויסגעטריבען ווערען, אָבער אַן ארבייטס-געבער בלייבט ער דאָך, און ווען ער וויל ניט נאָכקומען די סטאנדארדס, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט דורכ'ן קאָלעקטיווען אגרימענט, איז פער-פאַלען.

אַלזאָ, די הויפּט-שוואכקייט פון אַ קאָלעקטיווען אגרימענט,

אריינגערעכענט אויך דעם פּראָטאָקאָל, איז דאָס, וואָס איהם פעהלט די צוואנג־קראַפט פון געזעץ. דאָס איז אַ דזשענטעל־מען׳ס אגרימענט, און דאָ איז די צרה. עטוואָס, וואָס הענגט אָב פון דעם צוטרוי אין אַ דזשענטעלמאַן, איז זעהר אַן אונ־זיכערע זאַך. און עס טרעפט זעהר אָפט, אז אַ מאַנופעקטשו־רערס אסאָסיאיישאָן בעשטעהט ניט פון לויטער דזשענטעלליים; איך האָב שוין געזעהן אַזעלכע. און אין אַ פאַל, וואו ניט דאָס געזעץ צווינגט און ניט דעם דזשענטעלמאַן׳ס עהרע צווינגט, ווערט דער קאָלעקטיווער אגרימענט געבראָכען.

## 12.—איז אַ פּראָטאָקאָל אַ גוטע איינפיהרונג צו א שלעכטע?

איז אַ פּראָטאָקאָל אַ גוטע זאַך צו אַ שלעכטע? מיין ענטפער איז דער זעלבער, וואָס איך האָב געגעבען אויף דער פראגע צו צוואנג־ארביטריישאָן איז גוט צו שלעכט. עס ווענדט זיך אין גאנצען אָן דעם ווי מיט דעם פּראָטאָקאָל ווערט גע־האנדעלט: ווען די יוניאָן איז שטארק, ווען זי האָט די מאכט, די געלד־מיטלען און די ענערגיע דורכצופיהרען די אַלע פער־שיעדענע פונקטען פון קאָלעקטיווען אָבמאַך, — רופט איהר עס פּראָטאָקאָל צו אַנדערש, — און ווען דער ארבייטס־געבער פיהלט, אז די יוניאָן וועט זיך ניט לאָזען בעהאנדלען פון אויבען אראָב און וועט ניט ערלויבען קיין אָבטרעטונג פון די סטאַנ־דארדס, אין קיין ניט ראַיעלע בעהאנדלונג פון די פונקטען פון אגרימענט, וועט דער ארבייטס־געבער ווערען אויף אַן אמת אַ דזשענטלמאַן, און ער וועט זעהן נאָכקומען דעם טהייל פון זיינע פערפּליכטונגען.

ווידער פערקעהרט, מיט אַ שוואכער יוניאָן, אַ יוניאָן, וואָס פערלאָזט זיך ניט אויף איהר אייגענער קראַפט, נאָר אויף דער קראַפט פון דעם געשריבענעם אגרימענט, דאַמאָלס איז דער געשריבענער אגרימענט ניט פיעל מעהר ווערטה וויפיעל דאָס בעשריבענע פאַפּיער. ווייל דער אגרימענט גופא פיהרט זיך ניט דורך אליין, און דער ארבייטס־געבער וועט זיך איהם ניט איילען דורכצופיהרען, סיידען ער פיהלט, אז ער מוז אזוי טהאָן. עס קומט אליזאָ אָט וואָס ארויס: אַ פּראָטאָקאָל איז

אַן אינסטרומענט, וואָס ווייזט אָן דער יוניאָן אין וואָס פאר א ריכטונג די יוניאָן דארף אָנווענדען איהר קראפט, און אבסאָלוט ניט מעהר. א פּראָטאָקאָל אָן און פאר זיך איז א בעשריבען פּאפּיער, א טויטער בוכשטאב. א פּראָטאָקאָל אָבער, אַלס דער אויסדרוק פון דער יוניאָן'ס מאכט, קען ווערען זעהר א לעבע־דיגער און זעהר א וויכטיגער אינסטרומענט.

און דאָ איז נאָך פאראן א פּונקט צו בעטראכטען. קיין פּראָטאָקאָל און קיין אַנדער אינסטרומענט אויסצוגלייכען סכסוכים צווישען קאפּיטאל און ארבייט איז ניט בעשטענדיג, קען ניט בעהאלטען די זעלבע ווירקזאמקייט פאר אלע צייטען. אויף א געוויסער שטופע פון ענטוויקלונג פון אַן אינדוסטריע אָדער אויף א געוויסער שטופע פון דער ארבייטער בעוועגונג קען א געוויסער מעטהאָד זיך ארויסווייזען פאר זעהר ווירקזאַם; אָבער אויף אַן אַנדער שטופע ווערט דערזעלביגער מעטהאָד וויר־קונגסלאָז; און טאקע דערפאר, ווייל דער פּראָטאָקאָל גופא האָט אלעמאָל דיזעלבע קראפט, וואָס די אָרגאניזאציאָן הינטער איהם, און טאקע דערפאר איז זיין ווירסזאמקייט פערשיעדען צו פערשיעדענע צייטען.

איהר האָט אלע בעמערקט, אָהן צווייפעל, אַז אין אַלגעמיין איז דער פּראָטאָקאָל געגוג שטארק באלד נאָך א סטרייק, אָבער ווען עס געהט אוועק א שטיקעל צייט און די אונאנגענעהמליכ־קייטען פון סטרייק אָדער סכסוך ווערען פערגעסען און די צדדים זעצען זיך אוועק פריעדליך צו פסק'ענען שאלות צווישען קאפּיטאל און ארבייט, ווערען די טהוער און די מיטגליעדער געגויגט צו ווערען אָבגעלאָזען אַלץ מעהר און מעהר און די קראפט פון פּראָטאָקאָל, וואָס מיינט אין דער אמת'ען די קראפט פון דער אָרגאניזאציאָן, ווערט שוואכער און שוואכער. דער פּראָטאָקאָל ווערט ווירקונגסלאָז.

איך דענק, אַז אזוי ווי עס זיינען פאראַן פּעריאָדען פון סטרייקס און פּעריאָדען פון רוה אין דער ארבייטער־בעוועגונג, אזוי זיינען אויך אין די גארמענט אינדוסטריען, אין יעדער גארמענט אינדוסטריע בעזונדער, פאראן פּעריאָדען פון א

יוניאָן פּאָליסי מיט פּראָטאָקאָל און עס זיינען פאראַן פּעריאָדען פון אַ יוניאָן־פּאָליסי אָהן פּראָטאָקאָל.

דערמיט שליעס איך וועגען די פערשיעדענע פאָרמען פון קאָלעקטיווען אגרימענט און די גאנצע סעריע וועל איך פער־ענדיגען מיט מיין נעקסטער לעקציע וועגען דער בעדייטונג און ווערטה פון פּאָליטיקס אין דער ארבייטער בעוועגונג.

פינפטע לעקציע.

# טרייד יוניאָניזם און פּאָליטיקס.

1.—האָבען די לעבענס־בעדינגונגען פון אַמעריקאַנער אַר־בייטער זיך פערבעסערט?

ווען איהר זיינט בעקאַנט מיט מיינע פיער פריהערדיגע לעקציעס, און מיט זייערע אויספיהרונגען, האָט זיך אייך גע־מוזט וואַרפען אין די אויגען, אַז אַלע אַנגענומענע אינסטרו־מענטען און וואַפען פון טרייד יוניאָניזם זיינען ניט פּאַלקאַם, דערגרייכען ניט זייער צוועק.

אום אויסצופּרובירען אָט דעם שלום אונזערען, וועלען מיר נעהמען די ווירקליכע רעזולטאַטען פון דער יוניאָן בעוועגונג, לאָמיר זאָגען, דאָ אין לאַנד. די יוניאָן־בעוועגונג אין איהר מאָדערנער פאָרם איז שוין אַ האַלבען יאהרהונדערט אַלט. ווען מיר ווילען מאַכען אַ סך הכל פון די אויפטהואונגען פון דער בעוועגונג און ווען מיר פרעגען זיך ביז וואָס פאַר אַ גראַד די אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָט זיך איינגעגעבען צו דערגריי־כען זייער צוועק — די אויסבעסערונג פון דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון אַרבייטער קלאַס אין דיעזען לאַנד, וועט אונזער ענטפער זיין זעהר אַן אונבעשטימטער.

אזוי, צום ביישפּיעל, איז עס אַ פראַגע, איבער וועלכער עס לאָזט זיך שטאַרק דעבאַטירען, צו די בעדינגונגען פון דעם אַרבייטער׳ס לעבען אין לאַנד האָבען זיך פאַר אָט דער צייט איבערהויפּט וויפיעל עס איז פערבעסערט. עס איז אַ פראַגע, צו דעם אַרבייטער׳ס לעבען האָט זיך פערבעסערט כאָטש אַב־סאָלוט, ד. ה. אין פערגלייך מיט דעם אַרבייטער׳ס לעבען פון אַמאָל, שוין אָבגערעדט דערפון, צו דער אַרבייטער האָט נאָכ־געהאַלטען דעם פּראָגרעס פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, דעם פּראָגרעס פון די אַנדערע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט.

געוויס, איבער דיעזער פראַגע זיינען אַרויסגעזאָגט גע־

וואָרען זעהר פיעל פערשיעדענע מיינונגען, נאָר דער פאקט אליין, וואָס אויף דער פראגע ווערען געגעבען געגענגעזעצטע ענטפערס און די ענטפערס לאָזען זיך פערשיעדענערליי אויסטייטשען, בעווייזט, אז ווען אפילו די לעבענס־בעדינגונגען פון די ארבייטער האָבען זיך זייט דעם פערבעסערט, האָט די פערבעסערונג גע־מוזט זיין זעהר א קנאפּע.

וויטער דארפען מיר נאָך האָבען אין זינען, אז אויב אפילו מיר זאָלען אויף דער פראגע צו דעם ארבייטער'ס קאָנדיציאָנען האָבען זיך וויפיעל עס איז פערבעסערט — ווי מען זאָגט, אבסאָלוט פערבעסערט — אויב אפילו מיר זאָלען ענט־פערען אויף דעם מיט יא, האָבען מיר נאָך אלץ ניט געענטפערט אויף דער פראגע, צו דער ארבייטער האָט ווירקליך פּראָגרע־סירט. פאר די לעצטע פופציג יאָהר איז די אלגעמיינע פּראָ־דוקטיוויטעט פון דער ארבייט פיעל מאָל פערגרעסערט געוואָרען; אונזער אלגעמיינער נאציאָנאלער רייכטהום, ווי מען רופט עס, וואקסט היפּענדיג און שפּרינגענדיג. יעדע פאָלקס־צעהלונג ווייזט אויף א נייעם אונגעהייערען שריט אין דיעזער ריכטונג, און ווען מיר זאָלען זיך פרעגען צו די ארבייטער פון לאנד האָבען כאָטש דערפון בעקומען זייער פּראָפּאָרציאָנעלען חלק פון דעם אָנגעזאמעלטען רייכטהום פון דער נאציאָן, מוזען מיר שוין נאָר בעשטימט ענטפערען מיט „ניין".

מיר ווייסען פון ערפאהרונג, אז די ארבייטער אין דיעזען לאנד זיינען ווייט דערפון צו לעבען אין צופריעדענשטעלענדע קאָנדיציאָנען — צופריעדענשטעלענדע פאר זיי אָדער צופריע־דענשטעלענדע פון שטאנדפּונקט פון אַן אונפּארטייאישען בע־אָבאכטער. מיר ווייסען אלע, אז עס הערען זיך פון אומעטום קלאגען אויף די ווייַדזשעס, וואָס זיינען ניט גענוג צום לעבען, אויף דער ארבייטס־לאָזיגקייט, אויף די אלגעמיינע ארבייטס־בעדינגונגען און אויף דעם ארבייטער'ס אָרימקייט בכלל. אפשר דעם גרעסטען שבח, וואָס מען קען זאָגען וועגען די יוניאָנס פון דיעזען לאנד און וועגען דער ארבייטער־בעוועגונג אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד איז, אז זי האָט געדיענט אלס א סאָרט שילד געגען די אכזריות'דיגע אָנפאלען פון אָרגאניזירטען קאַ־

פּיטאַל; אַז איהר האָט זיך ביז אַ געוויסען גראַד איינגעגעבען צו העלפען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער איינצוהאַלטען וועניג־סטענס דאָס, וואָס זיי האָבען שוין געהאַט; אַז ווען ניט די אָרגאַניזירטע אַרבייטער־בעוועגונג וואָלט געקומען דערצו, אַז די אַרבייטער־קאָנדיציאָנען און בעזונדערס די קאָנדיציאָנען פון די העכערע טהיילען פון אַרבייטער־קלאַס, פון די געלערענטע מע־כאַניקער, וואָלטען געווען בעדייטענד ניעדריגער ווי זיי זיינען איצט. איך גלויב ניט, אַז די אַרבייטער־בעוועגונג אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד קען פאָדערען פאַר זיך מעהר לויב פאַר איהרע קאָנקרעטע עראָבערונגען.

## 2.—דער גרונד־פּרינציפּ פון דער אַרבייטער בעוועגונג.

קען מען זאָגען, אַז די אַרבייטער־בעוועגונג האָט זיך ארויסגעוויעזען באַנקראָט? אַז די טהעטיגקייט פון די עקאָ־נאָמישע אָרגאַניזאַציאָנען פון די אַרבייטער האָט זיך ארויסגע־וויעזען פאַר פּרובטלאָז? ניין, איך דענק ניט אַזוי. איך דענק, אַז דער אונבעדייטענדער פּראָגרעס און די ניט וויכטיגע אויפ־טהואונגען פון דער אַרבייטער־בעוועגונג ערקלעהרען זיך הויפּט־זעכליך מיט די אַלגעמיינע בעדינגונגען, אונטער וועלכע די אַרבייטער אין דיעזען לאַנד האָבען אָנגעפיהרט זייער קאַמפּף; מיט די אַלגעמיינע בעדינגונגען פון דער אינדוסטריעלער ענט־וויקלונג פון דיעזען לאַנד, אָבער אויך מיט דער אינוועניגסטער, שוואַכקייט פון דער איצטיגער פאָרם פון דער אַרבייטער־בעוועגונג. וואָס איך וויל דערמיט זאָגען איז, אַז די אַרבייטער־בעוועגונג, ווי זי ווערט דאָ געוועהנליך פערשטאַנען, די טרייד־יוניאָן־בעוועגונג, איז ניט קיין גענוגענדער אינסטרומענט צו פערווירקליכען די ציעלען, וואָס די בעוועגונג גופא האָט אָנ־געשריעבען אויף איהר פאָהן. די עיקר פילאָזאָפיע פון דער אַרבייטער־בעוועונג איז נאָך אַלעמען אָט אין דעם קורצען זאַץ: אַז די מאָדערנע אינדוסטריעלע וועלט העגגט אָב אין איהר איצטיגער און וויטערדיגער עקזיסטענץ פון דער אַרבייט; אַז אָהן די אַרבייט פון די אַרבייטער וואָלט דאָס מאָדערנע אינ־דוסטריעלע סיסטעם פּאַראַליזירט געוואָרען. איהר קענט האָ־

בען אַ העכסט ענטוויקעלטעם אינדוסטריעלעם סיסטעם; איהר קענט׳ האָבען פאבריקען, אויסגעריכט מיט די בעסטע מאשינען און איהר קענט אָנווענדען די פּאָלקאָמענסטע פּראָדוקציאָנס־מעטהאָדען — עס איז נויטיג די מענשליכע האנד, די מענשליכע מוסקול־קראפט, צו ברענגען דאָס אלעס און אָנצוהאלטען אין בעוועגונג. אָהן דעם איז די אינדוסטריע טויט.

פון דיעזען שטאנדפּונקט אוים ארגומענטירען די אָרגאַניזירטע ארבייטער, דאָס ווען די ארבייטערשאפט אלס קאָלעקטיווע איינהייט, די ארבייטערשאפט, אלס געזעלשאפטליכע קראפט, זאָגט זיך אָב צו טהאָן איהר טהייל אין פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, וואָלט זי נאטירליך געווען אין דער לאגע צו דיקטירען דעם קלאס ארבייטס־געבער איהרע בעדינגונגען. אין דער טהעאָריע, פון שטאנדפּונקט פון לאָגיק, איז דיעזער זאַץ אבסאָלוט פעהלערלאָז. ווען מיר נעהמען די ארבייטערשאפט קאָלעקטיוו, די ארבייטערשאפט, וואָס שליעסט איין אלע מענער און פרויען, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין דער פּראָדוקציאָן, אין די אינדוסטריען פון לאנד; ווען מיר זאָלען זיך פאָרשטעלען, אז די דאָזיגע ארבייטערשאפט לעגט צונויף די הענד, ווי דאָס ווערטעל געהט, ווארפט אוועק אָן אַ זייט אלע ווערקצייג און ווענדעט זיך צו דעם קלאס ארבייטס־געבער מיט אן ערקלעהרונג ווענען די בעדינגונגען, אונטער וועלכע זי וועט זיך ווידער נעהמען פאר דער ארבייט, דאן... דאן וואָלט דער ארבייטס־געבער־קלאס קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי איינצוגעהן אויף די בעדינגונגען פון דער „ארבייטערשאפט“. אָט די טהעאָריע, אָדער פילאָזאָפיע, איז דער הינטער־גרונד פון דער טהעטיגקייט פון די טרייד־יוניאָנס, פון די סטרייקס, באָיקאָטס און אפילו פון די קאָלעקטיווע אגרימענטס צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער. דער אומגליק איז מיט אָט דער טהעאָריע, וואָס זי לאָזט זיך ניט אָנווענדען אין גאנצען; אַ רינגעלע פאלט ארויס, ווען מען נעהמט איהר אריבערטראָגען אין דער ווירקליכקייט. ווייל אין דער ווירקליכקייט האנדעלט ניט די „ארבייטערשאפט“ אלס קאָלעקטיווע איינהייט. די אָרגאַניזירטע ארבייטער האנדלען בלויז פאר אַ געוויסען טהייל פון דער ארבייטערשאפט אין דעם אָדער אנדער לאנד.

3.—פאַר וואָס די פאָלקאָמענסטע טרייד יוניאָן בעוועגונג איז ניט גענוג.

נעהמט, צום ביישפיעל, די לאגע ביי אונז, און איהר וועט אויסגעפינען, אז העכסטענס האָבען מיר א דריי מיליאָן אָרגאַניזירטע מענער און פרויען אין דער ארבייטער־בעוועגונג. אין בעסטען פאל איז עס פון 20 ביז 25 פּראָצענט פון דער גאנצער צאָהל אינדוסטריעלע ארבייטער. די מעהרהייט פון די ארבייטער, און די גאָר גרויסע מעהרהייט דערצו, געפינט זיך אויסער די רייהען פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער. און ווען עס קומט צו פערמעסטען זיך מיט די כחות, צו א סטרייק, שטויסען זיך די ארבייטער אָן אויף געפאהרען פון אלע זייטען; ערשטענס, דער סטרייק איז ערקלעהרט, די אָרגאַניזירטע ארבייטער פון טרייד האָבען זיך אָבגערופען און זיינען ארויס אין סטרייק, בלייבען נאָך אָבער פיעלע אונאָרגאַניזירטע ארבייטער אין דער טרייד און אין דער געגענד, וואו דער סטרייק געהט אָן. און דארום דארף די הויפּט־אויפגאבע פון די סטרייקער גאָר זיין ניט צו דערלאָזען, אז די ניט אָרגאַניזירטע ארבייטער זאָלען פערנעהמען די פלעצער פון די סטרייקער. דערפון נעהמט זיך זיך די נויטווענדיגקייט פון פּיקעטען אין יעדען סטרייק.

פּיקעטען איז דארום אין דער אמת'ען א צייכען פון שוואַכקייט, א צייכען, אז דער טרייד איז ניט גענוג אָרגאַניזירט, ווייל ווען איהר וואָלט געהאט אַן אידעאלען צושטאנד — אלע ארבייטער פון א געוויסער אינדוסטריע זאָלען ארויס אין סטרייק, זאָלען ווירקליך האנדלען אלס אַן איינהייט, וואָלט קיין געפאהר ניט געווען אז סטרייק־ברעכער זאָלען פערנעהמען די פּלעצער פון די סטרייקער און עס וואָלט קיין נויט ניט געווען צו פּיקעטען. דאָס אליין, וואָס פּיקעטען איז געוואָרען די נשמה פון דער גאנצער טרייד יוניאָן טהעטיגקייט בעת א סטרייק, ווייזט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אויף דעם גרויסען שוואכען פונקט פון דער טרייד יוניאָן־בעוועגונג.

דאָך, לאָמיר אָננעהמען, אז אין א געוויסען טרייד, אין א געוויסער געגענד זיינען אלע מענער און פרויען וואָס זיינען פערנומען אין איהר, ווירקליך אָרגאַניזירט און א סטרייק מיינט

אז די גאנצע אינדוסטריע איז פאר א געוויסער צייט אָבגע־שטעלט, פּאָלשטענדיג פּאראליזירט. ווי לאנג אָבער וועט עס אָנהאלטען? ווען די ארבייטער אין א געוויסער געגענד זיינען אַלע אָרגאניזירט, פערבלייבען נאָך אַרבייטער אין אנדערע גע־געגדען, שטעדט און שטעדטלאך פון יונייטעד סטייטס.

די מאָדערנע טראנספּאָרט־מיטלען האָבען עס געמאכט אויסערגעווענליך לייכט פאר די קאפּיטאליסטען אריינצופיה־רען א גרויסע צאָהל ארבייטער פון אנדערע טהיילען פון לאנד אין א משך פון 24 שטונדען און די וועלען ווי היישעריקען בעפאלען די פּלעצער פון די סטרייקער. צו זיין בעוואָרענט געגען דעם, וואָלט אַן אידעאַלע ארבייטער־אָרגאניזאציאָן גע־דארפט ארומנעהמען ניט נאָר די הונדערט פּראָצענט פון איין געוויסער געגענד, נאָר אויך די הונדערט פּראָצענט ארבייטער פון יענער אינדוסטריע אין אַלע טהיילען פון לאנד.

און דאָס וואָלט אויך ניט גענוג געווען. דאָס וואָלט העל־פען פיעלייכט אין א געוויסען סטרייק פאר א געוויסער צייט, אָבער ווען אפילו איהר וועט אָננעהמען פאר א מאָמענט, אז אזא אידעאַלער צושטאנד איז דערגרייכט געוואָרען, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט פאָרגעקומען אין דער ווירקליכקייט, אז אַלע אמעריקאנער ארבייטער פון א געוויסער אינדוסטריע זיינען אָרגאניזירט איבער'ן גאנצען לאנד, זיינען מיר נאָך ניט פאר־טיג מיט'ן פּראָבלעם, ווארים נאָך אַלעמען דארף מען זיך נאָך רעכענען מיט דער אימיגראציאָן, מיט דעם שטענדיגען צופלוס פון ארבייטער פון אנדערע לענדער. פּונקט ווי דער טראנספּאָרט צווישען די פערשיעדענע פּונקטען פון יונייטעד סטייטס איז געוואָרען לייכט, לייכטער ווי ווען עס איז אין דער געשיכטע, אזוי איז אויך דאָס רייזען פון איין לאנד אין אנדערען גע־וואָרען פיעל לייכטער ווי אין די אמאָליגע צייטען, אין א בע־שטענדיגער אויסמישונג, אַן אונאויפהערליכע הין און הער־וואנדערונג פון ארבייטער איז געוואָרען די הויפּט־כאראקטע־ריסטיק פון אונזער מאָדערנעם אינדוסטריעלעם סיסטעם.

איהר ווייסט, געוויס, פון די אַלע פּראָבען אוועקצושטעלען א צוים געגען די ארבייטער פון די אנדערע לענדער, וועלכע זיינען גרייט צו ארבייטען פאר די נידעריגסטע פּרייזען, מאנ־

בעס מאָל גרייט אויף צו ברעכען סטרייקס. אלס כלל האָבען די אַלע פּראָבען זיך אויסגעלאָזען מיט גאָרנישט און זיי האָבען זיך געמוזט אויסלאָזען מיט גאָרניט, ווייל די וואנדערונגס־שטראָמען זיינען ניט ארויסגערופען געוואָרען איבערגעוואלט, ניט מיט קינסטליכע מיטלען, נאָר זיי זיינען ארויסגערופען גע־וואָרען דורך די מאָדערנע אינדוסטריעלע קאָנדיציאָנען. און דער אויסטויש, די אויסמישונג פון ארבייטער צווישען פערשיע־דענע לענדער איז דארוב אַ נויטווענדיגער, אַ וועזענטליכער טהייל פון אונזער מאָדערנעם אינדוסטריעלעם סיסטעם. און נאָך מעהר: ווען מען וואָלט אפילו געקענט אויסשליסען די פרעמדע ארבייטער פון אַ געוויסען לאנד, פון אונזער לאנד למשל, וואָלט מיט דעם דאָס פּראָבלעם ניט געלעזט געוואָרען, אזוי לאנג ווי די פּראָדוקטען פון פרעמדע און ביליגע ארבייטער קענען אריינגעבראכט ווערען אין דיעזען לאנד דורכ'ן אימפּאָרט האנדעל.

דאָס זיינען בלויז אַ פּאָר פון די סבות, וואָס דערלאָזען ניט די ארבייטערשאפט זאָל מיט ערפאָלג זיך קענען בענוצען מיט די געוועהנליכע אינסטרומענטען פון די טרייד־יוניאָנס. אָבער דאָס זיינען נאָך ניט אַלע. לאָמיר אָננעהמען אַן אונ־מעגליכען פאַל, אַז אַן אינדוסטריע איז אזוי גוט אָרגאניזירט, אַז פּאקטיש איז יעדער ארבייטער פון דיעזער אינדוסטריע אין אונזער לאנד און אין יעדען לאנד און אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט אָרגאניזירט, קענט איהר נאָך אַלץ ניט ארויס־ברענגען די פולע ווירקזאמקייט פון אַ סטרייק, און אויס פאָל־גענדען גרונד: דער סטרייק פאר זיך גופא איז אַ פּאסיווער אינסטרומענט; דאָס מיינט אָבזאָגען זיך צו ארבייטען, דאָס איז אַ פערמעסטען זיך ווער וועט לענגער אויסהאלטען, אַ פער־מעסטען זיך אין כחות.

## 4.—איז מעגליך אַ פאָלשטענדיגער זיעג דורך אַ סטרייק?

נעהמט אָן, אַז די איינציגע טויזענד אָדער די צעהנדליגע טויזענד אָדער אפשר די הונדערטער טויזענד ארבייטער פון אַ געוויסער אינדוסטריע האָבען געוואָרפען די ארבייט און האָבען ארויסגעפאָדערט די קאפּיטאַליסטען אויף אַ וועט: מיר וועלען

צונויפלעגען אונזערע אָרמס און מיר וועלען זיך ניט צוריהרען צו איהר, אזוי לאנג איהר וועט ניט איינגעהן אויף אונזערע בעדינגונגען, און נעהמט אָן, אז די קאפיטאליסטען האָבען זיך געשטעלט אין דער זעלבער פּאָזע און ערקלעהרען אויך, אז זיי לעגען צונויף זייערע אָרעמס און זיינען אויך גרייט צו ווארטען אזוי לאנג ביז די ארבייטער וועלען זיך ניט אומקעהרען צו דער ארבייט אויף די אַלטע, באַסישע בעדינגונגען. דאָן איז די פראגע, וועלכער פון דיביידע לאגערען איז אין א בעסערער לאגע אויסצוהאלטען.

אמת, דער קאפיטאליסט דארף האָבען די ארבייטער. דאָך איז אויך אמת, אז דער קאפיטאליסט — טאקע דערפאר וואָס ער איז א קאפיטאליסט — פערנעהמט א בעסערע, פעסטערע עקאָנאָמישע פּאָזיציע ווי דער ארבייטער, קען לענגער אויסהאלטען א בעלאַגערונג ווי יענער. דער גרונד איז אַן איינפאכער: ער קען שטעהן מאָנאטען, און אויב נויטיג א פולען סיזאָן, און אויב נויטיג א גאנץ יאָהר, ניט מאכענדיג קיינע פּראָפיטען, און ער וועט אַלץ ניט שטארבען פאר הונגער. די ארבייטער קענען עס ניט אויספיהרען. געוועהנליך, ווען זיי האָבען אפילו עפּעס אָפּגעשפּאָרט, זיינען זייערע אָפּשפּאָרונגען אזוי קליין, אז זיי ווערען איינגעשלונגען אין די ערשטע פּאָר וואָכען פון סטרייק. די גרעסטע מאיאָריטעט האָט קיין סענט ניט ביי דער נשמה; זיי לעבען פון האנד אין מויל אריין אין סיזאָן־צייט, אזוי אז עס וועט קומען צו א פערמעסטונג אין אויסדויער־קראפט, איז דער ארבייטס־געבער אַלע מאָל אין א בעקוועמערער לאגע, ווי דער ארבייטער. אָט צוליעב דיעזע אַלע אורזאכען זיינען די ארבייטער אינסטינקטיוו געקומען צום שלום, אז דער געוועהנליכער מעטהאָד פון טרייד יוניאָן־טהעטיגקייט — צוערשט אָרגאניזירען א לאָקאל יוניאָן פון א געוויסען טרייד און דאַן זיך שטעלען פערהאנדלען מיט דעם ארבייטס־געבער איז זעהר און זעהר ניט גענוג; ניט גענוג אום נאָכצוקומען די נויטען און פאָדערונגען פון דער צייט. און זיי האָבען זיך געווענדעט צו אנדערע מעטהאָדען.

דאָס ערשטע האָבען זיי זיך גענומען בויען אָרגאניזאציאָנען אויף אַ גרעסערען מאסשטאב; ניט בענוגענען זיך מיט

אָרגאַניזירען אַ געוויסען טרייד בלויז אין איין שטאָדט, נאָר פערוואָרפען די אָרגאַניזאַציאָנס-נעץ ברייט איבער'ן לאַנד און אמאָל אויך הינטער די גרענעצען פון לאַנד.

## 5.—קען דאָ העלפען דער אינדוסטריעלער יוניאָניזם?

דאָ קומט נאָך אַ פּונקט. דאָס איז אַן ערשיינונג, וואָס נאָר די לעצטע שטופּע פון דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג פון די מאָדערנע לענדער האָט ארויסגעבראכט, דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס די מאַשין פערנעהמט אַלץ אַ גרע־סערען פּלאַץ אין ארבייטס-פּראָצעס; דער געלערענטער ארביי־טער, דער אַרבייטער מיט ספּעציעלע קענטניסע און פעהיגקיי־טען ניעדערט אַראָפּ פון זיין גדולה און גלייכט זיך אויס מיט דעם פּשוט'ען, ניט געלערענטען און אונוויסענדען ארבייטער.

נעהמט פאַר אַ ביישפּיעל אזא איינפאכען טרייד, ווי דער קליידער-טרייד. דער טיפּ פון דעם אמאָליגען ערפאהרענעם קינסטלער-בעל-מלאָכה, וועלכער פלעגט מאכען דעם גאנצען בגד, וועלכער פלעגט אין בגד אָבשטעמפּלען זיין פּערזענליכ־קייט, וועלכער פלעגט נעהמען אַ מאָס, צושניידען, נעהען און אויספּארטיגען דעם גאנצען בגד — אָט דער טיפּ פערשווינדט ביסלעכוויין. די ארבייט-איינשפּאָרענדע מאַשינען פון אַלע סאָרטען מאכען דעם ארבייטס-פּראָצעס אפילו אין אָט דער לכתחילה איינפאכער אינדוסטריע אַלץ איינפאכער, אַלץ איינאַרטיגער, אזוי אַז איצט איז שוין זעהר לייכט פאַר אַן ארבייטער, וואָס האָט געארבייט אין איין ספּעציעלען צווייג פון דער אינדוסטריע — ביי פּרויען-קליידער לאָמיר זאָגען — אריבערצוגעהן אין אַ צווייטען צווייג פון דער אינדוסטריע. איינס, צוויי כאפּט ער דעם נייעם שניט און קריגט אויך די נויטיגע געניטקייט. פאַר אַ ווייסט מייקער אויסצולערנען זיך פאַר אַ דרעסמייקער אָדער טשילדרען דרעסמייקער אָדער וועייסט גודס מייקער איז אַ פראגע פון טעג און ניט מעהר.

און נאָך מעהר. די צוטהיילונג צווישען די ארבייטער, וואָס ארבייטען פּרויען-קליידער, און די ארבייטער, וואָס אַר־בייטען מענער-קליידער, איז היינט צו טאָג ביז צו זעהר אַ

הויכען גראד א קינסטליכע. איינער קען זיך לייכט אריינ־ברעכען אין צווייטען׳ס געביעט.

און ווען איהר נעהמט די סאמע ענטוויקעלטסטע און פּאָל־קאָמענסטע אינדוסטריען — אינדוסטריען, וואָס זיינען באזירט בלויז אויף מאַשין־פּראָדוקציאָן, איז פּאַקטיש פאר׳ן ארבייטער אבסאָלוט קיין אונטערשיעד ניט, ביי וואָס פאר א מאַשין ער שטעלט זיך אוועק, וואָס פאר א ספּעציעלען ארטיקעל די מאַשין פּראָדוצירט. דער אופן ווי די מאַשין אָנצוטרייבען — ווי צו ברענגען איהר און אָנהאַלטען אין בעוועגונג — איז אומעטום כמעט דערזעלביגער, און דער מאָדערנער פעקטאָרי־ארבייטער קען פּאַקטיש בייטען זיינע אזוי גערופענע טריידס, אָהן שום פערלוסט פון צייט, אָדער מיט א קוים קענטליכען פערלוסט פון צייט. ער קען געהן פון א פעקטאָרי, וואָס פּראָ־דוצירט שיך, אין א פעקטאָרי, וואָס פּראָדוצירט א וועלכען עס איז מעטאַלענעם ארטיקעל, און עס וועט איהם ניט נעהמען לאנג ער זאָל זיך איינברעכען און ווערען אן ערפאהרענע האנד.

אָט דער אויסגלייכונגס־פּראָצעס האָט עס מעגליך געמאכט פאר די ארבייטער פון אלע אינדוסטריען צו קאָנקורירען צווי־שען זיך, צו אלעם ערשט, נאַטירליך, צווישען די ארבייטער פון פערוואנדטע אינדוסטריען. דהינו, אלע ארבייטער פון אלע נאָדעל־אינדוסטריען אָהן אויסנאהמע, אלע ארבייטער פון אלע מעטאַל־אינדוסטריען אָהן אויסנאהמע א. אז. וו. קענען ווערען קאָנקורענטען איינע די אנדערע. און אין פאל פון א סכסוך, איז היינט צו טאָג אלע מאָל דאָ די געפאהר, אז א מאַ־נופעקטשורער, אפילו ווען ער שטויסט זיך אָן אויף א פעסטער אָרגאניזאציאָן פון די ארבייטער פון זיין ספּעציעלען טרייד, קען רעקרוטירען פאר זיך ארבייטער אין פערוואנדטע טריידס און אינדוסטריען און זיי אריינציהען אין זיין טרייד. איז אום צו בעוואָרענען זיך געגען דעם, ווערען די ארבייטער אלץ מעהר און מעהר געצוואונגען צו אָרגאניזירען זיך לויט ברייטערע ליניען; בלויז א קלאָוקמאכער יוניאָן אָדער בלויז א בלעכער־יוניאָן אָדער אן עהנליכע אָרגאניזאציאָן איז שוין ניט גענוג. וואָס עס פאָדערט זיך היינט צו טאָג איז אן ענגע פערבינדונג צווישען אלע ארבייטער, וואָס זיינען פערנומען אין פערוואנדטע

אינדוסטריען, און ווען אפילו איהר האָט שוין דאָס דורכגע־פיהרט און איהר זייט שוין איצט צוטהיילט בלויז לויט אינ־דוסטריע־גרופּען, האָט איהר נאָך אַלץ זיך אָבגעגרענעצט איינע פון די אנדערע אויף אַ מעהר אָדער ווייניגער קינסטליכען אופן, ווייל צווישען איין אינדוסטריע גרופּע און דער אנדערער איז דער צוים ניט אזוי הויך, מען זאָל איהם ניט קענען אריבער־קלעטערען. די ארבייטער פיהלען זיך דארום געצוואונגען אַלץ מעהר און מעהר צו ווארפען די אלטע שמאָלע פאָרם פון דער אזוי גערופענע „קרעפט"־יוניאן (פאַך־יוניאן) און צושניידען פאר זיך, מיט אַן אַלץ וואַקסענדער מאָס אין דער האַנד, אַ בריי־טע אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציאָן. און דאָס וועט נאָך אויך זיין ניט גענוג.

איהר מוזט זיך נאָך שאַפען אַ פעדעריישאָן, אַן ארבייטס־אָפּמאַך צווישען די פערשידענע אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַ־ציאָנען. די לאָגישע אָרגאַניזאַציאָן פון ארבייטער־קלאַס ביי היינטיגען צושטאַנד פון די אינדוסטריען וואָלט געווען אַן אַל־געמיינע אָרגאַניזאַציאָן פון אלע ארבייטער, ניט פעסט צו־טהיילט אין אינדוסטריעלע גרופען, מיט פּראַקטישע ארבייטס־אָפּמאַכען פאר נעגענזייטיגער מיטארבייטערשאַפט. אָט ווי דער לאָזונג פון „איין גרויסער יוניאן", וואָס שטאַמט פון די „אינ־דאַסטריעל וואירקערס אָוו דהי וואָירלד" און וועלכער איז צום בעדויערען פערוואָרפען געוואָרען גאָר צוליעב זייטיגע אורזאַכען, ניט ווייל דער אידעאַל גופא איז אין עצם געווען ניט געזונד, אָדער ווייל די ארגאַניזירטע ארבייטער ווילען במילא ביסלעכ־ווייז אַליין קומען צו איהם. און ווייל עס פעהלט די אמת'ע, **פאָלקאָמענע אָרגאַניזאַציאָן, איז פאָלקאָם נאַטירליך, אַז די וואַ־פען פון די ארבייטער, פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער זיינען ניט פאָלקאָם, ניט גוט גענוג פאר זייער צוועק.**

מיר וועלען געהן אַ טריט ווייטער און מיר וועלען זאָגען, אז אפילו ווען מיר וואָלטען געהאַט אזא פאָלקאָמענע עקאָנאָ־מישע אָרגאַניזאַציאָן, די גאַנצע דריי מיליאָן שטאַרקע אָרגאַ־ניזירטע ארבייטערשאַפט פון יונייטעד סטייטס פעראייניגט אין איין אָרגאַניזאַציאָן, אין איין אינדוסטריע און יעדער פאַך אין לאַנד וואָלט פאַקטיש געווען פערטראָטען, — אפילו מיט אזא

פּאָלשטענדיגען סיסטעם פון געגענזייטיגער מיטאַרבייטערשאַפט, וואָס וואָלט אונגעהייער אויפגעהויבען די קראַפט און די טיכ־טיגקייט פון די יוניאָנס, וואָלט אויך אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן די יוניאָנס פּאָלקאָם טיכטיג ניט געמאַכט. פאַר וואָס? צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען.

פריהער פון אַלץ, ווי איהר זאָלט ניט אָרגאַניזירען אייערע דריי מיליאָן ארבייטער, בלייבען זיי פאַרט דריי מיליאָן און פערוואַנדלען זיך ניט אין 12 אָדער 15 מיליאָן. זיינען זיי נאָך אַלץ בלויז אַ טהייל פון דעם ארבייטער־קלאַס פון דיעזען לאַנד און דער אַנדער טהייל בלייבט נאָך אַלץ אין דרויסען אום צו קאָנקורירען מיט דעם אָרגאַניזירטען טהייל און מאַכט צו נישט זייערע פּלענער און מעטהאָדען.

6.—קען זיך דער ארבייטער קלאַס פערמעסטען מיט דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד?

און עס איז פאַראַן נאָך אַ גרונד, פאַר וואָס אַזאַ אָרגאַניזאַ־ציאָן קען קיינמאָל זיך ניט צושלאָגען צו פולער קראַפט און ווירקזאַמקייט, און דאָ מוזען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו אונזערע אויספיהרונגען וועגען דער שטעלונג פון געזעץ צו אר־בייטער־יוניאָנס און זייער קאַמפף.

לאָמיר אָננעהמען, אַז מיר זיינען פאָלשטענדיג אָרגאַניזירט און אויפ'ן בעסטען אופן — ביז אַלע 100 פּראָצענט ארבייטער, און אָננעמען, אַז מיר קענען אויסהאַלטען אַ „בעלאַגערונג" פּונקט אזוי גוט ווי די מאַנופעקטשורערס אין פאַל פון אַ סטרייק — וועלען נאָך פערבלייבען אַ סך, אַ סך שטערונגען. ערשטענס: אַ סטרייק איז אַ קאַמפף, אַן אָפענער קאַמפף, און אין דעם קאַמפף האָט איין צד, די בעלי־בתים, געוויסע הילפס־מיטעל, וועלכע דער ארבייטער־קלאַס בעזיצט ניט, און די דאָזיגע מיטלען בעשליסען אָפט דעם ערפאָלג אָדער דורכפאַל פון אַ בעוועגונג.

איך מיין דערמיט פריהער פון אַלץ די עקזעקוטיווע מאַכט פון דער פּאָליטישער אַדמיניסטראַציאָן. נעהמט די פּאָליציי אין וועלכער עס איז שטאָדט. עס איז אַלגעמיין בעוואוסט, אַז אין יעדען סטרייק, מאַכט ניט אוים וויפיעל מאָל מען דער־

צעהלט אונז אז מיר האָבען אַ רעכט צו סטרייקען, צו פּיקעטען, ווערען אין דער אמת'ן די סטרייקערס, בעזונדערס די פּיקעטס, אין די מעהרסטע פּעלע בעהאַנדעלט פון דער שטאַדט־אַדמיני־סטראציע און בעזונדערס פון דער פּאָליס אַלס פערברעכער, וואָס שטעהען אויסער'ן געזעץ. די יעניגע פון אייך, וועלכע זיינען ביי אַ געלעגענהייט אַרעסטירט געוואָרען אַלס פּיקעטס און זיינען געקומען פאר די פּאָליס־מעדזשיסטרייטס און זיך בערופען אויף אייערע רעכטע און געזעץ, די האָבען געהאט די ערפאהרונג, אז געגען פּיקעטס איז אַלעמאָל דאָ אַ פּאַראורטהייל.

עס זעהט אויס, אז שוין דערמיט אַליין, וואָס דער מאַן אָדער די פרוי איז געשטאַנען אַלס פּיקעט אין פראָנט פון אַ פאבריק, אַ שאפּ, וואו אַ סטרייק געהט אָן, דערמיט אַליין האָבען זיי שוין זיך פערזינדיגט אין די אויגען פון פּאָליס־מעדזשי־סטרייט.

דאָס אַליין פערערגערט פיעלפאַך די פּאָזיציע פון די אַר־בייטער געגען די בעלי בתים, און אויב דער סאָרט פּאַראורטהייל ווערט ארויסגעוויעזען און אַזאַ אַריינמישען זיך ווערט געפּראַק־טיצירט אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, וואָס דאָס טרעפט זעהר אָפט, איז דאָס גענוג צו ברעכען אַ סטרייק. אָבער דאָס איז ניט דאָס איינציגע, אויף וואָס די ארבייטער שטויסען זיך אָן.

דאָס געזעץ נאָך אין אַנדערע פאָרמען שטעלט זיך געגען זיי: די קאָורטס, די אינדזשאַנקשאַנס, די „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט" פּראָצעסען, — אַט די אַלע מעלות פון געזעץ און פון דער געזעץ־מאַשינעריי, וואָס מיר האָבען דערמאָנט אין אונזערע פריהעריגע לעקציעס, און וואָס זיי אַלע אין פאַל פון אַ סטרייק זיינען צום נוצען פון די בעלי־בתים און צום שאָדען פון די אַרבייטער.

## 7.—ווי שטעהען איינס צום אַנדערן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע טהעטיגקייט פון די ארבייטער?

און דער ארבייטער פיהלט דאָס. דער אָרגאַניזירטער אַר־בייטער קען זיך ניט העלפען. ער מוז צוגעבען, אז זיין אָרגאַ־ניזאַציאָן, זיין יוניאָן איז בעגרענעצט אין איהרע מעגליכקייטען.

איך זאָג עס ניט צו ענטמוטהיגען די ארבייטער. פערקעהרט, די ארבייטער האָבען אַ גאַנץ שטארקען און געזונדען געפיהל פון דער ניצליכקייט פון זייערע יוניאָנס, אָבער דאָך מוזען זיי זיך אָבגעבען אַ חשבון, אַז זייערע יוניאָנס האָבען גאַנץ בעשטימטע גרענעצען, און זיי מוזען זיך מיט דעם רעכענען און זוכען ווי זיך צו העלפען. ווי אַזוי? ערשטענס, די ארבייטער, אָרגאַניזירט אין נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטען, האָבען אינסטינקטיוו גענומען פאָדערען פון דער געזעצגעבונג זי זאָל גוט־מאַכען די עולות, וואָס ווערען זיי געטהאָן. מיט אַנדערע ווערטער, די עקאָנאָמישע טהעטיגקייט פון דער טרייד יוניאָן בעוועגונג האָט אונבעמערקט גענומען זיך פערוואַנדלען אין פּאָליטישער טהעטיגקייט פון גאַנצען ארבייטער־קלאַס. נאָך אַלעמען, איז דער אונטערשיעד צווישען זיי מעהר אַן אויסערליכער, ווי אַן אינערליכער. אַזוי לאַנג ווי די יוניאָן איז בעשרענקט מיט איהר אייגענעם פאַך און אייגענע מיטגליעדער, אַזוי לאַנג ווי איהר ציעל איז צו דערשלאָגען זיך געוויסע בעשטימטע פערבעסערונגען אין דעם ספּעציעלען פאַך און ספּעציעלען אָרט, וועלען איהרע עקאָנאָמישע מיטלען — סטרייקס, באָיקאָטס און אַנדערע — איהר העלפען צו אָט דעם ציעל. אָבער ווען דער ציעל און די הילפע ווערען פערשטאַנען ברייטער, אַלגעמיינער, ווערען אָנגעווענדעט אויף אַ גאַנצער אינדוסטריע, אויף אַ גאַנצען קלאַס ארבייטער, קענען זיי דערגרייכט ווערען פיעל מעהר דורך די מיטעל פון געזעצגעבונג, איידער דורך אַן אגרימענט צווישען ארבייטער און באָסעס. און דורכפיהרען אַ געזעץ מיינט פּאָליטישע טהעטיגקייט.

לאָמיר נעהמען אַ קאָנקרעטען ביישפּיעל. נעהמט אַבי וואָס פאַר אַ טרייד־אגרימענט, וועט איהר געפינען געוויסע בעגרענצונגען, דורך וועלכע די ארבייטער זוכען צו פערקלענערען זייער עקספּלואַטאַציע דורך די קאַפּיטאַליסטען. איהר וועט געפינען אַ בעגרענצונג אין בעצוג צום עלטער, דהיינו, אַז קיין ארבייטער, לאָמיר זאָגען, אונטער 16 יאָהר, טאָר ניט בעשעפטיגט ווערען אין דעם און דעם שאַפּ. איהר וועט געפינען כמעט אין די מעהרסטע פעלע אַ בעשרענקונג פון די ארבייטס־שטונדען. איהר וועט געפינען פאָרשריפטען וועגען אָדער געגען „אָוועד־

טיים"־ארבייט, געוויסע פונקטען וועגען דעם סאַניטאַרען צו־שטאַנד פון שאפּ און וועגען זיכערהייט.

אַט ווען די זעלבע מיטלען — בעשרענקונגען, פאַרשריפּ־טען — ווערען אַנגעווענדעט אויף דעם גאַנצען קלאַס אַרבייטער אין אַ גאַנצען לאַנד, אָדער אין אַ גאַנצער אינדוסטריע פון אַ לאַנד, זיינען זיי שוין פּאָליטישע מיטלען. אַ געזעץ, וואָס בע־גרענצט קינדער־ארבייט, דאָס אָנשטעלען פון קינדער אונטער אַ געוויסען עלטער; אַ געזעץ, וואָס בעשטימט דעם מאַקסימום פון ארבייטס־שטונדען פאַר קינדער, פרויען אָדער אפילו מענער אין געוויסע אינדוסטריען; אַ געזעץ, וואָס שרייבט פאַר נויטיגע זיכערהייטס־מיטלען אין געוויסע אינדוסטריען, די נויטיגע סאַ־ניטאַרע מיטלען פאַר בעשטימטע שעפּער — אַלע אַזעלכע גע־זעצען זיינען ניט מעהר ווי די זעלבע טרייד־יוניאַן מיטלען, נאַר אריינגעשטעלט אין ברייטע ראַהמען, אַנשטאַט די ענגע ראַהמען פון אַ בעשטימטען שאַפּ אָדער שעפּער. און דערגרייכט דורך דער געזעצגעבונג, אַנשטאַט דורך קאָלעקטיווע אגרימענטס. דאַ איז עקאָנאָמישע טהעטיגקייט פערוואַנדעלט געוואָרען אין פּאָליטישע; דער פּרינציפּ, דער ציעל איז אָבער געבליבען דער זעלבער. אזוי ווערען די טרייד־יוניאַנס אינסטינקטיוו און שטופּענווייז אריינגעצויגען אין פּאָליטישער טהעטיגקייט.

### 8.—מיט וואָס איז אַן ארבייטער געזעץ, דורכגעפיהרט פון קאַפּיטאַליסטען, געפעהרליך?

און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. מיר קענען האָבען געוויסע געזעצען אין די געזעץ־ביכער און זיי קענען קלינגען גאַנץ שעהן פאַר'ן פּשוט'ען אויער. אָבער אַן עקספּערט לאָיער אָדער אַ פּערזאָן, וואָס איז ערפאַהרען אין די זאַכען, וועט ביי אַ נעהנ־טערער אונטערזוכונג אויסגעפינען אַזאַ אָדער אַן אַנדער שפּיצעל, וואָס שטעקט אין געזעץ און מאַכט צו גאַרנישט זיין גאַנצען ווערטה. עס קען אויך זיין, אַז אַ געזעץ איז פעהלערלאָז אין דער טהעאָריע, אין אויסדרוק, אין פּרינציפּ, אָבער ווען עס קומט צו אַנווענדען איהם אָדער דורכפיהרען איהם, לאָזט ער זיך ניט. וואָרים אַ געזעץ פיהרט זיך אַליין ניט דורך. עס מוזען זיין מענשליכע אינסטרומענטען, וואָס ברענגען דאָס געזעץ

אין בעוועגונג און פּאַסען איהם צו צו די בעשטימטע בעדינ־גונגען. ווער זיינען די דאָזיגע אינסטרומענטען? צוערשט קומט די פראגע וועגען אויסטייטשען דאָס געזעץ. דאָס זיינען אונזערע קאָורטס. יעדער מין געזעץ קען געלעזען ווערען אין הונדערט פערשיעדענע אופנים, הונדערט פערשיעדענע פּשט'ן קענען אין איהם ארייגעלעגט ווערען, און לעזען לעזט איהם אַ בעשטימטע פּערזאָן — אַ דזשאַדזש. ער קען זיך האלטען פעסט אַן פּרעצעדענטען, אַן פּריהעריגע ענטשיידונגען; ער קען זיך לאָזען פיהרען בלויז פון די פּאַרשריפטען פון זיין מאַיעס־טעט דעם געזעץ, אָבער מיט דעם אַלעמען, קוקט ער פּאַקטיש דורך די ברילען פון זיינע קלאַסען־סימפּאַטיען און נייגונגען. ער קען זיך ניט העלפען, פּונקט אזוי וועניג ווי יעדער איינער פון אונז — מיר מוזען אַלע זאַכען זעהן אין דעם ליכט, אין וועלכען זיי ערשיינען פאַר אונז, אונטער די בעשטימטע אומ־שטענדען, אין וועלכע מיר געפינען זיך.

דאָס איז די געפאַהר — ריכטיגער, די צווייטע געפאַהר. די ערשטע געפאַהר, האָבען מיר שוין געזעהן, איז צו האָבען אַ גוטען געזעץ און אין געזעץ אַ „שפּיצעל“, וואָס מאַכט איהם צו גאָר נישט. די צווייטע געפאַהר איז די אויסטייטשונג פון געזעץ, וועלכע קען פון איהם ארויסטייטשען די נשמה. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אָנגענומען, אז מיר האָבען אַ געזעץ, וואָס איז אויסגעצייכענט, פעהלערלאָז געשריבען, עהרליך, ווי געהעריג פערטייטשט, זיינען מיר נאָך ניט פאַרטיג, ווייל אַ געזעץ מיט די בעסטע אויסטייטשונגען צווינגט זיך ניט ארויף אויף די בעלי־בתים און די ארבייטער מעכאַניש, אויטאָ־מאַטיש. עס מוז אָנגעווענדעט ווערען, דורכגעפיהרט ווערען פון אַ בעשטימטען אַגענט. און עס מוז ווידער אַמאָל דורכ־געהן דורך מענשליכע הענד. אַ געזעץ מוז ווערען אַן אדמיני־סטראַטיווע מיטעל, וואָס ווערט דורכגעפיהרט דורך אַן אדמי־ניסטראַציע, דורך אַ בעשטימטען באַארד, דורך אַ בעשטימטען אָרגאַן פון דער אדמיניסטראַציע. און אז מענשען פיהרען דורך דאָס געזעץ, איז עס ווידער פערבונדען מיט מענשליכע פער־לאַנגען, נייגונגען, אינטערעסען, וועלכע זיינען סוף כל סוף קלאַ־סען־נייגונגען און קלאַסען־אינטערעסען.

אלזאָ, די ארבייטער מוזען קומען צום שלוס, אז אום דורכצופיהרען זייער פּראָגראם, די ערשטע פּראָגראם פון זייער ערשטער טרייד־יוניאָן — נעמליך אויסצובעסערן די עקאָנאָמישע בעדינגונגען פון די ארבייטער אין אַ געוויסער אינדוסטריע, דארפען זיי ניט נאָר קומען אין בעריהרונג מיט דער געזעצגעבונג, נאָר זיי דארפען אויך שיקען געהעריגע פערטרעטער אין די געזעץ־געבענדע קערפּערשאַפטען, וועלכע זאָלען אויסארבייטען זייערע בילס, צו פערטהיידיגען זייערע פאָדערונגען אויף אַ פּאסענדען אופן. און זיי דארפען האָבען דזשאָדזשעס, וועלכע זאָלען פערטייטשען זייערע געזעצען אין אַ סימפּאטישען זין פאר די ארבייטער, פאר וועמענס שוץ און פערטהיידיגונג דאָס געזעץ איז בעשטימט געווען; און זיי דארפען האָבען אַן אדמיניסטריישאָן — אַ שטאָדטישע אָדער אַ סטייט אדמיניסטריישאָן, ווי דער פאל זאָל ניט זיין, און אין מאנכע פעלע אויך אַ פעדעראַלע אדמיניסטריישאָן, וועלכע זאָל זיך שטעלען אויפ'ן ארבייטער'ס שטאַנדפּונקט ביים אָנווענדען דאָס געזעץ.

ווער זשע אָבער וועט זיך שטעלען אויפ'ן ארבייטער'ס שטאנדפּונקט? מיר האָבען געזעהן אין די פריהעריגע לעקציעס, אז נאָך אַלעמען, אין אינדוסטריעלע פראגען, דאָרט וואו עס שטויסען זיך צוזאמען ארבייטער און באָסעס, ווערען די אישיום דיקטירט ניט פון סענטימענטען און ניט פון שטאנדפּונקטען, נאָר פריהער פון אַלץ פון דירעקטע אינטערעסען. און די זעלביגע אינטערעסען ברענגען די צדדים אין אַ צוזאמענשטויס אויך ביים פאָרמולירען, פערטייטשען און דורכפיהרען די געזעצען. און סוף כל סוף וועלען אלס כלל, מיט ווענינגע אויסנאהמען, עס זיין די עקאָנאָמישע אינטערעסען, וואָס וועלען פיהרען מיט די הענד פון דער רעגיערונג'ס בעפאָלמעכטיגטע, פון די רעגיערונגס־אָרגאַנען.

אלזאָ, דער נעקסטער לאָגישער שלוס פון אָרגאניזירטען ארבייטער דארף זיין ניט נאָר, אז ער דארף צוגעבען פּאָליטישע טהעטיגקייט צו זיין עקאָנאָמישער טהעטיגקייט, נאָר אויך אז די פּאָליטישע טעטיגקייט זאָל זיין זיין אייגענע ארבייטער־טהעטיגקייט; אז עס איז אין די אינטערעסען פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער בכלל, אז ניט נאָר דארפען אָנגענומען ווערען

נעזעצען פאַר זיין טובה וועגען, נאָר די געזעצען דארפען פּאָר־מולירט ווערען פון זיינע פערטרעטער, פון זיינע פערטרעטער אויסגעטייטשט און פון זיינע פערטרעטער דורכגעפיהרט אין לעבען.

מיט אנדערע ווערטער, אז די אָרגאַניזירטע ארבייטער, אום צו דערשלאָגען זיך וויפיעל מעגליך אונטער די געגעבענע אומ־שטענדען, דארפען זיין אָרגאַניזירט ניט בלויז אין א יוניאָן און ניט אפילו אין אַן אינדוסטריעלער יוניאָן בלויז, נאָר זיי דארפען אָרגאַניזירט זיין פּאָליטיש אזוי ווי עקאָנאָמיש — איןביידע פעלע אַלס א פעראייניגטער ארבייטער קלאַס, אַלס קלאַסען־אָרגאַניזאציאָן.

## 9.—וואָס זאָל זיין דאָס פּראָגראַם פון דער פּאָליטישער אַרבייטער בעוועגונג? — מיין ויכוח מיט גאָמפּערס'ען.

און דאָ איז דאָ נאָך א פּונקט. ווען מיר קומען צום שלוס, אַז די עקאָנאָמישע ארבייטער־בעוועגונג דארף אונבעדינגט ארויסגעהאָלפען ווערען פון א פּאָליטישער ארבייטער בעוועגונג, שטעלט זיך די פראגע: וואָס זאָל אַזא ארבייטער־בעוועגונג פאָרשטעלען מיט זיך? וואָס זאָל זיין איהר פּראָגראַם?

די טרייד יוניאָן בעוועגונג דארף ניט האָבען א גענוי פאָר־מולירטע פּראָגראַם. עס איז גענוג אַן אַלגעמיינע ערקלעהרונג אין די איינלייטונגען צו די קאָנסטיטושאָנס פון די פערשיעדענע טרייד יוניאָנס, אַז די יוניאָן איז אָרגאַניזירט מיט דעם צוועק צו פערבעסערען די ארבייטס־בעדינגונגען אין טרייד, אינדוס־טריע א. אז. וו. מען רעדט ארום גענוי, אין וואָס די פערבעסע־רונג דארף בעשטעהן, און דאָס איז אויך נאַטירליך, ווייל דאָס העננט פּאָלשטענדיג אָפּ פון דער לאַגע, וועלכע ענדערט זיך פון טאָג צו טאָג. דאָס איז דער אַלטעגליכער קאַמפּף פאַר דירעקטע אויסבעסערונגען, וואָס ווערט געפיהרט אין די פער־שיעדענע שעפּער און פעקטאָרים פון דער אינדוסטריע.

אָבער פּאָליטישע טהעטיגקייט מיינט ברייטע אַלגעמיינע טהעטיגקייט, מיינט פּלאַנמעסיגע טהעטיגקייט. זי נויטיגט זיך אין א פּראָגראַם. און וואָס דארף זיין די אונבעדינגט נויטיגע,

לאַגישע פּראָגראַם פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אויף דעם פּאָליטישען געביעט פון זייער טהעטיגקייט?

ווען איהר וועט פרעגען אַ זעהר קאָנסערוואַטיווען טרייד־יוניאָניסט, וועלכער גיט אָפּ די בכורה דער עקאָנאָמישער אַר־בייטער בעוועגונג און וועלכער לייקענט די נויטיגקייט פון אַן אונאָבהענגיגער פּאָליטישער טהעטיגקייט, ווען איהר וועט איהם פרעגען: „וואָס איז דער ציעל פון אייער טרייד יוניאָן בעוועגונג?“ וועט איהר בכלל בעקומען פון איהם אַ זעהר געמעסיגטע ערקלעהרונג: „אָה, עטוואָס בעסערע ווייִדזשעס; ערטרעגליכערע שאָפּ־בעדינגונגען; קירצערע שטונדען“, און דאָס אַלץ.

איך האָב שוין געהאט די ערפאהרונג, און מיין אינטערע־סאַנטסטע ערפאהרונג איז געווען מיט מר. סעמועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו פיהרען מיט איהם אַ ביסעל אַ לוסטיגע דיסקוסיאָן פאַר דער קאָמישאָן אָן אינדאָסטריעל ריליי־שאָנס. איך האָב איהם געשטעלט אָט די פראַגע: „מר. גאָמ־פּערס, האָט די אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר אַ פאָל־שטענדיג אויסגעאַרבייט פּראָגראַם, דערפיהרט ביז זיינע לעצטע קאָנזעקווענצען?“ ער ענטפערט: „ניין, מיר האָבען ניט צו טהאָן מיט דער צוקונפט. מיר גיבען זיך ניט אָפּ מיט אוטאָפּיען און טרוימען. מיר זיינען פּראַקטישע מענשען. מיר אַרבייטען פון טאָג צו טאָג, פאַר טעגליכע פערבעסערונגען“. איך זאָג איהם: „זעהר גוט. האָט איהר געשטעלט אַ בע־שטימטען גרענעץ פאַר זיך?“ — „וואָס מיינט איהר?“. „אין אַן אינדוסטריע, צום ביישפּיעל, בעקומען די אַרבייטער 15 דאָלאַר אַ וואָך און ווילען 18; זיי אַרבייטען 9 שטונדען און ווילען 8, און זיי בעקומען די 18 דאָל. און די 8 שטונדען. וועט איהר זיך צופריעדען שטעלען? וועט איהר פּאָנאַנדערלאָזען אייער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר און זאָגען, אַז די אַרביי־טער האָבען בעקומען אַלץ, צו וואָס זיי זיינען געווען בערעכ־טיגט?“ „אָה, ניין!“—ענטפערט ער מיר—„מיר ווילען פערלאַנגען מעהר“. „זעהר גוט, און איהר וועט בעקומען מעהר. איהר וועט בעקומען 21 אָדער 25 דאָלאַר אַ וואָך און 6 שטונדען. וועט איהר דאַן זיך צופריעדען שטעלען? וועט איהר אויפלעזען אייער

אָרגאַניזאַציאָן און זיך פּרעהען דערמיט, וואָס די אַרבייטער האָבען שוין אַלץ, צו וואָס זיי זיינען געווען בערעכטיגט?". „ניין, — זאָגט ער, — אויך דאַן וועלען מיר פאָדערען מעהר". „אַלע מאָל מעהר?" — „אַלע מאָל מעהר". „קיינמאָל זיך ניט אָבשטעלען אין אייערע פּאָדערונגען?" — „קיינמאָל זיך ניט אָבשטעלען אין אונזערע פאָדערונגען". „און איצט, מר. גאָמ־פּערס, וועט איהר זיך אָבשטעלען קורץ בעפאָר די אַרבייטער האָבען בעקומען דעם גאַנצען פּראָדוקט פון זייער אַרבייט, דעם גאַנצען סאָציאַלען פּראָדוקט, מיט אַ ווײַלע פריהער, איידער די פולע סאָציאַלע בערעכטיגקייט איז געטאָן געוואָרען?" — „ניין!".

## 10.—ניטאָ קיין אַנדער אונטערשיעד צווישען דער קאָנ־סערוואַטיווער און סאָציאַליסטישער אַרבייטער בעוועגונג, ווי נור אין בעוואוסטזיניגקייט.

און דאָ האָט ער בעוואוסטזיניג פאָרמולירט דעם אונ־בעוואוסטען, געוועהנליך אונפאָרמולירטען פּראָגראם פון דער ריין עקאָנאָמישער בעוועגונג, פון דער קאָנסערוואַטיווסטער אַר־בייטער־בעוועגונג. דורך דער נאַטור פון דער זאַך גופא, ניט אָבגעבענדיג זיך קיין חשבון, מוזען די אַרבייטער זיך שטעלען אויף איין בעשטימטער פּאָזיציאָן — קעמפּפען; און דער קאַמפּף, אויסגעקעמפּפט אין קליינינקייטען, טריט ביי טריט, צאָל ביי צאָל, מוז סוף כל סוף פיהרען צו דער אָבשאַפונג פון דעם גאַנצען פּראָפיטען־סיסטעם, דאָס סיסטעם פון אונ־בעצאָהלטער אַרבייט, דאָס סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע פון די אַרבייטער. מיט אַנדערע ווערטער, עס מוז פיהרען גענוי צום פּונקט פון דער סאָציאַליסטישער פּראָגראם — צו דער סאָציאַ־ליזירונג פון די אינדוסטריען, פון די אַרבייטס־אינסטרומענטען, פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, — דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער ווערטה פון דער אַרבייט, פון די פּראָדוקטען פון דער אַרבייט, זאָל געהערען צו דער גאַנצער געזעלשאַפט.

דאָס מוז אונבעדינגט זיין דאָס בעוואוסטזיניגע פּראָגראם פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער.

דער אונטערשיעד צווישען די, וואָס מען רופט קאָנסער־וואַטיווע אָרגאַניזאַציאָנען, צווישען דער „פּיור און סימפּעל“ טרייד יוניאָן בעוועגונג פון אַלטען טיפּ, און דעם ראַדיקאַלסטען פליגעל פון דער בעוועגונג, דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, איז ניט אין פּרינציפּ, איז ניט אַפילו אין גראַד, נאָר פריהער פון אַלץ אין בעוואוסטזיניגקייט אָדער אונבעוואוסטזיניגקייט. דאָ דאַרף מען נאָר בעוואוסטזיניג אַרויסברענגען פון פּראָגראַם פון דער בעוועגונג זיינע לעצטע לאָגישע אויספיהרונגען. נאָר מאַנכע בלייבען שטעהן און ציהען ניט דעם לעצטען שלוס. און דערפאַר זאָג איך, אַז אין אַלע מאָדערנע לענדער, מיט דעם איינ־ציגען און וויכטיגסטען אויסנאַהם פון יונייטעד סטייטס, האָ־בען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער שוין לאַנג געצויגען דעם שלוס, אַז אום זייער אַרבייט זאָל זייןווירקזאַם, אום עפּעס אויפצו־טהאָן מיט איהר, אום זייער מיה און קאַמפּף זאָל ברענגען רעזול־טאַטען, דאַרפען זיי גלייכצייטיג זיין אָרגאַניזירט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש.

## 11. — די שייכות צווישען דער עקאָנאָמישער אַרבייטער בעוועגונג און דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אייראָפּאַ.

אין די אייראָפּעאישע לענדער האָבען מיר פּאַקטיש קיין אויסנאַהם פון דעם כּלל. די גאַנצע אָרגאַניזירטע אַרבייטער־שאַפט האָט פול און גאַנץ דערקענט איהר פּאָזיציאָן.

אין ענגלאַנד, וואו די טרייד יוניאָן בעוועגונג איז פריהער ענטשטאַנען איידער די סאָציאַליסטישע, אָדער אַלענפאַלס צו־ערשט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע פון ענטוויקלונג, איז דער טיפּ פון קאָנסערוואַטיווען, „פּיור ענד סימפּעל“ טרייד יוניאָניסט געווען פאַר אַ רייהע יאָהרען דער הערשענדער. ביז צו לעצט האָט די קראַפט פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, צוזאַמען מיט איינינע ספּעציעלע פיינדליכע געזעץ־אַקטען גע־גען די טרייד יוניאָנס און איינינע אַרבייטער־פיינדליכע קאָורט־ענטשיידונגען — אַלע צוזאַמען האָבען אַרויסגעריסען די אָר־גאַניזירטע ענגלישע אַרבייטער פון זייער אַלטגעזעסענער פּאָ־

זיציאָן און זיי אַריינגעוואָרפען אין אונאבהענגיגער פּאָליטישער אַרבייטער־טהעטיגקייט. און כאָטש די טהעטיגקייט האָט ניט אָנגענומען די פאָרם, וואָס זי האָט אויפ׳ן אייראָפּעאישען קאָנ־טינענט, די פאָרם פון אַ ריינער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, דאָך ווערט זי אָנגעפיהרט אין ענגער סאָלידאַריטעט מיט דער אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, אַלס אונאָבהענגיגע, בעוואוסטזיניגע קלאַסען־בעוועגונג.

אין דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד איז צוערשט אויפ־געקומען די סאָציאַליסטישע בעוועגונג. די טרייד יוניאָן בע־וועגונג איז בעשאַפען געוואָרען ערשט דורך דער סאָציאַליס־טישער בעוועגונג. איהר זעהט די לאַגע איז דאָרט אַנדערש געוועזען. דאָרט איז ניט געוועזן דער פאַל, ווי אין ענגלאַנד, אַז צוערשט האָבען די אַרבייטער זיך אָרגאַניזירט, בעוואוסטזיניג אָדער אינסטינקטיוו, אין עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָנען און דאַן שטופענווייז געקומען צו פּאָליטישער טהעטיגקייט. דאָרט האָ־בען די אַרבייטער, אין דעם פולען בעוואוסטזיין פון זייערע קלאַסען־אינטערעסען, צוערשט זיך אָרגאַניזירט אין אַ פּאָליטי־שער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס פערטרעט דעם גאַנצען אַרבייטער־קלאַס, אין אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און זייענדיג אַזוי אָרגאַניזירט האָבען זיי דערפיהלט, אַז אום צו דערגרייכען פולע קראַפט, מוזען זיי אונטער זייער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן אונטערפיהרען אַן עקאָנאָמישען פונדאַמענט, מוז זייער בעווע־גונג האָבען צוויי אָרמס — אַ פּאָליטישען און אַן עקאָנאָמישען. און זיי האָבען מיט פולען בעוואוסטזיין געשאַפען די עקאָנאָ־מישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען אָדער די טרייד יוניאָן בע־וועגונג פון זייערע לענדער.

דער אידעאַלסטער צושטאַנד איז פיעלייכט דערגרייכט געוואָרען אין די סקאַנדינאַווישע לענדער און אין בעלגיען, ווענינגסטענס פאַר דער מלחמה, און ביז צו אַ וויטען גראַד אין האָלאַנד. דאָרט איז די אָרגאַניזירטע אַרבייטער־בעוועגונג פאַקטיש גלייכצייטיג אַן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, אָרגאַ־ניזירט פאַר עקאָנאָמישע צוועקען לויט די שעפער און פעק־טאָרים און פאַר פּאָליטישע צוועקען לויט די טעריטאָריעס.

אָבערביידע אָרגאַניזאַציאָנען ווערען געשטיצט פון די זעלבע מענשען, פון די זעלבע מיטגליעדער, פון די זעלבע פּאָלקס־מאַסען, וועלכע פערנעהמען זיך דאָ מיט עקאָנאָמישע טהעטיג־קייט, דאָ מיט פּאָליטישער טהעטיגקייט, לויט די אומשטענדען פון צייט און אָרט.

די מוסטער־אָרגאַניזאַציאָן פון דעם סאָרט איז געווען די בעלגישע ארבייטער־פּארטיי, וועלכע האָט קאָמבינירט אין איינעם די קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג, די טרייד יוניאָן בעוועגונג און די פּאָליטישע אָדער סאָציאַליסטישע בעוועגונג. די איינ־הייט, די גרונד־אָרגאַניזאַציאָן איז אין די מעהרסטע פעלע געווען דער קאָאָפּעראַטיוו, און די זעלבע מיטגליעדער, וואָס האָבען געהערט צום קאָאָפּעראַטיוו, זיינען אויך געווען אָרגאַניזירט לויט זייערע פערשיעדענע פאכען אין טרייד־יוניאָנס, אַלע נאַטירליך פעסט פערבונדען איינע מיט ־ער אַנדערער, און די זעלבע מיטגליעדער אין צייט פון וואהלען אָדער ביי עהנליכע געלע־גענהייטען פלעגען זיין אָרגאַניזירט פאַר פּאָליטישע צוועקען. פאַקטיש פלעגען פאַר אַלע די צוועקען געברויכט ווערען איינע און די זעלבע פאָנדס. אַן אָרגאַניזאַציאָן פון דעם סאָרט איז נאַטירליך די פּאָלקאָמענסטע אָרגאַניזאַציאָן, וואָס די ארבייטער האָבען געהאט ענטוויקעלט ביז איצט.

## 12.—די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּארטיי און די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָף לייבאָר.

אין יונייטעד סטייטס צייכענט זיך די ארבייטער־בעוועגונג אויס פּיעלייכט מיט דער הינטערשטעליגסטער פאָרם פון אָר־גאַניזאַציאָן — הינטערשטעליג אַפילו אין דעם געבוי פון די טרייד־יוניאָנס. דער אַלטער אָבגעלעבטער פּרינציפּ פון אויטאָ־נאָמיע פון יעדען טרייד און פון יעדען פאַך הערשט נאָך אין די מוחות פון די פיהרער פון דער בעוועגונג. די בעוועגונג האָט ווי פערשלאָפען די ענטוויקלונג פון די לעצטע 20—30 יאָהר און האָט ניט געמערקט די גרויסע אינדוסטריעלע ענדערונגען, וועלכע האָבען צונויפגעבונדען דעם גאַנצען ארבייטער־קלאַס אין איין בונד.

הינטערשטעליג איז זי אויך זעהר שטאַרק, גאָר בעזונדערס

שטאַרק, אין פּונקט וועגען דער שייכות צווישען דער עקאָנאָ־מישער און פּאָליטישער בעוועגונג. דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פליגעל פון דער בעוועגונג, די טרייד יוניאָן בעוועגונג און די סאָציאַליסטישע בעוועגונג זיינען שארף און שטרענג אָבגעטהיילט איינע פון דער אנדערער.

איהר ווייסט געוויס, אַז די אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, אַזוי ווי דער הויפּט־פאָרשטעהער פון דער אָרגאַניזיר־טער ארבייטער־בעוועגונג, פערוואַרפט טהעאָרעטיש פּאָליטיקס אין גאנצען. איינער פון די פּונקטען פון דער קאָנסטיטושאָן פון דער פעדערײשאָן — דער פּונקט צעהלט שוין אַן עלטער פון 35 יאָהר — פערוועהרט יעדע פעראייניגונג מיט אַ וועלכער עס איז פּאָליטישער פּאַרטיי, און דאָס מיינט, אַז דעריין ווערען אויך איינגעשלאָסען די פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען אויס־שליסליך געשאפען פון ארבייטער אָדער פון גאנצען ארבייטער־קלאַס פאַר די צוועקען פון ארבייטער־קלאַס, פאַר דירעקטער אונטערשטיצונג פון די אויפגאבען און ציעלען פון דער טרייד־יוניאָן בעוועגונג.

און צו דער זעלבער צייט איז די שטעלונג פון דער פעדע־ריישאָן אַזוי אונקאָנזעקווענט — און מוז אַזוי זיין! — אַז איינע פון די הויפּט־אויפגאבען, וואָס זי שטעלט זיך, אויף צו להכעיס דעם חרם וואָס זי לעגט ראויף אויף יעדער פערבינדונג מיט אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, איז דערשלאָגען זיך גינסטיגע נאַציאָנאַלע ארבייטער־געזעצגעבונג. און אַזוי געפינען מיר, אַז דער הויפּט־צווייג פון אונזער אָרגאַניזירטער ארבייטער־בעוועגונג פלעגט יאָהר איין, יאָהר אויס בעת די וואהלען פּאָ־ליטיש זיך יא פעראייניגען — אָדער כמעט זיך פעראייניגען — מיט איינער פון די אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען, מיט דער דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי. אונטער דעם אויסרייד צו בעשטראָפען פיינד און בעלוינען פריינד, איז זי פאקטיש פערטהאָן געוועזען אין פּאָליטיקס, אונטערשטיצענדיג פּאָליטישע פּאַרטייען, אָנ־שליסענדיג זיך אָן פּאָליטישע קאמפּיינס, אָבער ניט אַלס זעלבסטשטענדיגע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען, אַלס אַ זעלבסט־שטענדיגע פּאָליטישע ארבייטער פּאַרטיי, נאָר אַלס אַ צוטשע־פּעניש צו איינער פון די אַלטע פּאַרטייען, וועלכע פערטרעטען

פּאָליטיש מעהרסטענס די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען.

אָט די הינטערשטעליגקייט פון דער אַמעריקאַנער אַרביי־טער־בעוועגונג איז אַם מעהרסטען פעראַנטוואָרטליך דערפאַר וואָס זי איז אין גאָר פיעלע הינזיכטען אַזוי פּרוכטלאָז, אַזוי אָרים אין רעזולטאַטען. ווען מיר מאַכען דעם סך־הכל פון איהרע האַלבע ערפאָלגען און גאַנצע דורכפאַלען ביי פילע געלע־גענהייטען, מוזען מיר עס צושרייבען דער קינסטליכער צוטהיי־לונג צווישען איהרע פערשיעדענע פונקציאָנען און טהעטיג־קייטען. אָבער ווען מיר שטעלען זיך די פראַגע: „ווי קען די אַרבייטער בעוועגונג אין אונזער לאַנד געקרויגט ווערען מיט בּאַלשטענדיגען ערפאָלג?" — מוזען מיר זיך ענטפערען, אַז אַ פאָלשטענדיגען ערפאָלג וועט זי קיינמאָל ניט דערגרייכען, ווייל בכלל קען פאָלשטענדיגע גערעכטיגקייט ניט דערגרייכט ווערען פאַר'ן אַרבייטער־קלאַס, אַזוי לאַנג עס הערשען די איצ־טיגע אומשטענדען. נאָר די העכסטע שטופע פון ווירקזאַמקייט אונטער די איצטיגע אומשטענדען קען דערגרייכט ווערען, ווען אַ שטאַרקע אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציאָן וועט זיך פערבינדען מיט בעוואוסטזיניגער פּאָליטישער אַקציאָן, מיט אונאַבהענגיגער באַציאַליסטישער קלאַסען־פּאָליטיק.

און דאָס איז אונזער אַביסעל אונגעזעצליכער שלום פון אונזער קורס וועגען „אַרבייטער און געזעץ".

איך האָב ניט ערוואַרט, אַז אין אַ קורס פון פינף קורצע לעקציעס זאָלען מיר פאָלשטענדיג דעקען אונזער טהעמא. דאָס איינציגע, וואָס איך האָב געקענט טהאָן, איז צו ציהען אייער אויפמערקזאַמקייט צו געוויסע הויפּט־פּראָבלעמען, אין דער האָפנונג, אַז איהר אַליין וועט ווייטער נאָכטראַכטען וועגען זיי, אַז איהר וועט פיעלייכט זיך אַביסעל מעהר אָפּגעבען מיט שטודירען דיעזע פּראָבלעמען, און אין דער ווייטערער האָפנונג, אַז אפשר וועל איך נאָך אַליין האָבען די געלעגענהייט — ווידער צונויפצוטרעפען זיך מיט אייך אום צו דיסקוטירען די זעלבע פראַגען ברייטער און אויספיהרליכער.

ע נ ד ע.